STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11382

KAPITALIZM, SOTSYALIZM UN KOMUNIZM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַפּיטאַליזם
סאָציאַליזם
און קאָמוניזם

פאַרלאַג:
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
32 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק

Copyright 1931
by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER, INC.
32 UNION SQUARE, NEW YORK
26

1. צוויי קלאַסן

וואָס איז קלאַסן־קאַמף ,—קלאַסן־קאַמף אַמאָל און היינט.—גלייכקייט און שקלאַפעריי און גלייכקייט און גליק.—דער קאַמף פון ארבעטער געגן קאַפּיטאַליסטן.—די פראַנצויזישע רעוואָלוציע.—די ארבעטער שטורעמען די באַסטיליע.—"גלייכהייט אונטער די דעכער פון אונזערע שטיבער".—בורזשואַזע רעוואָלוציע לאָזט ניט די ארבעטער זיך צו אָרגאַניזירן.—דער „פאַראיין פון גלייכע" דערפילט דעם טעם פון בורזשואַזער גלייכהייט.—דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט".—וואָס איז דער עצם פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם?

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דער קאַמף צווישן אונטערדריקטע און אונטערדריקער. בלויז אין דעם באַגינען פון דער מענטשהייט, ווען מענטשן זיינען נאָך געווען „ווילד", געפינען מיר פּרימיטיווע קאָמונעס. אין יענע קאָמונעס זיינען אַלע מענטשן געווען גלייך. דאָס איז אָבער געווען אַ גלייכהייט אין שקלאַפעריי. און די פּרימיטיווע קאָמונע האָט לאַנג ניט געדויערט. פון איר מיטן האָבן זיך ארויסגעטיילט הויפּטלינגען, און די געזעלשאַפט האָט זיך צעטיילט אויף צוויי גרופּן: די וואָס האָבן געאַרבעט און געלעבט אין אָרימקייט, און די וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט די רעזולטאַטן פון יענעמס ארבעט. צווישן אָט די צוויי גרופּן אָדער קלאַסן גייט אָן אַ קאַמף וואָס ציט זיך דורך לאַנגע יאָרהונדערטער. די געזעלשאַפט האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין אַנטוויקלען, דער אינהאַלט פון לעבן און די פאַרהעלטנישן צווישן קלאַסן האָבן זיך געענדערט. איין קלאַס איז אַוועק כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ צווייטן. אָבער קלאַסן זיינען געבליבן, די צעטיילונג האָט אָנגעהאַלטן און דער קאַמף צווישן די קלאַסן האָט ניט אויפגעהערט.

ס'איז געווען אַ צייט ווען פון איין זייט זיינען געווען שקלאַפן־אייגנטימער, פון דער אַנדערער—שקלאַפן. דאָס זיינען געווען צוויי קלאַסן, וואָס האָבן געהאַט פאַרקערטע אינטערעסן. די שקלאַפן־אייגנטימער האָבן געהאַט איין אינטערעס — אויסצופּרעסן פון די שקלאַפן וואָס מער, בעת די שקלאַפן האָבן געהאַט אַ פאַרקערטן אינטערעס,—צו לעבן וואָס בעסער. און כאָטש די שקלאַפן האָבן נאָך ניט געהאַט קיין גענויע פּראָגראַם, ניט געהאַט קיין אייגענעם געזעלשאַפטלעכן פּלאַן, וואָס זאָל זיי אָנרעגן צום קאַמף, האָבן זיי דאָך געקעמפט געגן זייערע אונטערדריקער. אין דער געשיכטע פון שקלאַפעריי איז פאַראַן אַ צאָל מאָמענטן וואו די שקלאַפן האָבן געמאַכט ריזיגע אויפשטאַנדן, אמת'ע פאָלקס־אויפשטאַנדן.

דאָס לעבן האָט זיך געענדערט, עס איז געקומען אַ צווייטער פּעריאָד. דער ריטער, באַוואָפנט מיט דעם שווערד האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם שקלאַפן־אייגנטימער. דער ריטער האָט אַזוי לאַנג „פאַרטיידיגט" און „באַשיצט" זיינע פּויערים, ביז ער האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן, אין פּאַנשטשיזניקעס, וואָס זיינען געווען צוגעשמידט צו דער ערד פון זייער האַר. די פאַרהעלטענישן צווישן די פּריצים און זייערע לייב־אייגענע זיינען ניט געווען די זעלביגע ווי צווישן די שקלאַפן־אייגנטימער און זייערע שקלאַפן. די פּויערים זיינען ניט געווען דאָס אייגנטום פון דעם פּריץ, נאָר זיי זיינען געווען צוגעבונדן צו דער ערד, וואָס האָט געהערט דעם פּריץ. אַזוי אַרום האָבן די פּויערים באַלאַנגט צום פּריץ ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט דער ערד.

עס פארשטייט זיך, אז די פויערים האָבן געהאַט איין אינטערעס, די פריצים — אַ צווייטן. דער פריץ איז געווען פאראינטערעסירט אַרויסצוקריגן פון די פויערים וואָס מער, בשעת דער פויער האָט גאָר געגאַרט אַליין הנאה צו האָבן פון די פרוכטן פון זיין פראַצע. אין אַלע לענדער איז אָנגעגאַנגען אַ טעמפּער קאַמף. די פויערים האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטן קאַמף־פּלאַן, נאָר זיי האָבן דאָך געפירט אַ קלאַסן־קאַמף געגן זייערע אונטערדריקער, אַ קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן. די אונטערדריקער, פון זייער זייט, האָבן פאַרטיידיגט זייערע אייגענע אינטערעסן און האָבן געדריקט די פויערים וויפיל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. די געשיכטע דערציילט אונז פון אַ גאַנצער ריי אויפשטאַנדען, פון גאַנצע כוואַליעס פויערשע באַוועגונגען. די געשיכטע פון פעאָדאַליזם אָדער לייב־אייגנטום איז פול מיט פויערשע רעוואָלטן. די פויערים האָבן געוואָלט זיין די פולע באַלעבאַטים פון זייער ערד. זיי האָבן געקעמפט געגן דער השגחה און געגן דער מאַכט פון די פריצים, זיי האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט און פאַר ערד.

פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער די דערפער, האָבן די פויערים ניט געקענט פירן קיין אָרגאַניזירטן קאַמף. זייער צאָרן געגן די פריצים האָט זיך אויסגעדריקט אין מאָרדן, רעוואָלט, אונטערצינדערייַ, אויפשטאַנדן. צומאָל האָבן די דאָזיגע בונטן אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון ריזיגע פאָלקס־אויפשטאַנדן. די שונאים פון די פויערים זיינען געווען שטאַרקער אַ דאַנק זייער אָרגאַניזירטער מאַכט, זייער אַרמיי, פּאָליציי און דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון אונטערדריקונג. זיי האָבן איבערגעגעבן די רעוואָלטירנדיגע פויערים צום פייער און צו דער שווערד, האָבן גע׳הרג׳עט די רעבעלן אין די טויזנטער, האָבן פאַרברענט זייערע דערפער. די פויערים אין יענע בונטן זיינען אומגעקומען אין דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן.

דער דריטער פעריאָד איז דער קאַפּיטאַליסטישער, ווייל זיין יסוד איז די מאַכט פון קאַפּיטאַל.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג זיינען אַלע מענטשן אויסערלעך גלייך. ווען מיר גייען צוריק צו דער געשיכטע פון דער אַלטער בורזשואַזער רעפּובליק אין פראַנקרייך און צו איר גרונט־געזעץ, וואָס איז באַוואוסט אונטער׳ן הויכן נאָמען — „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון דעם מענטשן און בירגער“ — וועלן מיר דאָרט איבערלייענען, אַז אַלע מענטשן זיינען געבאָרן גלייך און אַז אַלע האָבן די זעלביגע רעכט זיך צו באַנוצן מיט די גוטע זאַכן פון לעבן. עס צירן זיך דאָרט שטאָלץ די ווערטער: „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט“.

אין דער דעקלאַראַציע פון דער אַמעריקאַנער זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1776, איז דער זעלביגער געדאַנק אויסגעדריקט נאָך העלער: „אַלע מענטשן האָבן די זעלביגע רעכט אויף לעבן, פרייהייט און גליק“. וואָס־זשע נאָך דאַרף מען? דאָס זיינען אָבער בלויז שיינע ווערטער. אין דעם אמת׳ן לעבן איז עס גאַנץ אַנדערש.

אונטער׳ן קאַפּיטאַליזם זיינען אַלע מענטשן, דאַכט זיך, טאַקע גלייך.

דער קאַפּיטאַליסט קען ניט פאַרקויפן דעם אַרבעטער; דער פּריץ קען ניט צו־בינדן דעם פּויער צו דער ערד. שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט, פּאַנטשינע אויך. אָבער קיין עקאָנאָמישע גלייכהייט איז ניטאָ. ס'האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ נייע שקלאַפעריי, די שקלאַפעריי פון אַרבעט־לוין.

דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, דער קאַמף מיט דער מעכטיגער נאַטור האָט געצוואונגען די מענטשן צו דערפינדן געציייג. ווען דער מענטש איז געגאַנגען אויף יאַגד, האָט ער געדאַרפט האָבן אַ בויגן און פיילן אויף בייצוקומען דעם בער און דעם וואָלף. ווען ער איז געגאַנגען כאַפּן פיש, האָט ער געדאַרפט האָבן אַ ווענטקע און אַ נעץ. ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד האָבן זיי געדאַרפט האָבן געציייג אויף צו אַקערן, זייען, שניידן. פון סאַמע אָנהויב האָט די מענטשהייט געמוזט אָנקומען צו געציייג, ווי אַ מיטל אויף צו פּראָדוצירן נויטיגע זאַכן. וואָס ווייטער די מענטשהייט האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ אַ גרעסערע באַדייטונג האָבן באַקומען אָט־די פּראָדוציר־מיטלען פון דער געזעלשאַפט.

אין דער שעה ווען דער מענטש האָט דערפונדן די דאַמף־מאַשין און גע־לאָזט לויפן דאַמף־שיפן און אייזנבאַנען, איז ער געוואָרן אַ סך שטאַרקער און האָט איינגעשפּאַנט די נאַטור־כחות צו דינען דער געזעלשאַפט.

אָבער שטענדיג און אומעטום איז די געזעלשאַפט געווען איינגעטיילט אין קלאַסן — אַ קלאַס הערשער און אַ קלאַס אונטערדריקטע. מיט דער אַנט־וויקלונג פון דער געזעלשאַפט זיינען געשטיגן די פאַרמעגנס פון די אונטער־דריקער. זיי זיינען רייכער, שטאַרקער און מער באַפעסטיגט אין זייערע גע־זעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. די פּראָדוציר־מיטלען, די מאַשינען און פאַבריקן זיינען אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון ריזן, און די מענטשן וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום זיי האָבן, אין פאַרגלייך, אויסגעזען קליין און נישטיג. די אייגנטימער פון אָט־די פּראָדוציר־מיטלען זיינען געוואָרן אַלמעכטיגע הער־שער.

וועמען־זשע געהערן די פּראָדוציר־מיטלען? זיי געהערן צום הערשער־קלאַס. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי געהערן ניט צום גאַנצן קלאַס, נאָר צו איינ־צעלנע מענטשן און גרופּן, אָבער אָט־די איינצעלנע און גרופּן צוזאַמענגענו־מען, שטעלן מיט זיך פאָר דעם הערשנדיגן קלאַס. איינער פון זיי פאַרמאָגט אַ פאַבריק, אַ צווייטער—אַ מאַשין, אַ דריטער—אַן אייזנבאַן, אָבער אַלע צוזאַמען זיינען זיי דער קלאַס וואָס איז דער באַלעבאָס איבער די פּראָדוציר־מיטלען. די באַלעבאַטים פון די פּראָדוציר־מיטלען האָבן פאַרשטאַנען די מאַכט און די באַדייטונג פון פאַראייניגונג, און זיי האָבן זיך שפּעטער אָרגאַ־ניזירט אין מעכטיגע פאַראייניגן, טראָסטס, סינדיקאַטן.

אונטער דעם קאַפּיטאַליזם איז דער מענטש אַליין, אָן די פּראָדוציר־מיטלען,—גאָרנישט. די צייט איז שוין לאַנג אַוועק, ווען דער מענטש האָט געקענט זיצן ביי זיך אין שטוב און מיט אייגענע הענט פאַר זיך צוגרייטן עסנוואַרג און קליידונג. דורך מאַשינעריע קען מען די זעלביגע אַרבעט אָפּטאָן

הונדערט מאָל שנעלער. דער מענטש, וואָס האָט ניט קיין מאַשין, קען גאָר־ נישט ניט שאַפן, און אים קומט אויס אָדער שטאַרבן פאַר הונגער אָדער פאַר־ קויפן זיין ארבעטער־קראַפט פאַר אַ לוין, פארקויפן זיך צו די וואָס פארמאָגן די מאַשינען און אַנדערע פּראָדוציר־מיטלען. די פרייהייט ווענן וועלכער עס ריידן שזיו שיין די פאַרטיידיגער פון קאַפּיטאַליזם, ווערט פארוואַנדלט אין אַ נייער שקלאַפעריי — אין דער שקלאַפעריי פון ארבעט־לוין.

דעם שקלאַף האָט מען געטריבן מיט אַ בייטש צו דער ארבעט; דעם פעאָדאַלן פאַנשטשיזניק האָט מען געצוואונגען דורך דער שווערד צו גראָבן די ערד פאַר דעם פּריץ, דער „פרייער“ קאַפּיטאַליזם טרייבט דעם „פרייען“ ארבעטער צו דער ארבעט דורך הונגער. דער קאַמף צווישן קלאַסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַ קאַמף פון שטאַטישע און דאָרפישע ארבעטער, וואָס האָבן ניט קיין פּראָדוציר־מיטלען, און קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, וואָס פאַרמאָגן ערד, פאַבריקן, מאַשינען און אַלע אַנדערע פּראָדוּ־ ציר־מיטלען.

דער שקלאַף האָט געקעמפט געגן שקלאַפעריי, דער פעאָדאַלער פויער גע־ געגן לייב־אייגנטום און דער ארבעטער—געגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל.

אָבער וויל דען דער ארבעטער פארניכטן די פּראָדוציר־מיטלען? ניין. דאָס ניט. דער ארבעטער פארשטייט גאַנץ גוט, אַז מיט דער הילף פון דער מאַשין קען ער דערגרייכן גרעסערע רעזולטאַטן איידער מיט זיינע צען פינ־ גער. די צרה איז נאָר וואָס די פּראָדוציר־מיטלען געהערן ניט צו די וואָס ארבעטן, נאָר צו אַ קליינער גרופּע פאַראייניגטע קאַפּיטאַליסטן. די אויפגאַ־ בע פון דעם קאַמף וואָס די ארבעטער פירן איז, הייסט עס, צו מאַכן די פּראָ־ דוציר־מיטלען פאַר דעם אייגנטום פון די, וואָס ארבעטן און ניט פון די קאַ־ פּיטאַליסטן, וואָס זיינען איצט די אייגנטימער פון די דאָזיגע מיטלען.

2. דער אָנהויב פון סאָציאַליזם

די אידייע פון סאָציאַליזם איז געבאָרן געוואָרן אויף דעם פעלד פון שלאַכט צווישן קאַפּיטאַל און ארבעט. די הויפּט־אויפגאַבע פון סאָציאַליזם איז צו מאַכן אַ סוף צום קלאַסן־קאַמף דורך אַ פאַראייניגונג פון דער גאַנצער מענטשהייט אויף דעם באָדן פון גלייכהייט, — ניט קיין פּאַפּירענע גלייכ־ הייט, נאָר אמת'ע גלייכהייט צווישן מענטשן.

סאָציאַליזם איז די לערע וועגן אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס וועט אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען און דערמיט באַ־ זייטיגן יעדע מעגלעכקייט פון אומגלייכהייט, אונטערדריקונג און עקספּלואַ־ טאַציע. אין יענער שעה ווען די מענטשהייט וועט ווירקלעך איינפירן סאָציאַ־ ליזם, וועט קומען אַ סוף צו דער אַלטער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווען מענטשן זיינען געווען איינגעטיילט אין קלאַסן, אונטערדריקער און אונטער־ דריקטע.

דער סאָציאַליזם קוקט ניט אויף צוריק, צו דער פּרימיטיווער קאָמונע מיט איר גלייכהייט אין שקלאַפעריי, נאָר פאָראויס—צו גלייכהייט אין גליק. די ליידן און די פּראַצע פון מיליאָנען מענטשן אין דעם

משך פון לאנגע יאָר־הונדערטער האָבן באוואָפנט דעם מענטשן מיט סיס־טעמאַטישן וויסן און מיט טעכניק, וואָס מאַכן מעגלעך צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אַזוי, אַז אַלע מענטשן זאָלן קענען לעבן, אַרבעטן און זיך באַ־נוצן מיט די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט.

די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם איז צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אויף דעם באָדן פון אמת'ער ברידערלעכקייט, פון גלייכהייט און אַרבעט און אין גליק.

אמת, די קאַפּיטאַליסטן האָבן אין זייער יוגנט־פּראַבע (אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) אויך דערציילט דער וועלט אַז זיי קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין זייער צייט האָבן זיי ווירקלעך אָפּגעשפּילט אַ רעוואָלוציאָנערע ראָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. זיי האָבן אָבער ניט געקענט אָפּשאַפן די אומגלייכהייט צווישן מענטשן. זיי האָבן בלויז געענדערט די פאָרם פון קלאַסן־קאַמף. אויף'ן אָרט פון איין קלאַס אונטערדריקער האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַ צווייטן; אַנשטאָט דעם אָפּגעלעבטן פוילן פריץ האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דעם לעבעדיגן טיכ־טיגן קאַפּיטאַליסט.

דער טיכטיגער קאַפּיטאַליסט האָט געהאַט אַ דרייסטן בליק אויף פאָר־אויס בלויז אין די יונגע יאָרן. ווען ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין זיינע הענט, האָט ער זי אָנגעהויבן באַפעסטיגן. ווען ער האָט אין דעם אַרבעטער דערפילט זיין שונא, האָט ער אָנגעהויבן קעמפן קעגן אים. מיט די יאָרן איז ער געוואָרן אָפּגעפרעסן, צעקראָכן, זיין מאַרך איז פאַרלאָפן מיט פעטס. ער האָט אָנגעהויבן אַריינצולייגן זיין גאַנצע נשמה אין איין אַרבעט: באַפעסטיגן זיינע אונטערדריקונגס־מיטלען, זיינע פּאָליצייאישע און מיליטערישע אַפּאַ־ראַטן. די גאַנצע אַרבעט פון פאַרוואַלטן מיט זייןווירטשאַפט האָט ער אַרויפ־געלייגט אויף זיינע באַדינער, אויף זיינע געטרייע „קלויגקס", וואָס גיבן אים אַ מעגלעכקייט צו לעבן אין וואוילטאָג און גאָרנישט ניט טאָן.

דער איינציגער קלאַס וואָס קעמפט, און איז בכח צו קעמפן פאַר דער פאַרניכטונג פון יעדן מין שקלאַפעריי, איז דער אַרבעטער־קלאַס. זיינע לע־בענס־באַדינגונגען, זיינע בלוטיגע אינטערעסן דיקטירן אים צו קעמפן פאַר'ן סאָציאַליזם. דעם קאַפּיטאַליזם איז געווען ענג אין דער פעאָדאַלער אָרדע־נונג. אַלע ווענט זיינען פאַר אים געווען פאַרצאַמט. האָט ער דערפאַר גע־קעמפט קעגן דער פעאָדאַלער אָרדענונג. ער האָט באַדאַרפט האָבן אַזאַ אָרדע־נונג, וואָס זאָל אים געבן אַ מעגלעכקייט פריי צו עקספּלואַטירן דעם אַרבע־טער. דער אַרבעטער איז אין אַן אַנדער לאַגע. ער עקספּלואַטירט קיינעם ניט. ער באַנוצט זיך ניט מיט יענעמס אַרבעט, נאָר פאַרקערט — מיט זיין איי־גענער אַרבעט שאַפט ער אַלע אוצרות. ער איז ניט פאַראינטערעסירט, ווי דער קאַפּיטאַליסט, אין נייע פאָרמען פון אונטערדריקונג. פאַרקערט, ער איז פאַראינטערעסירט אָפּצושאַפן יעדע פאָרם פון אונטערדריקונג.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז אַ העלע בלאַט אין דער גע־שיכטע פון דעם קאַמף פון דער בורזשואַזיע קעגן דער פריצישער אָרדענונג. די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1789. די בורזשואַזיע איז נאָך דע־

מאָלט געווען יונג, פֿאַר אירע אויגן האָט נאָך ניט געשוועבט דער רויטער געשפּענסט פֿון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. זי האָט געהאַט איין ליידנשאַפֿט — רייך צו ווערן, — און זי האָט די דאָזיגע ליידנשאַפֿט באַפֿרידיגט. די בורזשואַזע שטאָט האָט דעמאָלט געזאָגט צו די פּריצים און די גלחים: „מיר זיינען געווען גאָרנישט, איצט וועלן מיר ווערן אַלץ“. צו יענער צייט זיינען אין די שטעט שוין געווען אַרבעטער מאַסן. זיי האָבן אָבער ניט געזען דעם אונטערשייד צווישן זיך און רעוואָלוציאָנער־געשטימטער בורזשואַזיע. די אַרבעטער האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מען וועט אָפּשאַפֿן די פּריצישע אָרדענונג און דערקלערן אַלגעמיינע פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, וועט שוין אַלעמען ווערן גוט. די אַרבעטער זיינען געגאַנגען מיט דער בורזשואַזיע אונטער איין פֿאָן. אין פּאַריז איז געווען אַ קעניגלעכע פֿעסטונג, די באַסטיליע, האָבן די אַרבעטער גענומען די פֿעסטונג מיט שטורעם (דעם 14טן יולי, 1789) די אַרבעטער האָבן זיך באַטייליגט אין אַלע דעמאָנסטראַציעס און זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער בורזשואַזיע אין נאָמען פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

אין דער צייט פֿון יענער רעוואָלוציע האָבן די פּאַריזער שטיין־האַקער דערקלערט אַ סטרייק. דאַכט זיך, וואָס האָט געקענט זיין מער געזעצלעך אין אַ סביבה פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט? די שטאָלצע בורזשואַזיע, וואָס האָט אומעטום אַזוי שיין געזונגען וועגן פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, האָט זיך אָבער דערשראָקן. אין דעם אַרויסטריט פֿון די אַרבעטער האָט זי דערפֿילט אַן ערנסטע געפֿאַר־וואָרנונג. די בורזשואַזיע איז טאַקע געווען פֿאַרנומען מיט'ן קאַמף געגן קעניג און די פּריצים, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט זי געפֿונען צייט אויף שנעל אַרויסצוגעבן אַ געזעץ געגן אַרבעטער פֿאַראיינען. זיי האָבן דעם ענין געמאַכט זייער קונציג. זיי האָבן געזאָגט: „פֿריער זיינען געווען צעכן, געשלאָסענע גרופּן אַרבעטער, וואָס האָבן צו זיך קיינעם ניט צוגעלאָזט. יענע צעכן האָבן שלעכט געאַרבעט, זיינען געווען פֿויל. מיר האָבן מורא פֿאַר די אַרבעטער פֿאַראיינען „ווייל זיי קענען נאָך פֿאַרוואַנדלט ווערן אין געשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס, ווי די צעכן, און שטערן די אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציע“.

אַזוי האָבן זיי געזאָגט, די פּאָליטיקער פֿון דער בורזשואַזיע. אין דער אמת'ן האָבן זיי אָבער מורא געהאַט פֿאַר די אַרבעטער פֿאַראיינען און פֿאַר זייערע סטרייקס דערפֿאַר וואָס זיי האָבן דערפֿילט אַז דורך יענע פֿאַראיינען קענען די אַרבעטע אומוואַרפֿן די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע. די יונגע בורזשואַזיע האָט אין דעם קאַמף געגן די אַרבעטער פֿאַראייניגט ביטערקייט מיט מאַכט. די סטרייקער זיינען פֿאַרזעצט געוואָרן אין טורמע מיט דעם אָנשטעל אַז סטרייקס זיינען אַ שריט אויף צוריק. אין דער אמת'ן האָט אָבער די בורזשואַזיע זיך געשראָקן פֿאַר דעם סטרייק ווי פֿאַר אַ שריט פֿאָראויס— צו דער הערשאַפֿט פֿון אַרבעטער. און די בורזשואַזיע פֿון יענער צייט האָט לאַנגע יאָרן געפֿירט אַ קאַמף געגן דער פֿרייהייט פֿון אַרבעטער פֿאַראיינען.

ס'איז קלאָר, אַז די בורזשואַזיע, וואָס האָט געקעמפֿט געגן דעם דרוק פֿון די פּריצים, איז אַליין געווען פֿאַראינטערעסירט צו אונטערדריקן די אַר־

בעטער און האָט באַצייטנס אָנגענומען מיטלען געגן דער פרייהייט פון אַר־בעטער פאַראיינען.

און אָט איז נאָך אַ ביישפּיל פון דער געשיכטע פון דער זעלביגער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע. זיי, די פּאָרטגעשריטענע אַרבעטער אין פראַנקרייך האָט זיך פאַר׳גנב׳עט אַ ספק צי וועט טאַקע די רעוואָלוציע זיי געבן פול־שטענדיגע באַפרייאונג. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן, צי איז דאָס אויף אַן אמת דער לעצטער קאַמף, וואָס וועט גליקלעך מאַכן די גאַנצע מענטשהייט. וואָס מער זיי האָבן געטראַכט, אַלץ קלאָרער איז פאַר זיי געוואָרן, אַז דער לעצטער קאַמף ליגט נאָך ערגעץ פאָראויס. און דעמאָלט האָבן זיי געגרינדעט דעם „פאַראיין פון גלייכע" אונטער דער פי־רערשאַפט פון באַבעף. דאַכט זיך, אַז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט כלומר׳שט געקעמפט פאַר גלייכהייט, וואָלט אַ „פאַראיין פון גלייכע באַדאַרפט געוועז באַטראַכט ווערן ווי אַ געזעצלעך קינד פון דער רעוואָלוציע. דער פאַראיין האָט אָבער אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואו ס.איז געווען געשריבן:

„מיר ווילן גלייכהייט ניט אויף די שילדן, נאָר אונטער די דעכער פון אונזערע שטיבער", דאָס הייסט — ניט קיין פּאַפּירענע פּאָליטישע גלייכ־הייט, נאָר אמת׳ע עקאָנאָמישע גלייכהייט. דער בורזשואַזיע איז די דאָזיגע אידייע ניט געפעלן געוואָרן. באַבעף און אַלע זיינע חברים זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן צום טויט און דער׳הרג׳עט געוואָרן פון די זעלביגע בורזשואַזע פאַר־טרעטער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דעקלאַמירן וועגן גלייכהייט.

מיר זעען, הייסט עס, אַז שוין דעמאָלט, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך געווען יונג און שטאַרק, האָבן שוין אַרבעטער געטראַכט וועגן דעם, אַז די בורזשואַזע גלייכהייט איז ניט מער ווי נאַרעריי, און שוין דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

אָבער אַ אידייע, ווי אַ לעבעדיגע באַשעפעניש, ווערט ניט געבאָרן אַ גאַנצע, אַ רייפע, אַ דערוואַקסענע. זי אַנטוויקלט זיך פאַמעלעך. צום אָנהויב איז זי שוואַך און קען ניט שטיין אויף די פיס, ווי אַ קליין קינד. ביסלעכווייז ווערט זי אָבער אַנטוויקלט, געקרעפטיגט, געשפּייזט פון דער סביבה וואו זי איז געבוירן געוואָרן. דער קאַפּיטאַליזם איז געוואַקסן און האָט זיך געהאַל־טען אין אַנטוויקלען; ס׳איז אויך געוואַקסן און ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער אַרבעטער־קלאַס, גלייכצייטיג איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט די אי־דייע פון סאָציאַליזם. זעבציג יאָר נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דער „פאַראיין פון קאָמוניסטן" מיט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אָן דער שפּיץ, אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאַרענדיגטער און באַגרינדעטער פּראָגראַם פון סאָציאַליזם. די דאָזיגע פּראָגראַם איז פאָרמולירט אין אַ ביכל וואָס הייסט „קאָמוניסטישער מאַניפעסט". די אייראָפּייאישע אַרבעטער קוקן מיט רעכט אויף דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווי אויף דער „ביבל פון דער האָרע־פּאַשנער מענטשהייט". די פּראָגראַם פון דעם „מאַניפעסט" פאָדערט, אין עצם, אַז דער אַרבעטער קלאַס זאָל פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט פון דער געזעלשאַפט כדי צו מאַכן אַ סוף צו פּריוואַט אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיט־

לען און פאַרוואַנדלען די פּראָדוציר־מיטלען אין דעם אייגנטום פון די האַר־רעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן.

די סאַציאַליזירונג (פאַרוואַנדלען אין געזעלשאַפטלעך אייגנטום) פון די פּראָדוציר־מיטלען דורך דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, דאָס איז, אויף איין פוס, די פּראָגראַם פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“. דער „מאַניפעסט“ האָט אָבער אויפגעטאָן נאָך עפּעס, חוץ פאָרמולירן (ווי געהעריג אויסדריקן) די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“ האָט אויך אָנגעוויזן אויף די מאַטעריעלע באַדינגונגען אין וועלכע די פּראָגראַם קען דורכגעפירט ווערן און אויף די מענטשן וועלכע וועלן זי דורכפירן.

3. דער ערשטער קאַפּיטאַליסט באַווייזט זיינע נעגל

מען „באַפרייט“ די פּויערים פון די פּריצים.—שאָף זיינען ביליגער פון פּויערים.—דער סוחר־קאַפּיטאַליסט.—די פּריצישע הויפן און די מאָדערנע שטעט.—די ערשטע אַרבעטס־לאָזע.—דער קאַפּיטאַליסטישער געזעץ הייסט זיי שמייסן „ביז עס וועט אַ שפּריץ טאָן בלוט פון לייב“.—די ערשטע פאַבריקן און די „עפּאָכע פון מענטשלעכקייט“.—צוזאַמען מיט'ן קאַפּיטאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן אַרבעטסלאָזיגקייט.—טאָמאַס מאָר מאָלט אַ פאַנ־טאַזיע.—די קאָמוניסטישע אָרדנונג אויף דעם ניט־געשטויגענעם אינזל „אוטאָפּיע“.—אַ ריכטיג בילד, אָבער ווער זאָל דאָס צום לעבן ברענגען?—מאָר'ס אוטאָפּיע האָט געוואַרט אויף דעם געבורט פון אַ נייעם קלאַס.

פון דער אומגלייכהייט צווישן מענטשן איז אַרויסגעוואַקסן דער קאַמף פאַר דער גלייכהייט, און פון דער עקספּלואַטאַציע וואָס די פאַבריקאַנטן האָבן אָנגעווענדעט געגן די מיליאָנען אַרבעטער איז אַרויסגעוואַקסן דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם. די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף איז אויסגעדריקט אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט אין אָט די ווערטער:

„די גאַנצע געשיכטע פון יעדער געזעלשאַפט איז ביז איצט געווען אַ געשיכטע פון קאַמף צווישן קלאַסן — פרייע און שקלאַפן, פּריצים און לייב־אייגענע, באַלמעלאָכעס און אַרויסהעלפער (אין די צעכן), מיט איין וואָרט — אונטערדריקער און אונטערדריקטע האָבן שטענדיג פיינט געהאַט איינע די אַנדערע. אַמאָל איז דאָס געווען אַן אָפענע מלחמה, אַמאָל אַ באַהאַלטע־נע, עס איז אָבער שטענדיג געווען מלחמה. און שטענדיג האָט זיך די מלחמה געענדיגט אָדער מיט אַ גרינטלעכן איבערבוי פון דער גאַנצער געזעלשאַפט־לעכער אָרדנונג, אָדער מיט דעם אונטערגאַנג פון די קעמפנדיגע קלאַסן“. (די רוימישע אימפּעריע, וואָס איז געווען באַזירט אויף שקלאַפעריי, האָט זיך ניט געקאָנט ספּראַווען מיט די אינווייניגסטע ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן זיך געריסן אויף שטיקער, און איז אונטערגעגאַנגען).

די מלחמה פון דער בורזשואַזיע געגן די פּריצים האָט זיך געענדיגט מיט איינשטעלן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. און אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון די אַרבעטער פאַר זייער באַפרייאונג.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל ענגלאַנד, אַ מוסטער פון אַ קאַפּיטאַליס־טיש לאַנד. לאָמיר זען ווי אַזוי עס האָט זיך געלעבט די מאַסן אין ענגלאַנד אין דער עפּאָכע פון פּויערשער ווירטשאַפט. די פּויערים האָבן געלעבט צו־זאַמען אין גרויסע משפּחות. זיי האָבן געמוזט צאָלן גרויסע צינזן צו די

פריצים, און דאָס האָט זיי פאַקטיש צוגעשמידט צו דער ערד; זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אויסצאָלן און זיי האָבן געמוזט בלייבן אויף דער ערד און מיט די פּראָדוקטן אָפּצאָלן דעם פּריץ די „חובות". יעדע פּויערשע משפּחה האָט פאַר זיך געמאַכט אַלץ וואָס זי האָט באַדאַרפט. דער פּויער איז געווען אַ פאַרמער, אַ שוסטער, אַ סטאָליאַר, זיין משפּחה האָט געשפּינט און געניית. ס'איז געווען אַ געשלאָסענע באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט באַזאָרגט אַלע ערשטע נויטן פון דער גאַנצער משפּחה. מען האָט ניט געקויפט און ניט פאַרקויפט.

די פּויערים פון יענער צייט האָבן געפירט, ווי מען רופט דאָס, אַ נ אַ־ ט י ר ל ע כ ע ווירטשאַפט.

אויך די פּריצים האָבן מיט דער הילף פון זייערע הויף־דינער צוגעגרייט ביי זיך אין הויף אַלצדינג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. ביסלעכווייז האָבן זיך די הויף־מענטשן ספּעציאַליזירט אין די אָדער יענע מלאכות. איין הויף האָט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן דעם צווייטן די איבעריגע זאַכן, וואָס די הויף־לייט האָבן אויפגעמאַכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסטויש פון סחורות צווישן הויף און הויף, און אויף דער סצענע האָט זיך באַוויזן דער סוחר, דער הענדלער.

די הויפן וואו די פּריצישע באַדינער האָבן געאַרבעט פאַר זייערע פּריצים, זיינען געווען דער אָנהויב פון די מאָדערנע שטעט. די הויפן זיינען געוואָקסן אין צאָל, זיך אויסגעשפּרייט, און זיי האָבן אָנגעהויבן פּראָדוצירן זאַכן ניט בלויז פאַר זייער פּריץ, נאָר אויך פאַר פרעמדע. כדי זיך צו פאַר־טיידיגן פון באַנדיטן, האָט דער פּריץ אַרומגערינגלט זיין הויף מיט אַ פעס־טונג־וואַנט, און צוביסלעך זיינען פון יענע הויפן אַרויסגעוואַקסן די ריזיגע שטעט, וואָס באַדעקן איצט די גאַנצע וועלט.

דער ערשטער קאַפּיטאַליסט אין יענער צייט איז געווען ניט קיין פאַב־ריקאַנט, ניט קיין אייגנטימער פון שיף־קאָמפּאַניעס, נאָר דער סוחר וואָס האָט אויפגעקויפט די איבעריגע סחורות אין איין אָרט און זיי פאַרקויפט אין אַן אַנדער אָרט. ער האָט געקויפט די סחורות פאַר ביליג דאָרט וואו ס'איז געווען צופיל און פאַרקויפט פאַר טייער דאָרט וואו מ'האָט זיך אין דער סחורה שטאַרק גענויטיגט. דער ערשטער קאַפּיטאַל הייסט דעריבער ה אַ נ ד ל ס־ק אַ פּ י ט אַ ל.

אין יענער צייט, מיט אַ יאָר פיר הונדערט צוריק האָבן אָנגעהויבן וואַקסן די שטעט. ס'האָט זיך צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער שיפן־פאַרקער. מ'האָט אַנטדעקט אַ וועג קיין אינדיע, מ'האָט אויך אַנטדעקט אַמעריקע, מ'האָט געפונען לענדער, וואו מען האָט געקענט פאַר־קויפן סחורות. מען האָט בלויז באַדאַרפט קריגן די סחורות. די בעסטע סחורה איז דעמאָלט געווען לעבעדיגע סחורה, שקלאַפן. אין אַפריקע האָט מען געפירט אַן אמת'ע יאָגד אויף שוואַרץ־הויטיגע מענטשן און מען האָט די געפאַנגענע אַריבערגעפירט פון יענער זייט אָקעאַן און זיי פאַרקויפט אין אַמעריקע פאַר שקלאַפן. צו יענער צייט איז די בורזשואַזיע נישט געווען אין אַזאַ לאַגע ווי איצט, ווען זי האָט סחורה, נאָר ס'איז ניטאָ קיין מאַרק

וואו די סחורות צו פארקויפן. צו יענער צייט האָט די בורזשואַזיע געהאַט געגוג מאַרק-פּלעצער, געגוג רויע לענדער, וואו מ׳האָט געקאָנט פאַרקויפן פּראָדוקטן, נאָר זי האָט ניט געהאַט געגוג סחורות, פאַבריצירטע זאַכן, אין וועלכע די ניי־אַנטדעקטע און ניי־באַזעצטע לענדער האָבן זיך שטאַרק גענויטיגט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּיבערדיגע אַרבעט. כדי צו פּראָדוצירן סחורות איז פריער פאַר אַלץ נויטיג געווען צו האָבן פרייע אַרבעטער, — פריי פון דעם פריץ, וועלכער פלעגט האַלטן די פּויערים צוגעשמידט צו דער ערד, און פריי פון דער ערד גופא, וואָס האָט געהאַלטן דעם פּויער צוגעבונדן צו איין אָרט און אוממעגלעך געמאַכט פאַר׳ן קאַפּיטאַליסט אים צו פאַר־וואַנדלען אין אַ געדונגענעם אַרבעטער. דער סוחר־קאַפּיטאַליסט האָט גע־זוכט צו שיסן צוויי האָזן אויף אַמאָל: אי אָוועקנעמען די פּויערים ביים פריץ, אי אָוועקנעמען די ערד ביי די פּויערים.

בלויז אויף אַזאַ אופן האָבן די קאַפּיטאַליסטן געקאָנט קריגן אַן אַרבע־טער־אַרמיי וואָס זאָל פאַר זיי אָנהויבן שאַפן רייכטימער. הונדערטער, טוי־זענטער פּויערים זיינען אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון זייער ערד. די רייכע פּריצים האָבן באַדאַרפט האָבן די פּויערשע פעלדער אויף צו פאַשען סטאַדעס שאָף, ווייל שאָפענע וואָל איז צו יענער צייט געוואָרן זייער אַ גאַנגבאַרע סחורה. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די פּויערים און די שאָף, — ווער ס׳זאָל פאַרבלייבן אויף דער ערד. נאָר הינטער די שאָף זיינען גע־שטאַנען די הערשער פון לאַנד, און דער קאַמף האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס די ענגלישע בורזשואַזיע האָט אַרונטערגעטריבן די פּויערים פון דער ערד און אָנגעהויבן קולטיווירן וואָל אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און פאַר־קויפן די וואָל אויף די נייע מערק.

אָט דעם מאָמענט אין דער געשיכטע פון קלאַסנקאַמף איז כדאי צו געדיינקען. ווי נאָר די בורזשואַזיע האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, האָט זי שוין אָנגעהויבן ווייזן אירע נעגל. „שאָף האָבן אָנגעהויבן פרעסן מענ־טשן״, ווי טאָמאַס מאָר האָט זיך גאַנץ ריכטיג אויסגעדריקט.

וואָס איז געוואָרן פון די פּויערים? זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער ערד, אָנגעוואָרן אַלע מיטלען אויף צו מאַכן אַ לעבן, און זיי האָבן זיך, נאַטירלעך, אַ לאָז געטאָן אין די שטעט אריין.

די אינדוסטריע האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן אַנטוויקלען, און אַ סך פון די פּויערים וואָס זיינען געקומען אין שטאָט אריין האָבן דאָרט קיין אַרבעט ניט געפונען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכסטע, די גרויזאַמ־סטע צייט אין דער געשיכטע פון די אַרבעטער אין ענגלאַנד. מיטאַמאָל האָט מען זיי אַ יאָג געטאָן פון די דערפער אין די שטעט אריין. אין די שטעט זיינען זיי פאַקטיש פאַר׳משפט געוואָרן צו הונגער־טויט. זיי האָבן אָנגעהויבן וואַנדלען און גנב׳ענען. די רעגירונג האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן געזעץ געגן וואַגאַבונדן.

וועגן דעם דאָזיגן געזעץ דאַרפט איר וויסן. ס׳איז כדאי צו געדיינ־

קען די בייטש מיט וועלכער די ערשטע קאַפּיטאַליסטן האָבן אָנגעהויבן שמייסן זייערע פּראָלעטאַריער. אין דעם געזעץ איז געווען געשריבן: „די געזונטע וואַגאַבונדן ווערן פאַר׳משפט צו שמיץ און צו געפענגעניש. מען דאַרף זיי צובינדן צו א טאַשקע און אַזוי לאַנג שמייסן ביז עס וועט א שפּריץ טאָן בלוט פון לייב. דעמאָלט דאַרפן זיי שווערן, אַז זיי וועלן זיך אומקערן אַהיים, וואו זיי האָבן געוואוינט די לעצטע דריי יאָר און זיך נעמען פאַר אַן ארבעט".

זיי האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט „נעמען פאַר אַן ארבעט", ווייל דאָס לאַנד האָט מען ביי זיי צוגענומען, ממילא האָט דער ארבעטלאָזער פויער ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דער היים און האָט ווידער אָנגעהויבן וואַנדערן. ווען מ׳האָט אים געכאַפּט א צווייטן מאָל האָט מען אים ווידער געשמיסן ביז בלוט און אים אָפּגעשניטן איין אויער. א דריטן מאָל האָט מען אים שוין פאַר׳משפט צו טויט־שטראָף. אין דער צייט ווען הענרי דער אכטער האָט געקיניגט, האָט מען אין ענגלאַנד הינגעריכטעט 27,000 מענטשן דער־פאַר וואָס זיי האָבן זיך ניט געהאַט וואו אהין צו טאָן און האָבן געוואַנדלט פון אָרט צו אָרט. קאַרל מאַרקס זאָגט וועגן יענער צייט: „די טאַטעס פון אונזער איצטיגן ארבעטער קלאַס האָט מען פון סאַמע אָנהויב באַ־שטראָפט דערפאַר וואָס מ׳האָט זיי פאַרוואַנדלט אין בעטלער און און וואַ־גאַבונדן". ס׳איז זיך גרינג פאַרצושטעלן דעם שווידער פון די מאַסן, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערפילט די נעגל פון דער נייער רויב־חיה, וואָס הייסט קאַפּיטאַל. מענטשן האָבן אָנגעהויבן זוכן אן אויסוועג. א סך פון די געפּייניגטע זיינען געוואָרן פאַרצווייפלט, האָבן אָנגעהויבן זוכן א טרייסט אין יענער וועלט, אָדער פאַנטאַזירן וועגן נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונגען אין וועלכע אַזוינע שווידערלעכע זאַכן וועלן ניט פאָרקומען.

אַפילו צווישן די הערשנדע קלאַסן (לאַנד־אַריסטאָקראַטיע און בורזשו־אַזיע) האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן אַזא שווידערלעכן צושטאַנד, און זיי האָבן אָנגעהויבן אויף זייער שטייגער פּראָ־טעסטירן געגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, אָנגעהויבן טרוימען וועגן אַן אידעאַלער אָרדנונג, אין וועלכער די אַלע שווידערס וועלן פאַרשווינדן. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע סאָציאַלע טרוימערייען פון יענער צייט איז טאָמאַס מאָר׳ס ביכל, וואָס הייסט: „א גאָלדן ביכעלע וועגן א בעסערער מלוכה־איינאָרדנונג אויף דעם אינזל אוטאָפּיע". (דאָס וואָרט „אוטאָפּיע" באַשטייט פון צוויי גריכישע ווערטער — „אוט", וואָס דער טייטש דערפון איז „ניט", און „טאָפּאָס" — „אָרט". דאָס הייסט, אַן אָרט, וואָס איז ניטאָ, אַן אויסגעטראַכטע מעשה, א פאַנטאַזיע). טאָמאַס מאָר איז ניט געווען קיין אַרבעטער. ער איז געווען א זון פון אן אַריסטאָקראַט. אָבער די שווידערלעכע בילדער, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע אויגן, האָבן אים געטריבן צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די געזעלשאַפט.

אָבער איידער מיר גייען איבער צו מור׳ס ביכל, לאָמיר זיך אָפּשטעלן נאָך א ווייל אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם יונגן קאַפּיטאַליזם. דער ערש־טער קאַפּיטאַליסט, ווי געזאָגט, איז געווען א סוחר, פאַרטאָן הויפּטזעכלעך

אין האנדל, ס'איז, הייסט עס, געווען סוחר'שער קאפיטאל, האנדלס-קאפי־טאל. „אין דער פערזאָן פון די סוחרים", — שרייבט ענגעלס, „באַגעגענען מיר צום ערשטן מאָל דעם קלאַס, וואָס נעמט אַליין ניט קיין אנטייל אין דער פּראָדוקציע און האָט דאָך פארכאפּט די גאַנצע מאכט און דעה איבער דער פּראָדוקציע און האַלט די פּראָדוצירער אונטעריאָכט. דער דאָזיגער קלאַס ווערט דער אומפארמיידלעכער פארמיטלער צווישן צוויי פּראָדוצירער און דריקט זיי ביידן". דער סוחר האָט געזוכט פרייע פּראָדוצירער, דאָס הייסט, באַלמעלאָכעס. דעריבער האָט ער דאָס געאַרבעט מעשים, אַז די פּויערים זאָלן באַפרייט ווערן פון דער פעאָדאַלער מאכט און זאָלן דערנאָך אראָפּגע־טריבן ווערן פון זייערע פעלדער. אָט־די גאַנצע אַרמיי האָט דער קאפּיטאַ־ליזם ניט געקאָנט אויפהאַלטן. אַ גרויסער טייל איז פארוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרמיי אַרבעטסלאָזע, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן. די איבע־ריגע זיינען געוואָרן באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן געאַרבעט ניט פאַר זיך נאָר פארן סוחר־קאפּיטאַליסט.

אין אָנהויב האָט דער סוחר ניט געהאַט קיין־אייגענע פאַבריקן, און די באַלמעלאָכעס פלעגן אויפמאַכן די אַרבעט ביי זיך אין דער היים. דער סוחר פלעגט געבן די אַרבעטער אַלע נויטיגע מאַטעריאַלן און די אַרבעטער האָבן דערפון אויפגעמאַכט דעם פאַרטיגן פּראָדוקט. אַ שטיק צייט האָט זיך דער יונגער קאפּיטאַל באַפרידיגט מיט אָט דער הויז־פּראָדוקציע. אָבער וואָס מער די פּראָדוקציע איז געוואַקסן אַלץ מער האָט דער קאפּיטאַליסט אָנגעהויבן צו פארזאַמלען אַ סך באַלמעלאָכעס אויף איין אָרט, אין ספּעציע־לע געביידעס, וואָס זיינען צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער פּראָדוקציע, — דאָס הייסט, אין פאַבריקן. די אַרבעטער האָבן טאַקע באַנוצט זייער געוויינלעכע אַרבעט-געצייג, אָבער די אַרבעט איז אַזוי איינגעטיילט געוואָרן, אַז יעדער אַרבעטער האָט זיך ספּעציאַליזירט בלויז אין איין טייל פון דער פּראָדוקציע, און דער באַלעבאָס האָט אַזוי אַרום געקראָגן אַ סך מער אַרבעט. אָט די סיסטעם פון צעגלידערן די אַרבעט אין אַסך באַזונדערע טיילן און געבן יעדן באַלמעלאָכע בלויז איין טייל האָט אַזוי אויסגענומען ביי די באַלעבאַטים, אַז די הויז־פּראָדוקציע איז שוין געוואָרן אַ נעבן־זאַך. דער באַלמעלאָכע וואָס האָט אַליין אויפגעמאַכט דעם גאַנצן פּראָדוקט האָט בשום אופן ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט דער אָרגאַניזירטער איינגעטיילטער פּראָדוקציע אין די פּרימיטיווע פאַבריקן, אָדער מאַנופאַקטור - פלעצער. די מאַנופאַקטור פּראָדוקציע (פאַבריק־פּראָדוקציע אָבער אָן מאַשינען, בלויז מיט אַ סיסטעם פון צעטיילטער אַרבעט) איז געווען דער איבערגאַנג צו דער מאָדערנער אינ־דוסטריע, צו דער מעכאַניזירטער פאַבריק־פּראָדוקציע.

דער קאפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן זיין וועג דערמיט וואָס ער האָט רו־אינירט די פּויערים, זיי אַרויסגעוואָרפן פון זייערע היימען און פעלדער און זיי פארוואַנדלט אין לוין-שקלאַפן. אויף דעם הונגער פון די רואינירטע פּויערים און באַלמעלאָכעס האָבן די קאפּיטאַליסטן געבויט זייערע פאַבריקן. דאָס איז כדאי צו געדיינקען. מיר האָבן איצט צו טאָן מיט אַ בורזשואַזיע, וואָס האָט די חוצפּה צו זאָגן, אַז די עפּאָכע פון דעם אויפגאַנג פון דער בור־

זשואזיע איז געווען אן עפּאָכע פון „הומאַניזם", מענטשלעכקייט. די עפּאָכע פון אראָפּטרייבן די פויערים פון זייער ערד, די עפּאָכע פון פאר'משפּט'ן די ארבעטלאָזע צו שמיץ „ביז עס וועט א שפּריץ טאָן בלוט פון לייב", די עפּאָכע פון יאגד אויף אפריקאנער נעגערן ווי אויף ווילדע חיות — אָט דאָס הייסט ביי דער בורזשואזיע אן עפּאָכע פון „הומאַניזם"! און די זעלביגע בורזשואזיע וואָס קרוינט די אַלע שווידערס מיט דעם נאָמען „מענטשלעכ־קייט", באַשולדיגט נאָך די קעמפנדיגע פּראָלעטאַריער, אז זיי ווילן איינפירן א ברוטאַלע אָרדנונג!

לאָמיר איצט איבערגיין צו טאָמאס מור'ס ביכעלע. מען דארף גדיינ־קען, אז מור האָט דאָס אָנגעשריבן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק ווען דער ארבעטער־קלאס איז נאָך געווען מאכטלאָז.

טאָמאס מור דערציילט, אז ער איז געווען אין אנטווערפּען און האָט זיך דאָרט באַקאַנט מיט א מאַטראָס, וואָס האָט געהייסן ראפאַעל גיפלע. דאָס גאַנצע ביכעלע איז אזוי געשריבן, אז עס זאָל זיך דאכטן, אז מור זיצט מיט'ן שיף־מאַן און יענער דערציילט אים וועגן א צויבער־לאַנד, וואו די מענטשן לעבן גאָר אַנדערש, ווי אין ענגלאַנד.

אין אָט־דעם כלומר'שטן שמועס מאכט א באַזונדערן איינדרוק די שטעל וואו ראפאַעל גרייפט אָן ליידנשאַפטלעך די שווידערס פון דער עקזיסטירנדי־גער אָרדנונג. „איך מוז זאָגן, — טענה'ט ראפאַעל, — אז אזוי לאַנג ווי עס וועט עקזיסטירן פּריוואַט אייגנטום, אזוי לאַנג ווי געלט איז אַלץ, וועט קיין רעגירונג ניט קאָנען פאַרזיכערן קיין גערעכטיגקייט און גליק פאַרן פאָלק. זי קאָן ניט געבן קיין גערעכטיגקייט, ווייל דאָס בעסטע און דאָס שענסטע קומט אָן דעם ערגסטן טייל פון דעם פאָלק. זי קאָן ניט געבן קיין גליק, ווייל די רייכטימער זיינען צעטיילט צווישן עטלעכע מענטשן און די מאַסע לעבט אין גרויסער נויט".

און אָט איז נאָך א באַמערקונג, וואָס ראפאַעל מאכט: „אזוי לאַנג ווי ס'וועט עקזיסטירן פּריוואַט אייגנטום, וועט דער בעסטער, דער גרעסטער און דער וויכטיגסטער טייל פון דער מענטשהייט זיך מאַטערן אונטערן יאָך פון צרות און דחקות". ראפאַעלס' רייד זיינען א ליידנשאַפטלעכע קריטיק געגן דער אומגלייכהייט וואָס הערשט אין אַלע לענדער און א פאַרטיידיגונג פון דער גלייכהייט וואָס עקזיסטירט אויף דעם אינזל „אוטאָפּיע".

ראפאַעל דערציילט מיט באַגייסטערונג, אז אויף דעם אוטאָפּיע־אינזל, וואו ער האָט כלומר'שט געוואוינט, איז ניטאָ קיין פוילענצער און קיין ליידיג־גייער. אַלע ארבעטן. יעדן מענטשן קומט אוים צו ארבעטן זעקס שעה א טאָג. דאָרט קריגט מען זיך ניט וועגן דעם ווי אזוי די רייכטימער זאָלן פאַרטיילט ווערן. מענטשן לעבן משפּחות־ווייז, אַלע פּראָדוקטן ווערן אוועקגעלייגט אין שפּייכלערס און יעדע משפּחה נעמט זיך וויפיל זי באַ־דאַרף.

מור מאכט זיך טאָמעוואָטע און פרעגט כלומר'שט ראפאַעלן צי די גלייכהייט און אַלגעמיינער וואוילזיין שאַפן ניט קיין פּאַראַזיטן און ליידיג־

גייער. ראַפאַעל ענטפערט אים שטאָלץ און מיט פרייד, אַז אויף דעם אָר־טאָפּיע־אינזל פלייסט זיך יעדער איינער צו אַרבעטן וואָס מער און וואָס בעסער. אויף מור׳ס פראַגע ווי אַזוי די איינוואוינער פון אוטאָפּיע באַציען זיך צו מלחמה, ענטפערט ראַפאַעל:

„צו ווערן באַרימט דורך געווער ווערט באַטראַכט פאַר גאָר אַ קנאַפּן כבוד". דאָך, זאָגט ראַפאַעל, זיינען פאַראַן מאָמענטן ווען די אוטאָפּיע־איינוואוינער באַטראַכטן עס פאַר זייער חוב צו האַלטן מלחמה. זיי גייען מלחמה האַלטן אויב מען באַפאַלט זיי. זיי האַלטן עס אויך פאַר זייער חוב צו העלפן די שכנים ווען יענע קעמפן געגן טיראַנען.

ראַפאַעל מאָלט דעם אוטאָפּיע־אינזל ווי אַ מלוכה פון גלייכע מענטשן, מיט אַ גאַנצער נעץ שטעט, מיט אַ הויפּשטאָט, מיט אַ גוט־איינגעאָרדנטן מלוכה־אַפּאַראַט.

מור׳ס „גאָלדן ביכעלע" איז אַ פיין בילד פון אַן אָ ר ג אַ נ י ז י ר ־ ט ע ר קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. מור איז אָבער ניט בכח צו דערקלערן ווי אַזוי מ׳זאָל די קאָמונע פאַרוואַנדלען אין אַ פאַקט. ער האָט אויסגעמאָלן אַ פאַנטאַזיע, אָבער ווי אַזוי זי צו פאַרווירקלעכן האָט ער ניט אָנגעהויבן צו וויסן. מור האָט ניט געגלויבט אין דעם קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס. נאָך מער — ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם דאָזיגן קאַמף. ער האָט געזאָגט: „אַלץ פאַרן פאָלק, אָבער ניט דורך דעם פאָלק".

מען קען מורן ניט באַשולדיגן. ער האָט צו יענער צייט ניט געקאָנט פאָראויסזען, אַז די מאַסע דערשלאָגענע אַרבעטער פון יענער צייט וועט זיך אַנטוויקלען, שטאַרק ווערן, שאַפן אירע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס און ווערן אַ שטאַרקער, שעפערישער כח אין דער געזעלשאַפט. מור האָט געמאָלן דעם איבערגאַנג צום קאָמוניזם אויף אַ גאַנץ נאַאיוון אופן. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז מען דאַרף אָט־דעם ראַפאַעל וואָס דערציילט אַזעלכע שיינע מעשיות, מאַכן פאַר אַ בעל יועץ ביים קעניגלעכן הויף. ער וועט, הייסט עס, אַנטוויקלען זיינע שיינע אידייען פאַרן קעניג און פאַר די מעכטיגע פון לאַנד, און יענע וועלן איינפירן די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

אַזוי האָט געטראַכט ניט נאָר טאָמאַס מור. אַ סך טרוימער פאַר מורן און נאָך אים האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז ניט די האַרעפּאַשנע מאַסן, ניט די אַרבעטער וועלן שאַפן די נייע געזעלשאַפט, נאָר די „העכערע קלאַסן", די גבירים און אַריסטאָקראַטן, די קעניגער מיט די בישאָפן. טאָמאַס מור האָט זיך ניט געקאָנט אויפהויבן העכער פון זיך אַליין. ער האָט ניט געקענט אַרויס פון די ראַמען פון דער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

אָבער פאַר מורן האָט זיך קיין איין מענטש ניט דערהויבן צו דער אידייע פון קאָמוניסטישער פּראָדוקציע אויף דעם מאַסשטאַב פון אַ גאַנצער מלוכה. מענטשן האָבן זיך פאָרגעשטעלט באַזונדערע קאָמוניסטישע גרופּן, קליינע געמיינדעס. מור איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן קאָמוניזם, וועגן דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. ער האָט אויפ־געמאָלן אַ טרוים, אַ פאַנטאַזיע, און די פאַנטאַזיע האָט געוואַרט ביז עס

וועט אויסוואקסן אַ נייער קלאַס, וואָס וועט זי קאָנען פאַרווירקלעכן אין לעבן.

4. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די אוטאָפּיסטן

רעוואָלוציע, אַ לאָקאָמאָטיוו פון געשיכטע.—אַ יאָר אינהאַלט אין אַ טאָג צייט.—פראַנצויזישע רעוואָלוציע גייט אַרויס פון די גרעניצן.—די בורזשואַזיע נעמט זיך באַפעסטיגן אירע געווינסן.—„דער בונד פון די גלייכע".—פוריע, אַ גלענצנדער קריטיקער פון קאַפּיטאַליזם.—נאָך אוטאָפּיסטן.—סען סימאָן זוכט אַ פּלאַן.—זיין נביאה אויפ'ן טויט־בעט.—די אוטאָפּיסטן קענען ניט אַריבערשפּאַנען דעם אָפּגרונט צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם.—ראָבערט אוען, אַ פּראַקטישער טוער, דאָך אַן אוטאָפּיסט.—פאַרוואָס האָבן די אוטאָפּיסטן ניט געלייזט די פּראָבלעם?—דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" גיט דעם ענטפער.—וואָס ענגעלס דערציילט וועגן ראָבערט אוען.

רעוואָלוציע, האָט עמיצער באַמערקט, איז דער לאָקאָמאָטיוו פון דער געשיכטע. דאָס איז זייער אַ געראָטענער אויסדרוק. אין רואיגע צייטן באַוועגט זיך די מענטשהייט פאָראויס זייער פּאַמעלעך. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די געשיכטע איז באַלאָדן מיט איר אייגענער משא און קאָן זי דניט רירן פון אָרט. לאַנגזאַם אָבער כסדר וואַקסן אָן אין דער געזעלשאַפט אַל יָנייע און ווידערשפּרוכן און געגנזאַצן. זיי ווערן אַלץ שאַרפער און שאַרפער און ס'ווערט אוממעגלעך צו האַלטן שלום צווישן זיי. ענדלעך קומט אַ מאָמענט ווען דער לאַנגזאַמער גאַנג פון געשיכטע רייסט זיך איבער, און עס הויבט זיך אָן אַ גרינגלעכער איבערבראָך. דער גאַנג פון געשיכטע ווערט פאַרשנעלערט; אין דעם משך פון טעג קומען פאָר געשעענישן וואָס אין רואיגע צייטן גייט דערויף אַוועק חדשים און יאָרן. דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע וועקט אויף אַלע איינגעשלאָפענע כחות. דער געשיכטלעכער לאָקאָמאָטיוו פאַרבייט דעם געשיכטלעכן פערד־און־וואָגן.

רעוואָלוציע איז שטאַרק ניט בלויז דערמיט וואָס זי פאַרשנעלערט דעם גאַנג פון געשיכטע, די באַוועגונג פון דער מענטשהייט. זי באַזיצט נאָך אַ וואונדער־קראַפט: אַן אמת־גרויסע רעוואָלוציע באַלייכט די פינצטערניש פון דער פאַרגאַנגענהייט, ברייננגט אַריין קלאָרקייט אין איר אייגענער צייט און וואַרפט אַ העל ליכט אויף דער צוקונפט. וואָס גרעסער עס זיינען די מאַסן וועלכע די רעוואָלוציע ציט אַריין, אַל יָטיפער איז דער אינהאַלט פון דער רעוואָלוציע, אַלץ גראַנדיעזער איז איר פאַרנעם, אַלץ שטאַרקער איז איר אימפּעט. רעוואָלוציע איז דאָס קלאָר־זעעוודיגע אויג פון געשיכטע.

צווישן די רעוואָלוציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַרנעמט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אַ באַזונדער אָרט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז אַרויס ווייט אַריבער די גרעניצן פון פראַנקרייך, זי האָט אויפגעמונטערט צו אַ ניי לעבן די פעלקער פון גאַנץ אייראָפּע. אונטער אירע מעכטיגע קלעפּ זיינען מיט מערקווירדיגער שנעלקייט געפאַלן די טראָנען פון פירשטן און קעניגן. זי האָט זיך דערקייקלט אַזש ביז צו רוסלאַנד, וואָס איז נאָך דאַמאָלס געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אויסבראָך געגן דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט (דער אויפשטאַנד פון די דעקאַבריסטן) איז אייננג פאַרבונדן מיט דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אין דער צייט פון איר העכסטן אויפשוואונג האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע זיך אויפגעהויבן איבער די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געפירט די רעוואָלוציע. די פירערשאַפט איז אַרויסגעפאַלן פון ד הענט פון די סוחרים און זייערע אַדוואָקאַטן. די פאָלקס־מאַסן האָבן אויפ־געהערט צו שפילן די ראָל פון קאַנאָנען־פלייש אין דעם קאַמף געגן די פריצים און די גלחים, — די מאַסן האָבן אָנגעהויבן ריידן אין דער הויך וועגן זייערע אייגענע אינטערעסן און זייערע אייגענע אידעאַלן. אין דעם רעוואָלוציאָ־נערן פאַרלאַמענט פון פראַנקרייך, אין דעם קאָנווענט, האָבן זיך שוין גע־הערט שטאַרקע רעדעס געגן פריוואַט־אייגנטום און געגן אונטערדריקונג.

„ביי יעדער באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע, — זאָגט ענגעלס, — האָט זיך געלאָזט זעלבסטשטענדיג הערן אויך יענער קלאַס, וואָס איז געוואָרן דער מער אָדער ווייניגער אַנטוויקלטער פאָראויסגייער פון דעם מאָדערנעם פראָלעטאַריאַט". הויך און שטאַרק האָבן זיך געלאָזט הערן די פאָטערס פון דעם מאָדערנעם אַרבעטער־קלאַס נאָך אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

א סך מענטשן האָבן צו יענער צייט געמיינט, אַז די רעוואָלוציע וועט איינפירן די הערשאַפט פון גערעכטיגקייט און יושר אויף דער וועלט. די רעוואָלוציע איז געלויבט געוואָרן אויף אַלע לשונות: דיכטער האָבן איר געזונגען הימנען, דיינקער האָבן געריסט אירע גרויסע וואונדער. דער גרוי־סער דייטשער פילאָזאָף, העגעל, האָט מיט באַגייסטערונג דערקלערט, אַז די רעוואָלוציע וועט איינפירן די „הערשאַפט פון פאַרנונפט" (שׂכל) אויף דער וועלט.

די רעוואָלוציע האָבן אויך באַזונגען די פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן גע־יובלט, זיי האָבן אין דער רעוואָלוציע געזען זייער נצחון. אָבער דער יובל האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. באַלד איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג. די רעוואָלוציע איז געווען די אַרבעט פון דער בורזשואַזיע, און זי האָט ניט גע־קאָנט באַרעכטיגן די האָפנונגען וואָס די פאָלקס־מאַסן האָבן אויף איר גע־לייגט. אָנשטאָט דעם אָראָפּגעוואָרפענעם טראָן פון דעם פריצישן קעניג האָט די בורזשואַזיע אויפגעשטעלט א טראָן פאַר דער הערשאַפט פון קאַפּי־טאַל. „אָנשטאָט דער שווערד, — זאָגט ענגעלס, — איז געלט געוואָרן דאָס מעכטיגע געווער".

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אין דער דאָזיגער רעוואָלוציע האָט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע גיך אַרויסגעוויזן איר אמת'ן פּנים (דער געזעץ געגן אַרבעטער־פאַראייניגן אין יאָר 1791). ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז אין דעם משך פון דער זעלביגער רעוואָלוציע איז געלייגט געוואָרן דער אידייאַישער פונדאַמענט פאַר דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס איז געבויט ניט אויף דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, נאָר אויף דער עקאָנאָמישער גלייכ־הייט פון אַלע מענטשן. „אַרבעט און פאַרגעניגנס דאַרפן זיין פאַר אַלעמען גלייך", האָט מעכטיג געפאָדערט „דער בונד פון די גלייכע" מיט דעם מו־טיגן פירער באַבעף אָן דער שפּיץ.

דעם 10טן מאַי 1796 איז גראַקך באַבעף מיט זיינע מיטקעמפער

דארטע, בואנאראטי און אנדערע ארעסטירט געווארן. באבעפן און א סך אנדערע מיטגלידער פון דעם בונד האט די בורזשואזיע הינגעריכטעט; אנדערע זיינען אפגעקומען מיט קאטארגע. אבער ניט דורך הינריכטונגען און ניט דורך געפענגעניש האט דער מעכטיג־געווארענער קאפיטאל ניט גע־קאנט פטור ווערן פון די גרויסע אידייען, וואס דער „בונד פון די גלייכע" האט פראקלאמירט. באבעף איז געשיקט געווארן צום טויט דעם 27טן מאי 1797, און מיט פינף יאר שפעטער זיינען אויף דער ארענע ארויסגעטראטן נייע אנזאגער פון דער אידייע פון ארבעטער־קלאס. אין 1802 האבן זיך כמעט גלייכצייטיג באוויזן סען סימאנס „בריוו פון זשענעווע" און דער ערשטער בוך פון פוריע. אין דער זעלביגער צייט האט דער גרויסער ענג־לישער עקאנאמיסט און פראקטיקער, ראבערט אוען, אנגעהויבן זיינע עקס־פערימענטן מיט קאאפעראטיווע פאבריקן, וועלכע האבן געדארפט, לויט זיין מיינונג, פארנעמען דעם פלאץ פון די קאפיטאליסטישע פאבריקן.

די פראנצויזישע רעוואלוציע האט שארף אוועקגעשטעלט די פראגע וועגן קאמף צווישן קאפיטאל און ארבעט אין דער קאפיטאליסטישער גע־זעלשאפט, וואס איז כלומר'שט געבויט געווארן אויף גלייכהייט. אמת, ס'האט זיך געפונען א בורזשואזער עקאנאמיסט (מאלטוס), וועלכער האט געפרואווט „וויסנשאפטלעך" באווייזן, אז די אלע צרות, פון וועלכע די ארבעטער מאסן ליידן, זיינען אומפארמיידלעך. לויט זיין דערקלערונג איז אויסגעקומען, אז אלע ליידן פון די פאלקס־מאסן נעמען זיך דערפון וואס די באפעלקערונג וואקסט א סך שנעלער איידער די עקזיסטענץ־מיטלען. מלחמות, ארבעטסלאזיגקייט, די אלע שוידערם זיינען לויט מאלטוסעס מיי־נונג נויטיג, כדי איינצושטעלן א גלייכגעוויכט צווישן דער באפעלקערונג און די עקזיסטענץ־מיטלען.

די בורזשואזיע האט זיך מיט פרייד אנגעכאפט אן דער דאזיגער גע־וואגטער און פלינק אויסגעפלאכטענער טעאריע. אבער שארל פוריע האט נאך אין זיין צייט גלענצנדיג באוויזן, אז „אין ציוויליזאציע ווערט דער סאמע איבערפלוס פון לעבנס־מיטלען א קוואל פון ארימקייט".

פוריע איז בכלל ארויסגעטראטן ווי א קלארער און שטארקער קריטי־קער פון די שוידערם פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג. מיט ביישפילן אן א שיר האט פוריע מייסטעריש באוויזן, אז „יעדער איבל וואס האט זיך ביי די ווילדע ארויסגעוויזן אין אן איינפאכער פארם, טרעט ארויס אין א קאמפליצירטער פארם אין דער מאדערנער געזעלשאפט הינטער א היפא־קריטישער מאסקע".

פוריע, פונקט ווי טאמאס מור, האט געזוכט אן אויסגאנג אין א טעא־רעטישן פלאן פאר א נייער געזעלשאפטלעכער ארדנונג, וואס זאל זיין פריי פון די חסרונות און די שוידערם פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. ער האט אויסגעארבעט א פלאן וועגן ארגאניזירן קאמונעס. דעם פלאן האט ער אויסגעארבעט ביז צו די קלענסטע איינצלהייטן, און ער האט גע־האפט מיט דעם דאזיגן פלאן צו באצויבערן די וועלט, צו צווינגען די קא־

פּיטאַליסטישע געזעלשאַפט זיך אָפּצוזאָגן פון די שלעכטע געוואוינהייטן און אריבערגיין צו אַ נײַ לעבן, וואָס זאָל זײַן געבויט אויף יושר.

אין זײַנע יונגע יאָרן האָט פוריע געדינט ווי אַ משרת אין אַ קראָם אין מאַרסעל, אַ האַפן שטאָט אין פראַנקרײַך. ער האָט געזען די טעטיג־קייט פון דעם קאַפּיטאַליסט אין איר ריינער, נאַקעטער פאָרם. ער האָט געזען ווי גיריגע ספּעקולאַנטן האָבן אַרויסגעפירט אין מיטן ים גאַנצע שיפן שווער באַלאָדענע מיט תבואה און האָבן די שיפן געזונקען, כדי אָנ־צוהאַלטן די הויכע פּרייזן אויף תבואה. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין אַ צײַט, ווען אין מאַרסעל און גאַנץ פראַנקרײַך האָט געהערשט אַ שרעקלעכער הונגער! נאַטירלעך, אַז פוריע האָט פּײַנט געקראָגן די קאַפּיטאַליסטישע ספּעקולאַציע מיט אַלע ווינקעלעך פון זײַן נשמה.

פוריע איז געווען אַ גלענצנדער קריטיקער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זײַן שפּאָטישע קריטיק איז געווען פול מיט גיפט און גלאַנץ. ער האָט אויך אויפגעמאָלן אַ פּרעכטיגן פּלאַן פאַר אַ נייער געזעלשאַפט־לעכער אָרדנונג. ער איז אָבער ניט געווען בכח צו געפינען דעם וועג צו זײַן ציל.

פוריע איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך באַקערט מיט אַלע זײַנע געדאַנקען צו די לײַדן פון די אַרבעטער. אַ צווייטער באַרימטער אוּ־טאָפּיסט פון יענער צײַט איז געווען סען סימאָן. „דער גרונד־צוועק פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון אונזער יאָרהונדערט, — האָט סען סימאָן געשריבן, — דאַרף זײַן די פיזישע און גײַסטיגע דערציאונג פון דעם אָרימסטן און צאָלרײַכסטן קלאַס". און סען סימאָן האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ צוצוטראַכטן אַ פּלאַן אויף איבערצובויען די געזעלשאַפט אַזוי, אַז די האָרעפּאַשנע מאַסן זאָלן געהאָלפן און געראַטעוועט ווערן.

ער האָט אַזאַ פּלאַן ניט געקאָנט געפינען, און דאָס האָט אים אַזוי דער־שלאָגן, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן. ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד אין 1823, נאָר ער האָט זיך בלויז פאַר־וואונדעט. געשטאָרבן איז ער מיט צוויי יאָר שפּעטער. די לעצטע ווערטער זײַנע אויפן טויט־בעט קלינגען איצט ווי אַן אמת'ע נבואה. ער האָט שטאַרבנדיק געערדט וועגן דער גרינדונג פון אַן אַרבעטער פּאַרטיי צו וועל־כער עס וועט געהערן די צוקונפט.

סײַ פוריע און סײַ סען סימאָן האָבן געהאַט פרײַנט און מיטקעמפער. וואָס האָבן געאַרבעט אין דער זעלביגער ריכטונג, — מענטשן, וואָס זייערע געדאַנקען זײַנען געווען אָנגעשטרענגט איבער דער אויפגאַבע צו באַזײַטיגן די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אַלע זײַנען זיי געווען באַזעלט פון די שענסטע כוונות. אַלע האָבן זיי געפלאַטערט מיט אַ מענטשנשאַפטלעכער ליבע צו די לײַדנדע האָרעפּאַשנע מענטשן. אַ סך פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן ריזיגן טאַלאַנט און שאַרפן שכל. אַלע האָבן זיי אָבער געליטן פון איין חולאת: זיי האָבן ניט געזען דעם בריק, וואָס

מ׳קאָן אריבערוואַרפן איבער דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ די קאַפּיטאַליס־טישע געזעלשאַפט פון דער צוקונפטיגער סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

א באזונדער אָרט צווישן זיי פאַרנעמט דער גרויסער ענגלישער פּראַקטיקער ראָבערט אועז. ער האָט ניט בלויז געפּריידיגט, נאָר געטאָן פּראַקטישע ארבעט. דאָס פאַבריק־דערפל ניו לענערק האָט ער פאַרוואַנדלט אין א בליענדיגן גאָרטן, אין סאַמע מיטן פון דער שווידערלעכער עקספּלואַ־טאַציע און אונטערדריקונג פון יענער צייט. שטודירנדיג די פאַבריק, מיט וועלכער ער האָט פאַרוואַלטעט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער פראַגע, וואו עס קומען אהין די רייכטימער, וואָס די ארבעטער שאַפן און באַקומען ניט. ער איז געקומען צום שלוס, אַז די דאָזיגע רייכטימער ווערן דאָס אייגנטום פון מענטשן, וואָס באַטייליגן זיך ניט אין דער פּראָדוקציע.

ראָבערט אוען האָט זיך ניט באַגרעניצט דערמיט, וואָס ער האָט גע־פּריידיגט זיינע אידייען און אָרגאַניזירט פאַבריק־קאָמונעס. ער האָט גע־נומען א לעבעדיגן אקטיוון אנטייל אין דער ארבעטער־באַוועגונג פון ענג־לאַנד, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגענומען מער וויניגער אָרגאַניזירטע פאָרמען. דער פּראַקטישער אוען האָט געזען, אַז דורך קאָנקרעטע ביי־שפּילן קאָן מען באַקערן די גאַנצע וועלט צו א נייעם לעבן. אָבער אויך אוען — ווי די גרויסע פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן — האָט ניט געזען אָט דעם בריק, וואָס זאָל פאַראייניגן דעם היינט מיט׳ן מאָרגן.

עס שטעלט זיך די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס אַזוינע גרויסע דענ־קער, אַזוינע נאָבעלע הערצער, אַזוינע פּראַקטישע טוער האָבן ניט געקענט לייזן די פּראָבלעם, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אַזוי ערנסט אָפּגעגעבן?

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" ענטפערט אויף דער דאָזיגער פראַ־גע: „די אויטאָרן פון די דאָזיגע אידייען (סען סימאָן, פוריע, אוען און אַנ־דערע) פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז עס עקזיסטירן פאַרקערטע קלאַסן־אינטע־רעסן און אַז אינווייניג אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט הויבט זיך אָן א פּראָצעס פון פאַנאַנדערפאַלן. זיי זעען אָבער ניט קיין היסטאָרישע טאַטן מצד דעם ארבעטער־קלאַס, זיי באַמערקן ניט די פּאָליטישע באַוועגונג פון דעם ארבעטער־קלאַס". און ווייטער:

„אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען באַשעפטיגט מיט אויסאַרבעטן זייערע פּלענער, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי פאַרטיידיגן צום אַלעם ערשטן די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאַס, ווייל דער ארבעטער־קלאַס האָט צום מערסטן געליטן. בכלל האָבן זיי אין דעם ארבעטער־קלאַס געזען בלויז א ליידנדן קלאַס". זיי האָבן אָבער ניט געקענט זען אין דעם ארבעטער־קלאַס דעם באַשאַפער פון דעם נייעם לעבן, דעם שמיד, וואָס וועט אויסשמידן זיין אייגענע צוקונפט.

טאָמאַס מור האָט געזאָגט: „אַלץ פאַר דעם פאָלק, אָבער ניט דורך דעם פאָלק". דעם זעלביגן געדאַנק דריקט אויך אויס סען סימאָן און ער שרייט אויס צו די מאַסן:

„גיט אַ קוק וואָס איז געשען אין פראַנקרייך, ווען דאָרט האָבן געהערשט אייערע חברים: זיי האָבן דאָרטן באַשאַפן אַ הונגער“.

פּונקט ווי טאָמאס מור האָבן די גרעסטע אוטאָפּיסטן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען מיט זייערע פּלענער נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ניט געקאָנט זיך אויפהויבן העכער פון זייער צייט. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז נאָך ניט געווען גענוג אַנטוויקלט, און לויט דער שוואַכער אַנט־וויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז דער אַרבעטער־קלאַס נאָך אויך געווען שוואַך אַנטוויקלט. אין אַזאַ סביבה איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז אויך די אידייען וואָס שפּיגלען אָפּ די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס זאָלן זיין שוואַך אַנטוויקלט, פאַרפּלאָנטערט און פאַנטאַסטיש.

אָבער די גרויסע אוטאָפּיסטן האָבן מיט זייער אַרבעט געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז ס׳איז שוין געבאָרן געוואָרן אַ נייער קלאַס, וואָס ברייננט מיט זיך צו טראָגן נייע אידייען און נייע מעגלעכקייטן.

די ווירקונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס גופא ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מיר פאַרגלייכן די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן מיט דעם ענגלישן פּראַק־טיקער. פוריע האָט פיינט געהאַט די בורזשואַזע צוויי־פּנים׳דיגקייט און האָט אָן רחמנות אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון הערשנדיגן קלאַס. ער האָט זייער טרעפלעך פאַרגליכן די מעשים פון דער בורזשואַזיע מיט אירע ווער־טער, אָבער צו דעם פאַקטישן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס האָט ער קיין שייכות ניט געהאַט. אַנדערש איז עס געווען מיט ראָבערט אָוענ׳ען.

„דער איבערגאַנג צו קאָמוניזם, — דערציילט ענגעלס, — איז געווען דער ווענד־פּונקט אין אָוענ׳ס לעבן. אַזוי לאַנג ווי ער איז געבליבן אויפן באָדן פון געוויינטלעכער פילאַנטראָפּיע, האָט ער געהאַט רייכטימער און מ׳האָט אים צוגעטיילט אַנערקענונג און כבוד. ער איז געווען דער פּאָפּו־לערסטער מענטש אין אייראָפּע. ניט בלויז מענטשן פון זיין שטאַנד, — שטאַטסלייט און קעניגן האָבן זיך אויך צוגעהערט צו אים. ווען ער איז אָבער אַרויסגעקומען מיט זיינע קאָמוניסטישע טעאָריעס, איז די לאַגע גע־וואָרן גאַנץ אַנדערש. לויט זיין מיינונג איז דער וועג צום געזעלשאַפטלעכן איבערבוי געווען פאַרצאַמט פון דריי גרויסע שטרויכלונגען: אייגנטום, רעליגיע און די מאָדערנע הייראַט־פאָרם. ער האָט געוואוסט, אַז דער־מיט וואָס ער טרעט אַרויס געגן אַט־די יסודות פון דער געזעלשאַפט רופט ער געגן זיך אַרויס דעם צאָרן פון דער גאַנצער אָפיציעלער געזעל־שאַפט, פאַרלירט ער זיין געזעלשאַפטלעכן מצב. אָבער דאָס האָט אים ניט געקענט צוריקהאַלטן. ער האָט זיי אַטאַקירט און אַלץ וואָס ער האָט פאָראויסגעזען איז טאַקע געשען. פאַרטריבן פון דער אָפיציעלער געזעל־שאַפט, דאָס הייסט פון דער געזעלשאַפט פון קאַפּיטאַליסטן, גלחים און רעגירונגס־באַאַמטע, אומיסטן פאַרגעסן פון דער פּרעסע, פאַראָרימט דורך די ניט־געלונגענע קאָמוניסטישע עקספּערימענטן אין אַמעריקע, וואָס האָבן פאַרשלונגען זיין גאַנץ פאַרמעגן, ווענדעט זיך ראָבערט אָוען איצט דירעקט צום אַרבעטער־קלאַס און בלייבט טעטיג צווישן די אַרבעטער נאָך דרייסיג יאָר.

אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ענגלאַנד, אַלץ וואָס איז דאָרט אויפגעטאָן געוואָרן ממשות'דיגס אין די אַרבעטער־אינטערעסן, — אַלץ איז פאַרבונדן מיט אָוענ'ס נאָמען.

גאַנץ לאַנגזאַם האָט זיך אַנטוויקלט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק. נאָך מער לאַנגזאַם האָט זיך אויסגעבילדעט די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס. אָבער די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט באַפרייט די קאַפיטאַליסטישע געזעלשאַפט פון אַלע אַמאָליגע פענטעס. דערמיט אַליין האָט זיך געעפנט אַ וועג פאַר'ן באַגלייטער און קנעכט פון דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט, — פאַר דעם מאָדערנעם אַרבעטער. און אין דעם טאָג, ווי דער קאַפיטאַליזם האָט זיך געשטאַרקט און אַנטוויקלט, אין דער זעלביגער מאָס האָט זיך געשטאַרקט און אַנטוויקלט דער אַרבעטער־קלאַס.

5. דער וועג צום סאָציאַליזם

דער אָנהויב פון קאַפיטאַלייזם ברענגט דעם אָנהויב פון סאָציאַליזם.—אַרבעטער ווערן פאַראייניגט דורך דער פאַבריק.—צעטיילונג פון אַרבעט אַ שריט צו אַ סאָציאַליסטישער פראָדוקציע.—די צאָל קאַפיטאַליסטן ווערט קלענער—די צאָל אַרבעטער שטייגט.—די ריזיגע מאַשינען שאַפן ריזיגע אַרבעטער־אַרמייען.—דער אָנהויב פון פראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין.—די רעוואָלוציע פון 1848.—דער אַרבעטער־קלאַס טרעט אַרויס אַליין צום ערשטן מאָל.—די „יוני־טעג" פון 1848, אַ וויכטיגער מאָמענט אין דער געשיכטע.—דער „קאָמוניסטישער פאַראיין„ גיט אַרויס דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".—מאַרקס און ענגעלס ווייזן, אַז סאָציאַליזם איז אומפאַרמיידלעך.—די אוטאָפיסטן האָבן אָנגעוויזן דעם ציל, דער מאַניפעסט ווייזט דעם וועג צו דעם ציל.

דאָס פייערל אין דער לערע פון די גרויסע אוטאָפיסטן האָט ניט געקאָנט באַלייכטן די פינסטערניש פון לעבן אין דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט דערפאַר ווייל דאָס לעבן אַליין האָט נאָך צו יענער צייט ניט צוגעגרייט די כחות, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם זיגרייכן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

וואָס מער דער קאַפיטאַליזם האָט זיך באַפעסטיגט און אַנטוויקלט, אַלץ מער איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט דער סאָציאַליזם. די אַנטוויקלונג פון דעם קאַפיטאַליזם האָט פולשטענדיג באַרעכטיגט די ווערטער פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט": „די בורזשואַזיע האָט ניט נאָר אויסגעשמידט דאָס געווער וואָס דאַרף איר דערלאַנגען איר טויט־קלאַפ, — זי האָט אויך געשאַפן די מענטשן, וואָס וועלן נעמען דאָס געווער אין זייערע הענט, — די מאָדערנע אַרבעטער־פראָלעטאַריער".

מיר וועלן איצט נאָכפאָלגן טראָט נאָך טראָט ווי אַזוי די בורזשואַזיע האָט געשאַפן די אַרמיי פון אירע באַגראָבער אין דער צייט ווען זי האָט געזוכט צו באַפעסטיגן איר מאַכט. דער אָנהויב פון קאַפיטאַליזם האָט מיט זיך געבראַכט דעם אָנהויב פון סאָציאַליזם. די פויערשע מאַסן, וואָס מ'האָט ביי זיי צוגענומען זייער ערד און זייערע פראָדוציר־מיטלען, זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן זייער אַרבעט־קראַפט. דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ שנאה צו פריוואַט־אייגנטום און צו די באַזיצער פון פריוואַט־

אייגענטום. שוין אין דער צייט פון היימישער פּראָדוקציע, ווען דער אַרבעטער האָט ביי זיך אין דער היים אויפגעמאַכט די אַרבעט פאַרן סוחר, האָט ער געשאָלטן דעם באַלעבאָס זיינעם, — דעם קאַפּיטאַליסט וואָס האָט ביי אים אויסגעצאַפּט דעם לעצטן טראָפּן כח.

די צווייטע שטופע פון פּראָדוקציע, די מאַנופאַקטור־שטופע, וואָס האָט פאַרזאַמלט אַרבעטער אין גרויסע אַרבעט־פּלעצער, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם סאָציאַליסטישן מעטאָד פון פּראָדוקציע. קאַפּיטאַל איז שטאַרק דעמאָלט ווען די אַרבעטער זיינען צעבראָקלט, יעדערער פאַר זיך. פון דעם מאָמענט ווען די פאַבריקן האָבן אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די אַרבעטער, זיינען יענע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע, וואָס מוז צוליב אירע נאַטירלעכע אינטערעסן שטרעבן צו דער סאָציאַליזירונג פון די פּראָדוציר־מיטלען. די ערשטע פאַבריק אַזאַ איז געווען די ערשטע שול פון סאָציאַליזם; די ערשטע פאַבריק איז אויך געווען די ערשטע קאַזאַרמע וואָס האָט מאָביליזירט און פאַראייניגט די אַרמיי פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אָבער דאָס זיינען געווען קליינע קאַזאַרמען, צעוואָרפענע, אומבאַדייטענדע שולן. די אַרבעטער זיינען נאָך ניט געווען צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע. זיי זיינען נאָך ניט געווען קיין איינהייטלעכער קלאַס.

דער קאַפּיטאַליזם איז געגאַנגען ווייטער און האָט געמאַכט נאָך אַ טראָט פאָראויס. ער האָט דערפונדן מאַשינען, איינגעשפּאַנט דאַמף, געלאָזט לויפן ריזיגע פאַבריקן און זאַוואָדן. ער האָט אָנגעהויבן שאַפן ריזיגע פּראָלעטאַרישע לאַגערן אַנשטאָט קליינע, צעוואָרפענע קאַזאַרמעס.

ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן די גרויסע פאַבריקן האָט ער דערמיט געמאַכט נאָך אַ גרויסן און וויכטיגן טראָט אין די אינטערעסן פון סאָציאַליזם. כל זמן דער אַרבעטער האָט געאַרבעט ביי קליינע וואַרשטאַטן מיט איינפאַכע געצייג, האָט נאָך ביי אים געקאָנט זיין אַ האָפענונג, אַז אויב ער וועט זיצן ביי דער אַרבעט אַ ביסל לייננער, וועט ער מער פאַרדינען, און אַז ער וועט אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט וועט ער זיך אַליין קאָנען קויפן אַ מאַשין און ווערן אַ זעלבסשטענדיגער באַלעבאָס. אָבער ווען ער אַרבעט אין די ריזיגע פאַבריקן, ווען ער זעט די ריזיגע מאַשינען, קאָן ער שוין מער אפילו ניט טרוימען וועגן ווערן דער באַלעבאָס פון דער מאַשין. ניין, ער טראַכט וועגן דעם, אַז אַלע אַרבעטער, דער גאַנצער אַרבעטער קלאַס זאָל צוזאַמען ווערן דער באַלעבאָס פון אַלע מאַשינען; ער הויבט אָן צו קוקן אויף זיך ווי אויף אַ מיטגליד פון אַ גאַנצן קלאַס, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן און וועט אַלץ באַהערשן.

דער איבערגאַנג צו גרויס פּראָדוקציע האָט נאָך אַ וויכטיגע באַדייטונג. ווען עס ווערן געשאַפן ריזיגע מאַשינען, ריזיגע פאַבריקן, שאַפט זיך אויך די מעגלאַכקייט גרינג איבערצונעמען אָט די פּראָדוציר־מיטלען און זיי אָוועקגעבן אין די הענט פון דעם גאַנצן אַרבעטער קלאַס. עס באַקומט זיך אַ בילד, ווי דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אַליין וואָלט אַזוי אָוועקגע־

ליינט זיין קאָפּ, אַז דעם וואַקסענדיגן פּראָלעטאַריאַט זאָל זיין גרינגער דעם קאָפּ אָפּצוהאַקן. די צאָל קאַפּיטאַליסטן ווערט קלענער, די צאָל אַרבעטער שטייגט. די ריזיגע פּראָדוציר־מיטלען געפינען זיך פּאַקטיש אין יענע ער־טער וואו עס זיינען קאָנצענטרירט מאַסן אַרבעטער, די אַרבעטער אַרמיי. דער באַלעבאַס פון יענע אונטערנעמונגען שפּילט ניט קיין שום ראָל, — ער איז אַ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער אונטערנעמונג גופא, איבער וועל־כער ער איז באַלעבאַס. מען דאַרף דערלאַנגען אַ קלאַפּ, באַזייטיגען דעם באַ־לעבאַס און עס וועט זיך באַקומען אַ האַרמאָנישע לאַגע: די פּראָדוקציע וועט זיין אין די הענט פון דעם פּראָדוצירענדן קלאַס. אַרויסטרייבן די פּויערים פון די דערפער. שאַפן אַן אַרבעטער אַרמיי — דאָס איז געווען בלויז דער ערשטער טראַט פון קאַפּיטאַליזם. אונטער דער ווירקונג פון קאָנ־קורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטן אין די צאָל קלענערע באַלעבאַטים, קליין־קאַפּיטאַליסטן און פאַבריקאַנטן געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. די אַר־בעטער אַרמיי איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

די היים־פּראָדוקציע האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ דער מאַנופעקטור־פּראָדוקציע דערפאַר וואָס דורך צעטיילונג פון אַרבעט האָט זיך געלאָזט קריגן בעסערע רעזולטאַטן, מער פּראָפיט. דער קליינער וואַרשטאַט איז ניט בכח צו קאָנקורירן מיט דער גרויסער פאַבריק וואָס באַנוצט זיך מיט ריזי־גע מאַשינען און פּראָדוצירט סחורות שנעלער און ביליגער. די קליינע פאַב־ריקאַנטלעך קאָנען זיך ניט נאָכיאָגן נאָך די גרויסע פאַבריקאַנטן, און מיט דער צייט ווערן זיי אַליין פאַרוואַנדלט אין פּראָלעטאַריער. גייען אַוועק אַר־בעטן צום גרויסן פאַבריקאַנט. צווישן די גרויסע פאַבריקאַנטן הויבט זיך אויך אָן אַ רייסעריי. ווער עס האָט בעסערע מאַשינען, ווער עס קאָן גרינ־גער צושטעלן סחורות, יענער זיגט אין דער קאָנקורענץ.

קאַפּיטאַל ווערט קאָנצענטרירט אין די הענט פון עטלעכע מענטשן, און די אַרמיי אַרבעטער שטייגט און שטייגט בי זצו אַ ריזיגער צאָל. די פּראָדוציר־מיטלען קאָנצענטרירט אין ווייניגע הענט, מיליאָנען אַרבעטער פאַראייניגט דורך און אַרום די פּראָדוציר־מיטלען, — אָט דאָס געוועזר וואָס דער קאַפּיטאַליזם שמידט אויס פאַר דעם טריאומף פון סאָציאַליזם.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אויף די וואָס נעמען דאָס געווער אין האַנט. ווען די אַרבעטער וואָלטן געשטיגן בלויז אין צאָל, וואָלט דערפון קיין שום טאָלק ניט אַרויסגעקומען.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז דייטשלאַנד האָט דרייסיג מיליאָן אַרבעטער און בלויז טויזנט פאַבריקאַנטן. אויב די דרייסיג מיליאָן אַרבעטער וועלן שקלאַפיש אויספאָלגן דעם ווילן פון די טויזנט פאַבריקאַנטן, וואָלט אַזאַ אַר־מיי בלויז פאַרשטאַרקט די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן. מיר ווייסן ווי עס האָט אויסגעקוקט די פּראָלעטאַרישע אַרמיי אין דער ערשטער עפּאָ־כע פון קאַפּיטאַליזם. ס'איז געווען אַ קלאָגעדיגע, דערשלאָגענע אַרמיי. מיר ווייסן אויך וואָס ס'איז געווען שפּעטער, אין דער צייט פון דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע. די אַרבעטער און די בורזשואַזיע זיינען געגאַנגען אונ־

טער איין און דער זעלבינער פאָן; די ארבעטער האָבן געגלויבט, אז ווען די בורזשואזיע וועט זיגן, וועלן אַלע מענטשן ווערן פריי און גלייך. אמת, שוין צו יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן די פעדים וואָס האָבן פאַר־אייניגט די בורזשואזיע מיט די ארבעטער. אין דעם סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע האָט זיך געגרינדעט דער „בונד פון די גלייכע" מיט באַבעפ'ן אָן דער שפּיץ. און דורך אָט דעם בונד האָבן די ארבעטער אַ שליידער געטאָן דער בורזשואזיע אין פּנים אריין דעם לאָזונג: „מיר ווילן גלייכהייט ניט אויפ'ן פּאַפּיר נאָר אונטער די דעכער פון אונזערע שטיבער".

פאַר אָט דער פאָדערונג האָט די בורזשואזיע געטויט דעם פירער פון דעם „בונד פון די גלייכע", באַבעף. שוין דאַמאָלט האָט זיך די בורזשואזיע דערשראָקן פאַר דער שטים פון פּראָטעסט, וואָס איז געקומען פון די אָפּגע־נאַרטע ארבעטער. די בורזשואזיע האָט מיט אַלע כּחות געזוכט אָנצוהאַלטן די אילוזיע, אַז די אינטערעסן פון די ארבעטער זיינען די זעלביגע ווי אירע אינטערעסן.

באַבעף'ס פאָדערונג איז אָבער געווען בלויז איינער פון אַ צאָל אָפּגע־זונדערטע ארויסטריטן. דאָס אַלגעמיינע בילד איז דורך דעם ניט געענדערט געוואָרן. דער ארבעטער קלאַס איז נאָך נאָכגעגאַנגען דער בורזשואזיע, און די בורזשואזיע האָט געמאַכט אירע ווייטערדיגע דעראָבערונגען מיט דער הילף פון ארבעטער־קלאַס. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער פראַנצויזי־שער קאָנווענט האָט אויסגעארבעט זייער אַ רעוואָלוציאָנערן גרונד־געזעץ (קאָנסטיטוציע), וואָס שיינקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט די האַרעפּאַשני־קעס. דער דאָזיגער גרונד־געזעץ איז אָבער געבליבן אויפ'ן פּאַפּיר. מען קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז די בורזשואזיע האָט דאַמאָלט אויסגענוצט דעם ארבע־טער־קלאַס ניט בלויז אויף צו שאַפן אירע עקאָנאָמישע רייכטימער, נאָר טאַקע אויף אויסצוקעמפן די פּאָליטישע אויבערהערשאַפט איבער די ארבעטער.

אַזאַ איז געווען די לאַגע מיט 130 יאָר צוריק. אָבער 50 יאָר שפּעטער, אין 1848, האָט זיך אין פראַנקרייך פונאַנדערגעפּלאַקערט אַ צווייטע רע־וואָלוציע. ווען מיר קוקן זיך צו צו דער רעוואָלוציע פון 1848, זעען מיר שוין פאַר זיך גאָר אַן אַנדער בילד. אין דעם ערשטן טאָג, אין דער ערשטער שעה פון דער רעוואָלוציע גייען די ארבעטער און די בורזשואזיע צוזאַמען, — אַלע גייען זיי געגן קעניג, פאַר פרייהייט. דאָס איז געווען דעם 22טן פעברואַר, 1848. אָבער שוין אין דריי טעג אַרום, דעם 25טן פעברואַר, זיי־נען די ארבעטער ארויסגעטראָטן מיט אַ ריי אייגענע פאָדערונגען. צווישן דער רעוואָלוציע פון 1789 און דער רעוואָלוציע פון 1848 האָבן די ארבע־טער פון פראַנקרייך געמאַכט אַ ריי אויפשטאַנדן (אין די יאָרן 1832, 1834, 1839) און אין 1848 האָט דער ארבעטער קלאַס זיך נאָך אויך ניט אָפּגע־גבן קיין קלאָרן חשבון וועגן זיין פּראָגראַם און זיינע פאָדערונגען. די אַר־בעטער האָבן געפאָדערט „אָרגאַניזאַציע פון ארבעט". דאָס איז גאָרנישט קיין קלאָרע פאָדערונג. ווען מען זאָל איבערלאָזן די פּראָדוציר־מיטלען אין

פריוואַטע הענט, איז די קאָנקורענץ צווישן פריוואַט־אייגנטימער אומפאַר־מיידלעך און קיין אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט איז ניט מעגלעך. ס'איז קלאָר, אַז דער איבערגאַנג פון מאַכט אין די הענט פון די אַרבעטער־מאַסן איז אַ פאָרבאַדינג פאַר דער סיסטעמאַטישער, צוועקמעסיגער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט, פון פּראָדוקטיווע פּראָצעסן. דער אַרבעטער־קלאַס האָט אָבער נאָך ניט פאַרשטאַנען זיינע אינטערעסן. ער האָט געגלויבט אַז ס'איז מעגלעך, אין די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זיך דערשלאָגן צו אַ געזיכערטער עקזיסטענץ דורך אַרבעט. ער האָט געגלויבט אין „אָרגאַניזירן אַרבעט" און אין דעם „רעכט אויף אַרבעט". דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין אָבער דאַמאָלט געווען דורכגעדרונגען מיט אומצוטרוי צו דער בורזשואַזיע. ער האָט שוין געוואוסט, אַז זיינע אינטערעסן פאַלן ניט צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. דער אַרבעטער־קלאַס האָט שוין געפירט זיין קאַמף ניט האַנט־אין־האַנט מיט דער בורזשואַזיע, נאָר פּנים צו פּנים קעגן דער בורזשואַזיע.

אין דער געשיכטע פון די קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס איז וויכטיג צו געדיינקען איין זייער וויכטיגן מאָמענט. דאָס איז יוני, 1848. די יוני־טעג האָבן פּונקט אין אַזאַ מאָס צוגעגרייט די פּאַריזער קאָמונע, ווי די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 האָט צוגעגרייט דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד פון יאָר 1917. די יוני־טעג, דאָס זיינען די טעג, ווען דער אַרבעטער־קלאַס איז צום ערשטן מאָל אין זיין געשיכטע אַרויסגעטראָטן אַליין קעגן אַלע קלאַסן אונ־טערדריקער, אַרויסגעטראָטן אין קאַמף פאַר זיינע פּראָלעטאַרישע אינטע־רעסן. אין פעברואַר פון דעם זעלבינן יאָר האָט דער אַרבעטער־קלאַס נאָך געגלויבט, אַז ער וועט קאָנען אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט גופא זיך דערשלאָגן צו דערטרעגלעכע באַדינגונגען. אָבער אין יוני איז ער שוין דורך דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, געווען געצוואונגען אַרויסצוטרעטן אין קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, פאַר דער הערשאַפט פונ'ם אַרבעטער־קלאַס. ער האָט מוטיג געקעמפט אויף די באַרי־קאַדן, און אין משך פון אַ סך שפּעטערדיגע יאָרן האָט די בורזשואַזיע דער־מאָנט מיט שרעק און שוידער יענע טעג, ווען דער פּראָלעטאַריאַט, חאָטש שוואַך און ניט אָרגאַניזירט, האָט לאַנג אויסגעהאַלטן די שלאַכטן אויף די באַריקאַדן.

ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל פאַרלירן אין יענע קאַמפן. פאַר אונז איז אָבער דאָס יאָר וויכטיג דערמיט, וואָס ס'האָט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. דער אַרבעטער־קלאַס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מאַסע, וואָס קעמפט פאַר דער הערשאַפט פון אירע אונטערדריקער. דער אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן אַזעלבסטשטענדיגער קלאַס, וואָס איז אַרויס־געטראָטן אין דער ראָל פון אַ באַגרעבער פון קאַפּיטאַליזם.

ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַליזם, האָט זיך אויך באַוויזן די ערשטע לעגענדע וועגן סאָציאַליזם. און אין דער צייט ווען ס'איז צוגע־גרייט געוואָרן דער ערשטער אַרויסטריט פון דעם אַרבעטער קלאַס, האָט זיך

באווייזן אַ דאָקומענט, וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם סאָציאַליזם. די זעלביגע אומשטענדן ווי די וואָס האָבן געבראַכט צום יוני־אויפשטאַנד אין 1848 האָבן ארויסגערופן צום לעבן דעם ערשטן „קאָמוניסטישן פאַראיין", וואָס האָט ארויסגעגעבן מאַרקס'עס „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

אין דעם „גאָלדענעם ביכעלע" פון טאָמאַס מאָר איז אָנגעצייכנט אַ שיינער ציל. מאָר האָט אָבער ניט געקאָנט אָנווייזן אויף דעם ריכטיגן וועג, וואָס זאָל פירן צום ציל. דעם זעלביגן חסרון האָבן געהאַט מערסטע ווערק פון די ערשטע סאָציאַליסטן. אַלע האָבן זיי פאַרפעלט צו באַמערקן דעם פראָלעטאַריאַט, גראָד דעם קלאַס, וואָס איז דער איינציגער בכח דורכצופירן די סאָציאַליסטישע אידייען אין לעבן.

דער ארבעטער־קלאַס האָט טיף געליטן, איז געווען אונטערדריקט. ער האָט זיך געוועהרט געקעמפט אָבער קיין באַשטימטן ציל האָט ער ניט געהאַט. ס'זיינען געווען פאַלן ווען ארבעטער זיינען אויפגעשטאַנען געגן איינצעלנע באַלעבאַטים, און זיי האָבן צעשמעטערט די מאַשינען, אויף וועלכע זיי האָבן ארויפגעוואָרפן די שולד פאַר זייער שרעקלעכער לאַגע. זיי האָבן געקעמפט לײדנשאַפטלעך, בראַוו, מיט לייב און לעבן, אָבער קיין קלאָרן ציל האָבן זיי דאָך ניט געהאַט. די סאָציאַליסטן האָבן יאָ געהאַט אַ לאַקענדן ענד־ציל, אָבער ס'האָט געפעלט גראָד דער קאַמף וואָס זאָל פירן צום ציל.

די ריזיגע באַדייטונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" באַשטייט אין דעם, וואָס ער ווייזט אָן דעם וועג צום ציל. סאָציאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אוטאָפּיע, ער איז געוואָרן אַן אומפאַרמיידלעכער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דער „מאַניפעסט" האָט געגעבן די ארבעטער אַ ריכט־פאַדים. דער „מאַניפעסט" רעדט ניט וועגן דעם, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ שיינע זאַך. ער טוט עפּעס אַנדערש: ער באַווייזט, אַז דער סאָציאַליזם איז אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך.

ווי אַ צאָרנדיגער אָנזאָג האָבן אָפּגעקלונגען די ווערטער פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט": „די בורזשואַזיע באַשאַפט פריער פאַר אַלץ אירע באַגרעבער. איר מפּלה און דער זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט זיינען אין אַ גלייכער מאָס אומפאַרמיידלעך".

6. עקאָנאָמישע קריזיסן

„שפע איז אַ קוואַל פון אָרימקייט".—די קריזיסן פון 1847 און 1856.—אַרבעטסלאָזיגקייט האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמען מיט קאַפּיטאַליזם.—די אַנטוויקלונג פון מאַשינען. אַרבעטסלאָזיגקייט ווערט אַ כראָנישע דערשיינונג.—נייע אינדוסטריען און נייע אַרבעטסלאָזע.—אַ פאַר'כשופ'טער קרייז.—די מאַשין איז ניט שולדיג.—מאַרקס וועגן דער מאַשין אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.—קאָנקורענץ און בלינדע טרעפעניש.—יעדער קריזיס, אַ געפאַר סיגנאַל פאַר'ן קאַפּיטאַליזם.

„יעדער עקאָנאָמישער קריזיס" — לייענען מיר אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט",—פאַרניכטעט סיסטעמאַטיש ניט בלויז די מאַסע שוין געשאַפענע פּראָדוקטן, נאָר אויך אַ באַדייטנדיגן טייל פון די פּראָדוקטיווע כחות. די געזעלשאַפט ווערט געטראָפן פון אַ מגפה, וואָס וואָלט זיך גאָר ניט געלייגט אויפ'ן שכל אין אַן אַנדער היסטאָרישער עפּאָכע, — די מגפה

פון איבערפּראָדוקציע. די געזעלשאַפט ווערט פּלוצים געבראַכט צו אַ צו־שטאַנד פון באַרבאַרישקייט".

דער עקאָנאָמישער קריזיס אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ברענגט אַרויס בולט פוריע'ס געדאַנק, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָר־דנונג איז שפע אַליין — אַ קוואַל פון אָרימקייט און ליידן.

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַן עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס ווייזט אַזוי בולט אַרויס די אינווייניגסטע ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם, זאָל שפּילן אַ גוואַלדיגע רעוואָלוציאָנערע ראָל. קריזיסן רעוואָלוציאָניזירן די פאָלקס־מאַסן גיכער און מיט מער זיכערקייט, ווי די בעסטע דרשה וועגן רעוואָלו־ציע און סאָציאַליזם. מיט דעם קריזיס, וואָס האָט ארומגעכאַפּט פראַנקרייך און אייראָפּע אין 1847, זיינען פאַרבונדען די יוני־טעג פון 1848, וועגן וועלכע מאַרקס האָט געשריבן, אַז „דאָס איז געווען די ערשטע שלאַכט צווישן די צוויי קלאַסן, וואָס שפּאַלטן די מאָדערנע געזעלשאַפט". דער צווייטער קריזיס אין 1856, האָט געדינט ווי אַ שטויס צו אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַ ריי אייראָפּעאישע לענדער. און אין דעם קריזיס פון 1866 האָט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, וועגן וועלכן מיר וועלן דאָ שפּעטער ריידן, אַנטוויקלט אַ ריזיגע פרוכטבאַרע טעטיגקייט.

קריזיסן טרעפן נאָך אַלץ די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט ווי שווע־רע מגפות. אַלע פאַרזוכן פון די קאַפּיטאַליסטן בייצוקומען קריזיסן און אר־בעטסלאָזיגקייט דורך פאַרשיידענע פאַראייניגונגען, האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג. מיר דאַרפן צוגיין נעענטער צו אָט-דער אייגנאַרטיגער עפּידעמיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מיר דאַרפן אונטערזוכן אָט־די קריינק פון דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס וועט אונז העלפן צו פאַרשטיין ניט בלויז די יוני־טעג, „די ערשטע גרויסע שלאַכט וועגן הערשאַפט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע", נאָר אויך די ווייטערדיגע אַנט־וויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

שוין ביים סאַמע באַגינען פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירשאַפט האָ־בן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַרמיי אַרבעטלאָזע. דער קאַפּיטאַליזם האָט באַגעגנט יענע אַרמיי מיט פייער און שווערד. אָבער ביסלעכווייז האָט די גאַנצע וועלט צוגעגעבן, אַז אַרבעטלאָזיגקייט איז ניט די שולד פון די אַרבעטער און אַז שולדיג אין דעם אומגליק איז נאָר די הערשנדיגע אָרדנונג. אין דער זעלביגער ענגלאַנד, וואו הענרי דער אַכטער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו שמייסן מיט ריטער און צו קעפּן די אַרבעטלאָזע, האָט אַ רעגי־רונגס־קאָמיסיע מיט 300 יאָר שפּעטער געמוזט צוגעבן, אַז „דער אומגליק פון מאַנגל אין באַשעפטיגונג וואָס לאָזט זיך אַזוי שטאַרק פילן אין דער צייט פון עקאָנאָמישן שטילשטאַנד, איז אַ שטענדיגע דערשיינונג אין דער אינדוסטריע און האַנדל פון אונזער צייט". לאָמיר באַטראַכטן די סיבות פון אָט־דער כראָנישער קריינק.

דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה, וואָס באַנוצט זיך מיט פּראָ־דוציר־געצייג. מיר ווייסן, אַז אפילו אין די אור־אַלטע צייטן האָט דער פּי־

שער זיך באַנוצט מיט אַ ווענדקע כדי צו כאַפּן פיש, און דער יעגער האָט זיך באַנוצט מיט פייל און בויגן אין זיין געיעג נאָך חיות און פויגל. אָבער קיין געזעלשאַפט האָט אַזוי ניט אַנטוויקלט די געצייג פאַר פּראָדוקציע, ווי דאָס האָט געטאָן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. ניט אומזיסט רופט מען אונזער צייט—די עפּאָכע פון עלעקטריציטעט און דאַמף. דער גאַנצער ערד-קוגל איז צעשטרייפט מיט באַן-ליניעס, איבער וועלכע עס לויפן באַנען; אי־בער די ימים טראָגן זיך גרויסע זיכערע שיפן, און איבער די בערג פליען עראָפּלאַנען. יעדן טאָג, יעדע שעה ווערן דערפונדן נייע מאַשינען, ווערן צו־געטראַכט נייע פּראָדוציר־געצייג.

די מאַשין אַרבעט די אַרבעט פון מענטשן. יעדע נייע מאַשין וואַרפט אַרויס צענדליגער און הונדערטער מענטשן פון זייער באַשעפטיגונג. ווען מ'האָט איינגעשטעלט מאַשינען אין וועבעריי, זיינען אַרבעטער וועבער גע־בליבן אָן אַרבעט און אָן ברויט. די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ווייסט פון ריזיגע אויפשטאַנדן פון וועבער אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד.

דאָס וואָס ס'איז געשען בא די וועבער, האָט זיך דערנאָך ווידערהאָלט אין אַלע צווייגן פון פּראָדוקציע. יעדע נייע מאַשין פאַרגרעסערט די אַרמיי פון אַרבעטלאָזע. און מאַשינען ווערן אַלץ פאַרבעסערט, און אַלץ מער נייע מאַשינען ווערן דערפונדן. אַזוי אַרום פירט די שטענדיגע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־געצייג צו אַ שטענדיגן וואוקס פון דער רעזערוו־אַרמיי פון אַרבעטער, ד. ה. די אַרמיי פון אַרבעטלאָזע.

די מאַשין מאַכט אויך מעגלעך פאַר פרויען און קינדער צו פאַרנעמען די פּלעצער פון מענער. דער קאַפּיטאַליסטישער מעטאָד פון פּראָדוקציע האָט חרוב געמאַכט ביז צום גרונד די אַלטע פויערשע משפּחה. די גאַנצע משפּחה — דעם טאַטן, די מאַמע, די קינדער, — האָט ער געצוואונגען צו דינען דעם גאָלדענעם קאַלב.

מיט אַ יאָר זיבעציג צוריק האָט אַ פאַבריקאַנט געזאָגט וועגן דער ראָל פון דער מאַשין: „די אַרבעט פון יעדן אַרבעטער ביי דער מאַשין באַשטייט ניט אין דעם, אַז ער זאָל אַליין עפּעס שאַפן. ניין, ער דאַרף נאָר אַכטונג געבן, אַז די מאַשין זאָל אַרבעטן ריכטיג. אָבער דאָס קאָן אַ אינגל אויך טאָן. די געניטע אַרבעטער טרעטן איצט אָפּ אין הינטערגרונד. פריער פלעג איך האָבן פיר לערן־אינגלאך פאַר יעדן בעל מלאכה. איצט, אַ דאַנק דער מאַשין, האָב איך פאַרקלענערט די צאָל דערוואַקסענע אַרבעטער פון 15 הונדערט אויף 750, און מיינע פּראָפיטן זיינען דערפון באַדייטנדיג געשטיגן".

אמת, די אַנטוויקלונג פון מאַשינעריע פירט דערצו, אַז פּראָדוקטן זאָלן געשאַפן ווערן שנעלער און ווערן מער צוגיינגלעך פאַר די ברייטע מאַסן. די אינדוסטריען אַנטוויקלען זיך צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די באַדער־פעניש. ס'איז אויך אמת, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט גע־שאַפן אַ גאַנצע ריי נייע אינדוסטריען, וועגן וועלכע אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אפילו ניט גע'חלום'ט. די אַנטוויקלונג פון מאַשינעריע

האָט געשאַפן אַ ריזיגע מאַשין־אינדוסטריע, וואָס באַשעפטיגט מיליאָנען אַרבעטער. גראָד אונטער׳ן קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט די מעטאַלור־גיע, די וויכטיגסטע אינדוסטריע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

נאָר מען דאַרף געדיינקען, אַז יעדע ניי־דערפונדענע מאַשין לאָזט איבער אויף אַ געוויסער צייט אַ צאָל אַרבעטער אָן באַשעפטיגונג. די דאָזיגע אַרבעטער טרעטן אַריין אין דער רעזערוו־אַרמיי און וואַרטן אויף זייער ריי. זייער ריי וועט קומען, ווייל די אינדוסטריע האַלט זיך דאָך אין איין אַנטוויק־לען; אָבער ביז זיי וועלן געפינען אַרבעט, וועט אַ נייע מאַשין אַרויסוואַרפן נאָך אַ גרופּע „איבעריגע הענט". און עס באַקומט זיך אַ פאַר׳כשופ׳טער קרייז, פון וועלכען די רעזערוו־אַרמיי פון אַרבעטלאָזע קאָן זיך ניט אַרויס־פּלאָנטערן אין די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

שוין אונזערע עלטער־זיידעס האָבן גוט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די ווערט פון קאָלעקטיווער אַרבעט. די פּרימיטיווע מענטשן האָבן געמיינ־דעם־וייז געקעמפט געגן דעם שונא׳ס מחנות. אָבער קיינמאָל האָבן די מענטשן אַזוי טיכטיג ניט אויסגענוצט די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט, ווי דאָס האָט געטאָן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

פון סאַמע באַגינען פון קאַפּיטאַליזם, ווען די מאַטעס פון די איצטיגע קאַפּיטאַליסטן האָבן נאָך ניט געוואוסט פון דאַמף און עלעקטריציטעט, האָ־בען זיי צוזאַמענגעטריבן אַ סך אַרבעטער אין איין ריזיגן אַרבעט־פּלאַץ און האָבן איינגעטיילט די אַרבעט איבער איין פּראָדוקט צווישן אַ סך אַרבעטער. די צעטיילונג פון אַרבעט האָט איינגעשפּאָרט די קאַפּיטאַליסטן אַ סך צייט און געלט. הונדערט שניידער, וואָס יעדער איינער מאַכט אויף אַ גאַנצן בגד, וועלן אויפמאַכן אַ סך ווייניגער קליידער, ווי די זעלביגע הונדערט שניי־דער ווען זיי וועלן זיך ספּעציאַליזירן בלויז אין אַ געוויסער טייל פון בגד.

אָבער יעדע נייע אויסבעסערונג אויף דעם געביט פון אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, גיט דעם פאַבריקאַנט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוואַרפן אַ צאָל אַרבעטער אויפ׳ן גאַס און פאַרבייטן נאָך אַ צאָל אַרבעטער מיט קינדער און פרויען. מיט אַנדערע ווערטער — די אויסבעסערונגען אין דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט פירן צו די זעלביגע רעזולטאַטן ווי די אויסבעסערונגען אין דער מאַשינעריע.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו דיינקען, אַז די אַנטוויקלונג פון דער טעכ־ניק אין פּראָדוקציע ברענגט שטענדיג שאָדן די אַרבעטער. ס׳איז שוין לאַנג אַוועק די צייט ווען די אַרבעטער האָבן צעשמעטערט מאַשינען און פאַר־ברענט פאַבריקן. איצט איז פאַר די אַרבעטער קלאָר, אַז ניט אין דער מאַ־שין שטעקט די צרה, נאָר אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. „די מאַשין אַליין, — שרייבט מאַרקס אין „קאַפּיטאַל", — פאַרקירצט די אַר־בעט־שטונדן, אָבער אין איר קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג פאַרלייננערט זי די אַרבעט־שטונדן. די מאַשין אַליין מאַכט די אַרבעט גרינגער, אָבער אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע דערפירט זי די אָנשטריינגונג ביז דער אַרבעט ביז צום עקסטרעם. די מאַשין שטעלט מיט זיך פאַר דעם

מענטשנ'ס זיג איבער דער נאַטור, — אונטער'ן קאַפּיטאַליזם פאַרשקלאַפּט זי אָבער דעם מענטשן צו דער נאַטור. די מאַשין מאַכט רייכער דעם פּראָ־דוצירער, אָבער אין איר קאַפּיטאַליסטישער אַנווענדונג פאַרוואַנדלט זי דעם אַרבעטער אין אַ בעטלער".

די צרה באַשטייט ניט אין דעם, וואָס פאַבריקן און מאַשינען אַנטוויק־לען זיך שנעל, נאָר אין דעם, וואָס זיי באַלאַנגען צו פּריוואַטע מענטשן און ניט צום קלאַס פּראָדוצירער. אונטער'ן קאַפּיטאַליזם, אונטער דער אָרדנונג וואו די ריזיגע געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־מיטלען באַלאַנגען צו אַ קליי־נער צאָל אייגנטימער, קומט די אַרבעטער ניט אַרויס קיין גוטס פון דער אַנטוויקלונג און טעכניק און פון דער בעסערער אָרגאַניזאַציע אין דער פּראָ־דוקציע. עס קומט דערפון אַרויס פאַרגרעסערטע אַרבעטלאָזיגקייט, הונגער, ליידן, קראַנקהייט, פריצייטיגער טויט.

דער קאַפּיטאַליזם ווייסט אויך פון אַזוינע מאָמענטן, ווען די שטראָ־מעלעך פון אַרבעטלאָזיגקייט גיסן זיך צונויף אין איין מעכטיגן שטראָם, וואָס טראָגט אין זיך די געפאַר אַרונטערצושווענקען ביז'ן גרונט דעם גאַנצן בנין פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, — מאָמענטן ווען די קאַפּי־טאַליסטישע געזעלשאַפט ווערט געטראָפן פון אַ מגפה, וואָס רופט זיך קריזיס.

עס קומט אָן אַ קריזיס, און דאָס עקאָנאָמישע לעבן הויבט באַלד אָן אָפּשטאַרבן. עס ווערן אויסגעלאָשן די שמעלץ־אויוונס, ס'ווערן פאַרמאַכט פאַבריקן. דאָרט, וואו עס האָט נעכטן געשלאָגן אַ גאָר קאָכעדיגער שטראָם, הערשט איצט אַ טויטע שטילקייט. אין אַ צייט פון קריזיס ווערט די צאָל אַרבעטלאָזע אומגעהויער גרויס. פון וואַנען זשע נעמען זיך די קריזיסן?

אויף דער דאָזיגער פראַגע ענטפערט קאַוטסקי מיט די פאָלגענדע ווער־טער: „די גרויסע מאָדערנע קריזיסן, וואָס טרייסלען אויף די מאָדערנע מאַרקן, זיינען אַ רעזולטאַט פון איבער־פּראָדוקציע, וואָס איז אַליין אַ רע־זולטאַט פון דער פּלאַנלאָזיגקייט וואָס איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדען מיט דער סחורה־ווירטשאַפט. איבערפּראָדוקציע, אין דעם זין וואָס עס ווערט פּראָדוצירט מער ווי נויטיג, קאָן פאָרקומען אונטער יעדער מעטאָדע פון פּראָדוקציע. נאָר דאָס קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט ברייגנען קיין שאָדן ווען דער פּראָדוצירער אַרבעט פאַר זיין אייגענעם געברויך. אויב, צום ביישפּיל, אַ פּויערשע פאַמיליע וועט צונויפזאַמלען מער תבואה ווי זי דאַרף האָבן, וועט זי דאָס איבערגעבליבענע באַהאַלטן אויף אַ צייט פון אומגערעטעניש; און אויב ס'וועט אין די שפּייכלערס ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר דער איבע־ריגער תבואה, וועט מען דערמיט קאָרמענען די בהמות אָדער, אין ערגסטן פאַל — אַרויסוואַרפן. גאָר אַנדערש איז עס מיט דער סחורה־פּראָדוקציע. דאָ פּראָדוצירט קיינער ניט פאַר זיך, נאָר יעדער איינער— פאַר אַנדערע. יעדער איינער מוז קויפן אַלץ וואָס ער דאַרף. אָבער די פּראָדוקציע בכלל האָט ניט קיין פּלאַן. יעדער פּראָדוצירער דאַרף טרעפן ווי גרויס עס איז די באַדערפעניש אויף די סחורות וואָס ער פּראָדוצירט. פון דער אַנדערער

זייט קאָן דאָ קיינער ניט קויפן זיין זאַך, סיידן ער פאַרקויפט פריער זיין אייגענע סחורה".

יעדער פאַבריקאַנט פּראָדוצירט און ספּעקולירט אויף זיין אייגענער ריזיקע. אין דער יאָגעניש נאָך פּראָפיטן באַנוצט ער זיך מיט מאָדערנע פּראָ־דוציר־מיטלען און וואַרפט אַרויס אין מאַרק אַריין אַ מאַסע סחורות. אָבער „דער מאַרק קאָן זיך ניט אַנטוויקלען אַזוי שנעל ווי עס אַנטוויקלט זיך די פּראָדוקציע, און אַ קאָנפליקט (קריזיס) איז אומפאַרמיידלעך" (פר. ענגעלס).

ס'איז אמת, אַז אין דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג עפנט דער קאַפּיטאַ־ליזם אויף אַלץ נייע מאַרקן. ער דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון ערד־קוגל. אָבער די נייע לענדער ווערן אַריינגעצויגן אין דעם משוגע'נעם געיעג נאָך פּראָפיטן און די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע האַלט אין איין אַרי־בעריאָגן די אַנטוויקלונג פון מאַרק.

נאָך מיט עטלעכע און זיבעציג יאָר צוריק האָבן מאַרקס און ענגעלס אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" געשילדערט דעם קריזיס ווי אַ בונט פון די ריזיגע סאָציאַלע פּראָדוקציאָנס־כחות געגן דעם שמאָלן פורעם פון פּריוואַט אייגענטום. זינט דאַמאָלס האָבן די פּראָדוקציאָנס־כחות זיך נאָך מער אַנט־וויקלט, און דאָס רעמל פון פּריוואַט אייגנטום איז געוואָרן נאָך שמעלער. אין דעם קאַמף צווישן די פאַבריקאַנטן האָבן געזיגט די גרויסע און די שטאַרקע. די קלענערע זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין דער אַרמיי אַרבעטער. די צאָל פאַבריקאַנטן האָט זיך פאַרקלענערט, די צאָל אַרבעטער איז געשטיגן, און די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע איז אָנגעגאַנגען ווי פריער. די פּלאַנלאָזיגקייט און די זשעדנע אַפּעטיטן פון די פאַבריקאַנטן האָבן געפירט צו איבערפּראָדוקציע און צו קריזיסן.

און מיט יעדן נייעם קריזיס שרייט די אַרבעטלאָזיגקייט אַלץ העכער וועגן די שווידערס פון דער מאָדערנער אָרדנונג; מיט יעדן נייעם קריזיס רוקט זיך אָן אַלץ גערדיכטער דער שוואַרצער שאָטן וואָס באַגלייט די קאַפּי־טאַליסטישע געזעלשאַפט. „די מאָדערנע בורזשואַזע געזעלשאַפט — לייע־נען מיר אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט",—וואָס האָט באַשאַפן אַזוינע מעכ־טיגע מיטלען פון פּראָדוקציע און אויסטויש, איז געגליכן צו אַ כשוף־מאַכער, וואָס קאָן זיך אַליין ניט ספּראַווען מיט די אונטערערדישע כחות, וואָס ער האָט אַרויסגערופן". די דאָזיגע ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן אין 1847, ווען אַן עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך צעבושעוועט פריער אין פראַנקרייך און דערנאָך אין גאַנץ אייראָפּע.

7. די אַרבעטער טרעטן אַרויס ווי אַ קלאַס

די יוני טעג פון 1848.—דער קאַמף מיט דער בורזשואַזיע אויף די באַריקאַדן פון פּאַ־ריז.—וואָס האָט געבראַכט צום אויפשטאַנד.—דער ערשטער אַרויסטריט מיט געווער צו פּאַרטיידיגן די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט געגן דער בורזשואַזיע.—די גרויסע באַ־דייטונג פון די יוני־טעג.—דער קליינבירגערלעכער יוני־אויפשטאַנד פון 1849.—דער קריזיס פון 1847 האָט געפירט צו דער רעוואָלוציע פון 1848.

לאָמיר זיך איצט אָפּשטעלן אויף דער רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען נאָך דעם קריזיס פון 1847. די רעוואָלוציע, ווי שוין געזאָגט, האָט זיך אָנגע־

הויבן דעם 22טן פעברואר, 1848. געקעמפט אין די גאסן האבן די ארבעטער און די הארעפּאשנע מאסן, אבער די מאכט האט פארכאפּט די בורזשואזיע, וועלכע האט זיך איינגעטיילט מיט די מיניסטארן - אמטן און האט זיך באראטן מיט דעם אפּמאך, אז די גרינדונגס־פארזאמלונג זאל באשליסן צי מען דארף א רעפּובליק צי ניט. אבער דעם 24טן פעברואר האט ראספּאיל, א פארטרעטער פון די ארבעטער, געלאזט וויסן דער רעגירונג, אין נאמען פון די ארבעטער:

„איך גיב אייך צוויי שעה צייט. אדער פּראקלאמירט א רעפּובליק, אדער מיר ווארפן אייך ארונטער". און עס איז ניט אוועק קיין צוויי שעה ביז אויף אלע ווענט איז געווען אויסגעקלעפּט די אויפשריפט: „פראנצויזישע רעפּובליק, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

נאך א מער אינטערעסאנטע געשעעניש איז פארגעקומען דעם 25טן פעברואר. דעלעגאטן פון די ארבעטער זיינען ארייינגעדרונגען אינ'ם צימער, וואו די רעגירונג איז געווען פארזאמלט און האט פארגעלייגט ס א צ י א ל ע פאדערונגען. אין דער דעלעגאציע איז אויך געווען דער ארבעטער מיט'ן נאמען מארש. ער האט דערקלערט די מיניסטארן, אז ער איז געשיקט געווארן פון פאלק, וואס איז געווען פארזאמלט אין דרויסן, און האט א קלאפּ געטאן מיט'ן ביקס אין דיל בעת ער האט איבערגעגעבן די פּעטיציע וועגן ארגאניזירן די ארבעט און פּראקלאמירן דאס רעכט אויף ארבעט. (די דאזיגע פאדערונגען זיינען אנאליזירט געווארן אין א פריערדיגן קאפּיטל). מארש האט דערקלערט, אז דאס פאלק האט ניט קיין צוטרוי צו דער רעגירונג און אז ער וועט גיט ארויס פון דארטן ביז די רעגירונג וועט ניט ארויסלאזן א דעקרעט, וואס גאראנטירט דאס רעכט אויף ארבעט.

צו אים איז צוגעגאנגען לאמארטין, דער פּארזיצער פון דער צייטווייליגער רעגירונג און האט געפּרואווט מיט א צערטלעכן טאן און מיט שיינע רייד איינריידן מארש'ן ער זאל צוריקציען זיין פאדערונג. מארש האט אבער שארף געענטפערט: „אייך וועט זיך ניט איינגעבן אזוי גיך מיך צו פארשלעפערן מיט אייער פלוידעריי. איך האב דא א צונג, וואס טרעפט דורך און דורך, א פייערדיגער צונג". ער האט א קלאפּ געטאן מיט דער האנט אן זיין ביקס און פארענדיגט: „קיין אנדער שפּראך ועלן מיר ניט באנוצן אין אונזערע פארהאנדלונגען מיט אייך".

אויך מארגן האט די רעגירונג ארויסגעגעבן דעם פאלגנדיגן דעקרעט:

„די רעגירונג פון דער פראנצויזישער רעפּובליק פארפליכטעט זיך דורך ארבעט צו פארזיכערן די עקזיסטענץ פון די ארבעטער.

„זי נעמט אויף זיך די פליכט צו באזארגן אלע בירגער פון לאנד מיט באשעפטיגונג.

„זי אנערקענט, אז די ארבעטער דארפן זיך ארגאניזירן אין פאראיינען, כדי צו קריגן די געהעריגע באלוינונג פאר זייער ארבעט".

עס פארשטייט זיך, אז די רעגירונג האט ניט דורכגעפירט איר צוזאג

צו באַזאָרגן די אַרבעטער מיט באַשעפטיגונג. זי האָט דאָס ניט געקענט באַ־ווייזן. כדי צו באַזאָרגן די האַרעפּאַשניקעס מיט באַשעפטיגונג און מיט מיט־לען צום לעבן, איז נויטיק געווען אָפּצושאַפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג און איינפירן סאָציאַליזם. די דאָזיגע אויפגאַבע איז געווען איבער די כחות און געגן דעם ווילן פון דער בורזשואַזער רעגירונג. דאָך האָט דער פּראָלעטאַריאַט געמענט באַטראַכטן יענע טעג ווי טעג פון זיג. די אַרבעטער האָבן דיקטירט דער רעגירונג זייער ווילן.

די בורזשואַזיע האָט פאַרבאַהאַלטן איר צאָרן און גענומען זיך מיטלען ווי אַזוי זיך נוקם זיין אין די אַרבעטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרבאַ־האַלטענער קאַמף, פול מיט אינטריגעס. די רעגירונג האָט כלומרשט נאָכ־געגעבן די אַרבעטער, אָבער יעדן מאָל האָט זי זיי צונישט געמאַכט די כלומרשט'דיגע הנחות. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט די אָרגאַניזירונג פון אַרבעט, באַשעפטיגונג. די רעגירונג איז דערויף איינגעגאַנגען. זי האָט גע־שאַפן אַן אַרבעט־קאָמיסיע, האָט דער קאָמיסיע אָוועקגעגעבן אַ פּראַכטפולע דירה, אָבער קיין געלט ניט. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט, עס זאָלן געגרינ־דעט ווערן נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן, שעפער. די רעגירונג איז איינגעגאַנגען, אָבער אַנשטאָט אַרבעט־פּלעצער האָט זי גענומען בויען אַ מין שטראָף־אַנ־שטאַלטן, קאַטאָרגע־הייזער.

אַן אינטערעסאַנטע געשעעניש איז פאָרגעקומען דעם 16טן אַפּריל. אַ ריזיגע צאָל אַרבעטער האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דעם מאַרס־פעלד כדי דאָרט אויסצוקלייבן פאַרטרעטער אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. מיט דער שנעל־קייט פון בליץ האָט זיך איבער פּאַריז פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אַרבע־טער קלייבן זיך אַראָפּצוואַרפן די רעגירונג. די רעגירונג האָט מיט אויסער־געוויינטלעכער שנעלקייט מאָביליזירט אירע אָנהייננגער אין פּאַריז און האָט אויך אַרויסגערופן די אַרמיי פון די פּראָווינצן. די אַרבעטער האָבן געפירט די פאַרזאַמלונג פרידלעך. ערשט אין אָוונט האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז איבער'ן שטאָט קומען פאָר בורזשואַזע דעמאָנסטראַציעס מיט אויסגעשרייען: „נידער מיט לואי בלאַן, אַלבערט, ראַספּאַיל. נידער מיט די סאָציאַליסטן!“

די דאָזיגע פּראָוואָקאַציע איז געווען נויטיק פאַר דער רעגירונג כדי צו־ריקצורופן די סאָלדאַטן פון דער פּראָווינץ, ווייל אויף די פּראָווינציעלע אַר־מיי טיילן האָט אויך די רעגירונג געקענט מער פאַרלאָזן ווי אויף די פּאַריזער. די בורזשואַזיע איז געווען צופרידן מיט איר אויפטו: זי האָט צענויפגעזאַ־מעלט אין פּאַריז אַן אַרמיי וואָס וועט זי באַשיצן געגן די אַרבעטער.

דעם 4טן מאַי האָט זי געעפנט די „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג“. די בור־זשואַזיע האָט דאָרט געהאַט אַ ריזיגע מערהייט. האָט זי גענומען ריידן הויך און באַפעלעריש. איינער פון די מיניסטאָרן האָט אָפן דערקלערט פון דער טריבונע: „עס האַנדלט זיך בלויז וועגן דעם, אַז אַרבעט זאָל צוריקגעקערט ווערן צו די פריערדיגע באַדינגונגען“, דאָס הייסט, אַז ביי די אַרבעטער זאָל מען אָוועקנעמען דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפט אין דער רעוואָלוציע.

דעם 15טן מאי האָבן די אַרבעטער געמאַכט אַ פּאַרזוך אויסצואיבן זייער דרוק אויף דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענט. זיי האָבן געמאַכט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער געביידע פון פּאַרלאַמענט. דער סוף איז געווען אַ טרויעריגער. די פירער פון די אַרבעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן, די דעמאָנסטראַציע האָט מען צעטריבן און די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז נאָך מער ענערגיש אַרויסגעטראָטן געגן די אַרבעטער.

אין יוני האָט די רעגירונג אָפן זיך אַוועקגעשטעלט אין קאַמף געגן די אַרבעטער. אונטער'ן דרוק פון די אַרבעטער איז די רעגירונג געווען געצוואונגען צו עפענען נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן. אין דער אמת'ן זיינען דאָס געווען קאַטאָרגע־הייזער, אָבער די אַרבעטסלאָזע האָבן דאָרט פאָרט געפונען אַ שטיקל באַשעפטיגונג. (מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז די רעוואָלוציע איז די גאַנצע צייט פאָרגעקומען אין דער סביבה פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס). און אָט האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז גאַנצע גרופּן אַרבעטער זאָלן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן. די רעגירונג האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו פּראָוואָצירן די אַרבעטער צו אַן אָפענעם קאַמף. און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן.

ווי אַזוי דער קאַמף איז געגאַנגען, וועלן מיר איבערגעבן מיט מאַרקס'עס ווערטער: „די אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין ברירה. זיי איז אויסגעקומען אָדער צו שטאַרבן פון הונגער, אָדער אַרויסצוטרעטן אין קאַמף. דעם 22טן יוני האָבן זיי געענטפערט מיט אַ גראַנדיעזן אויפשטאַנד, — די ערשטע שלאַכט צווישן די צוויי קלאַסן, וואָס שפּאַלטן די מאָדערנע געזעלשאַפט. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר דער פאַרניכטונג אָדער פאַר דער באַפעסטיגונג פון דער בורזשואַזער אָרדענונג. דער צודעק, וואָס האָט באַהאַלטן די רעפּובליק, איז צעריסן געוואָרן. ס'איז באַוואוסט ווי די אַרבעטער האָבן מיט מערקווירדיגן מוט און געניאַליטעט אָן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, אָן מיטלען און מערסטנס אָן געווער געקעמפט פינף טעג געגן דער אַרמיי, געגן דער פליִענדער גוואַרדיע, געגן דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, און אויך געגן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס איז אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ. ס'איז באַוואוסט ווי די בורזשואַזיע האָט מיט אומדערהערטע בעסטיאַלישקייטן זיך באַלוינט פאַר איר טויט־שרעק, און האָט דערשאָסן איבער דריי טויזנט געפאַנגענע“.

די אַרבעטער האָבן געקעמפט און די קעמפער זיינען אומגעקומען. די אַרבעטער זיינען געווען אַליין אין דעם קאַמף. קיינער האָט זיי ניט געשטיצט. די האָרעפּאַשנע מאַסן פון שטאָט און דאָרף, וואָס זיינען די גאַנצע 4 חדשים זינט דער רעוואָלוציע געגאַנגען מיט די אַרבעטער, האָבן זיי איצט פאַרלאָזט. אָבער דער אַרבעטער־קלאַס האָט געגעבן איינע פון די מערקווירדיגסטע און שטאַרקסטע שלאַכטן. האָבנדיג געגן זיך די אַרמיי מיט אַלערליי מינים וואָפן, האָבן די אַרבעטער, כמעט אָן וואָפן, דאָך אויסגעהאַלטן פינף טעג אויף די באַריקאַדן.

די יוני טעג האָבן אַ גרעסערע באַדייטונג ווי עס קען זיך דאַכטן אויפ'ן ערשטן קוק. מיר געדיינקען ווי אזוי די ארבעטער האָבן געהאַנדלט אין 1789: זיי זיינען געגאַנגען הינטער דער בורזשואַזיע, זיי האָבן געקעמפט אונטער אירע פאָנען און פירערשאַפט. מיר ווייסן ווי אומקלאָר, ווי פאַרנעפּלט עס זיינען געווען די פאָדערונגען, וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט אין אָנהויב פון 1848 — „דאָס רעכט אויף אַרבעט", די „אָרגאַניזירונג פון אַר־בעט. אין די שלאַכטן גופא איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג פון דעם גאַנצן בילד. די באַציאונג צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט איז באַלויכטן געוואָרן מיט'ן העלן פלאַם פון פאָלקס־אויפשטאַנד.

אָבער איידער מיר ברייינגען אַרויס דעם טיפן זין פון דער דאָזיגער רע־וואָלוציע, דאַרפן מיר נאָך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער רעפּובליק. אין 1848 האָט זיך די אַרבעטער אויסגעדאַכט, אז די רעפּובליק, ווי אַ פּאָליטי־שע פאָרם, איז אין זיך גופא עפּעס אַ הייליגע אינסטיטוציע, וואָס גאַראַנ־טירט גערעכטיגקייט צו יעדן איינעם. אין 1848 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער ערנסטער פאַרזוך אויפצודעקן דעם עצם פון דער בורזשואַזער רע־פּובליק. אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" זאָגט קאַרל מאַרקס: „די מאָדערנע מלוכה־מאַכט איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער אויספיר־קאָמיטעט פון דעם בורזשואַזן קלאַס". אין אַ דעמאָקראַטישער בורזשואַזער רעפּובליק, ניט גע־קוקט אויף אַלע שיינע ווערטער וועגן פאָלק און פרייהייט, געהערט די גאַנצע מאַכט דער בורזשואַזיע און דער גאַנצער רעגירונגס־אַפּאַראַט דינט די אינטע־רעסן פון דעם הערשנדיגן קלאַס. דאָס וואָס מען נעמט אָן ווי די רעגירונג פון דעם גאַנצן פאָלק, פון אַלע קלאַסן, איז אין דער אמת'ן דער „אויספיר־קאָמיטעט פון דער בורזשואַזיע", וואָס הערשט „דורך אַלגעמיינער שטים־רעכט". (ענגעלס).

אָט ווי אזוי מאַרקס האָט באַשריבן דעם סוף פון די יוני טעג: „די ברי־דערליכקייט פון די געגנערישע קלאַסן, וואָס איינער עקספּלואַטירט דעם צוויי־טען, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין פעברואַר און מיט גרויסע בוכשטאַבן אויסגעשריבן געוואָרן איבער גאַנץ פּאַריז, אויף יעדער טורמע, אָבער אין איר אמת'ן, ניט געפּוצטן פּראָזאַאישן אויסדרוק איז דאָס ניט קיין אַנדער זאַך ווי בירגער־קריג, אַ בירגער־קריג אין איר שוידערלעכסטער פאָרם, אַ מלחמה צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. אָט־די ברידערלעכקייט האָט געפלאַ־קערט פאַר אַלע פענצטער פון פּאַריז אין דעם אָוונט פון 25טן יוני, ווען דער פּאַריז פון דער בורזשואַזיע איז געווען באַפּוצט און באַלויכטן אין דער צייט ווען דער פּאַריז פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט געברענט, איז אויסגעגאַנגען מיט בלוט און מיט וויינגעשרייען".

די יוני טעג האָבן, הייסט עס, באַוויזן, אז עס איז ניטאָ קיין ברידער־לעכקייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אז די בורזשואַזע רעפּובליק איז בלויז אַן אויסרייד אויף צו מאַסקירן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דער בור־זשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. אויב די בורזשואַזיע געווינט, דעמאָלט איז וויי צום פּראָלעטאַריאַט, וויי צו דער מענטשהייט.

דער קריזיס פון 1847 האָט באַוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפט קען זיך אַליין ניט ספּראַווען מיט די כחות, וואָס זי רופט אַרויס צום לעבן; אַז די פּראָדוציר־מיטלען אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן גיבן דעם פאָלק ניט קיין גליק נאָר ליידן. דער קריזיס האָט באַוויזן ווי ריכטיק עס זיינען די ווערטער פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אַז „די בורזשואַזע אָרדע־נונג איז צו ענג אויף צו קענען האַלטן אַלע רייכטימער וואָס ווערן אין איר באַשאַפן". די געשעענישן פון 1848 האָבן באַוויזן, אַז ס'איז שוין אויפגע־שטאַנען דער קלאַס, וואָס וועט קענען ביז צום פונדאַמענט צעשטערן די אַלע ווידערשפּרעכלעכע פאָרמען און אויפבויען אַ נייע געזעלשאַפט.

כדי צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דעם נייעם קלאַס, וואָס איז זעלבסטשטענדיק אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, איז נויטיק צו פאַרצייכענען אַ מאָמענט נאָך דעם אויפשטאַנד פון 1848. אין די יוני טעג איז דער פּראָלעטאַריאַט געשטאַנען אַליין קעגן אַלע זיינע שונאים. ווי נאָר דער אַרבעטער־קלאַס איז צעשלאָגן געוואָרן האָבן די האַרעפּאַשנע מאַסן פון שטאָט און דאָרף דאָס אָנגעהויבן צו באַדויערן. זיי האָבן דערפילט, אַז די באַנקירן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט. זיי האָבן זיך אָנ־געהויבן גרייטן צו אַ קאַמף קעגן די באַנקירן און פונקט אין אַ יאָר אַרום, אין יוני 1849 האָבן זיי אַליין געמאַכט אַ באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע. דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין אָבער געווען מאַכטלאָז, ער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין 1848. די געשעענישן פון 1849 זיינען געווען ניט מער ווי אַ פאַרס, אַ קאָמעדיע. די רעאַקציע האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע מיט אַלע אירע דערגרייכונגען און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס דער קאַרליק נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן דער דעספּאָט פון פראַנקרייך.

פאַרגלייכנדיק די דאָזיקע צוויי געשעענישן, פון 1848 און 1849) זאָגט מאַרקס: „אויב דעם 22טן יוני, 1848, איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, איז דעם 3טן יוני, 1849, פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד פון דעם דעמאָקראַטישן קליינבירגערטום. יעדער פון די צוויי אויפשטאַנדן איז געווען אַ קלאַסישער אויסדרוק פון דעם קלאַס, וואָס איז געווען דער טרעגער פון דעם אויפשטאַנד". די יוני טעג פון 1848 זיינען גע־ווען דער אויסדרוק פון דעם יונגן אַרבעטער־קלאַס, פול מיט ענערגיע און ווילן. אין 1849 איז דער אויפשטאַנד געווען אַן אויסדרוק פון דעם קליינ־בירגערלעכן קלאַס, וואָס די געשיכטע האָט אים פאַר'משפּט צו אונטערגאַנג.

„פון אַלע קלאַסן", לייענען מיר אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", „וואָס טרעטן איצט אַרויס קעגן דער בורזשואַזיע, שטרעבט בלויז דער פּראָלעטאַ־ריאַט צו אַ גרינדלעכער איבערקערעניש". און ווייטער: „דער פּראָלעטאַרי־אַט, דער נידעריגסטער קלאַס פון דער געזעלשאַפט, קען זיך דערהויבן און זיך אויסגלייכן דעם רוקן נאָר דורך אַ גרינדלעכן איבערבוי פון דער מאָדער־נער געזעלשאַפט".

דעם גרויסן אמת פון די דאָזיקע ווערטער האָט באַוויזן די רעוואָלוציע

פון 1848. דורך דעם גאנג פון דער רעוואלוציע איז דער פראנצויזישער פראלעטאריאט געווען געצוואונגען אריינצוטרעטן אין קאמף פאר דעם גרינדלעכן איבערבוי פון דער געזעלשאפט. דעם ארט פון נעפלדיגע פאדערונגען האט פארנומען דער קאמף פאר דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

8. מארקס רייסט ארונטער די מאסקע

די ראל פון מארקס'עס „קאפיטאל“ אין דעם אידייאישן קאמף געגן קאפיטאל.—פון וואנען האבן זיך גענומען די ריזיגע מאיאנטקעס?—מער־ווערט, די נייע פארם פון רויב.—פריוואט־אייגנטום און לוין־ארבעט.—מארקס וועגן דער ראל פון ארבעטער־קלאס.—טשארטיזם, א ריזיגע באוועגונג מיט רעוואלוציאנערן ברען.—אילוזיעס וועגן אלגעמיינעם שטים רעכט.—דער סוף פון דעם טשארטיזם

די ארבעטער־באוועגונג נאך די מפלות פון 1848.—אויפשוואונג אין אלע לענדער.—גרינדונג פון ערשטן אינטערנאציאנאל.—מארקס'עס ארייַנפיר צו די סטאטוטן.—פאליטישער קאמף און זיינע געגנער.—פרודאן, בלאנקי, באקונין.—פארפאלגונגען געגן טוער פון אינטערנאציאנאל.—די „ארמיי“ און דער „ארסענאל“ פון דעם ערשטן אינטערנאציאנאל.—וואס דער ערשטער אינטערנאציאנאל האט אויפגעטאן.—„א שפיז געשליידערט אין שונא'ס מחנות“.—דער סוף פון ערשטן אינטערנאציאנאל און דער אנזאג וועגן צווייטן.

די אידייע פון קעמפן פאר דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט איז געבארן געווארן אויף די באריקאדן. קאפיטאל איז אבער שטארק ניט בלויז מיט די ביקסן און שפיזן, וואס ער האט דערמיט אונטערדריקט דעם יוני־אויפשטאנד,—זיין כח באשטייט אין דעם, וואס ער פארטיידיגט זיין הערשאפט מיט א ל ע מיטלען, וואס ער פארמאגט נאר. די הויפט־שטיצע פון קאפיטאל איז פריוואט־אייגנטום און לוין־ארבעט. די דאזיגע יסודות פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט ווערן פארטיידיגט פון דעם לערער אין שול, דעם פראפעסאר אין אוניווערזיטעט, דעם זשורנאליסט אין דער צייטונג, דעם געלערנטן אין זיין קאבינעט. קאפיטאל ווייסט ווי אזוי צו באנוצן זיך מיט קונסט־ווערק, מיט טעאטער, פילמס, ליטעראטור פאר זיינע צוועקן. כדי ארונטערצוווארפן די הערשאפט פון קאפיטאל איז ניט גענוג צו פירן א קאמף בלויז אויף דער שלאכט־ליניע. כדי די הארעפאשנע מאסן זאלן זיגן איבער דעם קאפיטאליזם איז נויטיג פאר זיי זיך צוצוגרייטן אויך אויף דעם אידייאישן פראנט.

די גרויסע לערער פון דעם ארבעטער־קלאס האבן זייער גוט פארשטאנען די וויכטיגקייט פון קאמף געגן דער אידייאישער מאכט פון קאפיטאל. זיי האבן זיך אפגעגעבן א קלארן חשבון וועגן דער לאגע. זיי האבן געוואוסט, אז כל זמן דער בורזשואזער געדאנק באהערשט די מחות פון די ברייטע מאסן, קען מען ניט חלומ'ען וועגן דעם ערנסטן, לאנגן קאמף, און וועלכן עס קען ניט זיין קיין זיג. דער „קאמוניסטישער מאניפעסט“, געשריבן אין א פייערדיגער שפראך, איז בלויז די ערשטע אטאקע, נאך וועלכער די לערער פון ארבעטער־קלאס האבן ערשט אנגעהויבן גרינדלעך באמבארדירן די וויסענשאפטלעכע פאזיציעס פון קאפיטאל. אין דעם דאזיגן קאמף האבן מארקס און ענגעלס, צוזאמען מיט זייערע תלמידים און מיטקעמפער, אנטוויקלט א ריזיגע ענערגיע. זיי האבן געארבעט אן אויפהער, ניט געקוקט אויף די פארפאלגונגען, וואס זיי האבן געמוזט אויסשטיין מצד די קאפיטאליסטישע

משרתים. זיי האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, געטריבן פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער זשאַנדאַרמעריע, אָבער זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו דער־לאַנגען שווערע קלעפּ דעם פּלינקן און גענינטן שונא.

א סך גרויסע ווערק האָבן אונז איבערגעלאָזט מאַרקס און ענגעלס. די אַרבעטער פון אַלע לענדער לערנען זיך נאָך איצט אויך פון יענע ווערק ווי אַזוי צו קעמפן און צו זיגן. צווישן די דאָזיגע ווערק פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1867.

די קראַפט פון דעם דאָזיגן בוך באַשטייט אין דעם, וואָס מאַרקס האָט דאָרט אַרונטערגעריסן אַלע שיינע און פאַרביגע מאַנטלען, וואָס פאַרדעקן די סודות פון דער בורזשואַזער עקספּלואַטאַציע. אין זיין „קאַפּיטאַל" האָט מאַרקס פאַר דער גאַנצער וועלט אויפגעדעקט די געשיכטע פון דער ערשטער אָנזאַמלונג פון רייכטימער; ער האָט באַוויזן, אַז די קוואַלן פון די דאָזיגע רייכטימער שטאַמען פון פּלינדערן און רויבן די פּויערים, פון פאַרשקלאַפן, אומברענגען, לעבעדיג באַגראָבן האַרעפּאַשניקעס אין די גאָלד און זילבער מיינס פון אַמעריקע און, ענדלעך, — פון פאַרוואַנדלען די באַרויבטע פּויע־רים אין לוין־שקלאַפן.

מיט מערקווירדיגער קלאָרקייט האָט מאַרקס אין זיין „קאַפּיטאַל" פעסט־געשטעלט דעם הויפּט־שטראָם פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, אַ ווירטשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָדוצירן און פאַרשפּרייטן סחורות. אין קאָנטראַסט מיט דער ווירטשאַפט פון די פריערדיגע צייטן, איז די מאָ־דערנע ווירטשאַפט באַגרינדעט אויף געדונגענער אַרבעט. לוין־אַרבעט איז אָבער געוואָרן מעגלעך נאָר דורכדעם, וואָס פון איין זייט זיינען די פּויערים באַראַבעוועט געוואָרן און פון דער צווייטער זייט זיינען די געצייג פון פּראָ־דוקציע קאָנצענטרירט געוואָרן אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן.

פּריוואַט אייגנטום איבער די מיטלען פון פּראָדוקציע און לוין־אַרבעט האָבן פאַרוואַנדלט די אַרבעטער אין אַן אומפאַרזענלעכן באַזיצער פון אַר־בעטס־קראַפט, וואָס ווערט אויך פאַרוואַנדלט אין אַ סחורה. אָבער די דאָזיגע לעבעדיגע סחורה געפינט זיך אין אַן ערגערער לאַגע ווי וועלכע ס'איז אַנדער סחורה. פאַר דער דאָזיגער סחורה צאָלט דער קאַפּיטאַליסט אוים בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם פּראָדוקט, וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפן דורך זיין אַרבעט. פאַר דעם לוין, וואָס דער קאַפּיטאַליסט צאָלט אוים דעם אַרבע־טער, פאָדערט ער פון אים צו שאַפן מער פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, ער פאָדערט און ער קריגט אַרוים פון דעם אַרבעטער אַ מ ע ר ־ ו ו ע ר ט אויף זיין לוין. די דאָזיגע ניט־באַצאָלטע מער־ווערט איז דאָס דער קוואַל פון אַלע פּראָ־פיטן און איינקונפטן פון די קאַפּיטאַליסטן. דורך דעם וואָס די קאַפּיטאַליסטן נעמען פאַר זיך די מער־ווערט, וואָס דער אַרבעטער שאַפט, באַשאַפט די אַר־בעט פון מאַסן האַרעפּאַשניקעס ריזיגע אוצרות פאַר אַ קליינער צאָל קאַפּי־טאַליסטן פּריוואַט־אייגנטימער.

שוין ביים באַגינען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז געווען

קלאָר, אַז די נאַטור איז די מוטער פון אַלע רייכטימער און אַרבעט איז דער פאָטער. דער פּראָלעטאַריער, דער באַשאַפער פון אַלע רייכטימער, קריגט בלויז אַ קליינעם חלק דערפון, וואָס ער האָט באַשאַפן, — קריגט דעם נישטיגן חלק אין דער פאָרם פון זיין אַרבעט־לוין. אָבער דער באַלעבאָס פון די מאַשינען און פאַבריקן, פון די פּראָדוציר־מיטלען, קריגט דעם גרעסטן חלק פון די רייכטימער, וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפן, ווייל ער קריגט די מער־ווערט.

און דערויף טאַקע דאַרף דער קאַפּיטאַליזם האָבן פּריוואַט־אייגנטום און לוין־אַרבעט, אַז ער זאָל קענען זיך באַנוצן מיט דער ניט־באַצאָלטער אַרבעט־קראַפט פון דעם אַרבעטער.

דורכדעם וואָס די פּויערים זיינען באַראַבעוועט געוואָרן און פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין לוין־שקלאַפן, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר פאַרגרעסערן די אָנגעראַבעוועטע רייכטימער.
געזאַמלטע רייכטימער. אַרויסדריקן די מער־ווערט איז דאָס הויפּט־מיטל פון

דער אומשטערבלעכער פאַרדינסט פון „קאַפּיטאַל“ באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געגעבן אַ ריכטיגע, וויסנשאַפטלעך־באַגרינדעטע דערקלערונג פון דער הערשנדיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און דערמיט גופא באַוויזן די אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דיינקען, אַז לויט מאַרקס'עס געדאַנק וועט דער קאַפּיטאַליזם אַליין פאַרשווינדן. גראָד מאַרקס האָט בעסער און קלאָרער ווי ווער עס איז דערקלערט די ראָל און באַדייטונג פון דעם אָרגאַניזירטן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס אויף דעם גרונד פון שטודירן די געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט מאַרקס באַוויזן, אַז גוואַלד־מאַכט איז די הייב־אַם פון יעדער נייער געזעלשאַפט. אָבער גוואַלד־מאַכט דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין פון איין זעלבסטשטענדיגן, גוט־געפּלאַנטן קלאַפּ. מיט אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אַ סך אומגעדולדיגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז מען קען, דורך אַ גוט־אָרגאַניזירטער פאַרשווערונג און אַ געלונגענער אַטאַקע אַרונטערוואַרפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. מאַרקס האָט אויפגעדעקט די נאַאיוויטעט און אומזיניגקייט פון אַזוינע פאַרשווערערישע פּלענער. ער האָט געלערנט, אַז כדי צו זיגן איז נויטיג אַ לאַנגער קאַמף, וואָס זאָל פאַראייניגן און קאָנסאָלידירן די אַרבעטער און זיי צוגרייטן צו דער ראָל פון הערשנדן קלאַס.

פּונקט ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“ איז געווען בלויז דער אָנהויב פון דעם אידייאישן קאַמף געגן קאַפּיטאַל, אַזוי דאַרף מען באַטראַכטן די יוני־טעג בלויז ווי דעם אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס האָבן עקזיסטירט אין אַ ריי לענדער אויך פאַר די יוני־טעג. מער ווי אומעטום זיינען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס) געווען פאַרשפּרייט אין ענגלאַנד. דאָרט האָבן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיך אָנגעהויבן נאָך אין דעם 18טן יאָרהונדערט. אין אָנהויב פון 19טן

יאָרהונדערט האָבן די אַרבעטער פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענ־דער, געמאַכט פּאַרזוכן זיך צו אָרגאַניזירן כדי צו פאַרטיידיגן זייערע אינטע־רעסן. פון די אַלע פּאַרזוכן מצד דעם אַרבעטער־קלאַס זיך צו אָרגאַניזירן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דעם יאָר 1848, פּאַרדינט באַזונדער אויפ־מערקזאַמקייט דער קאַפּיטל, וואָס איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „טשאַר־טיזם".

די ענגלישע אַרבעטער האָבן פון ביטערער דערפאַרונג זיך איבערצייגט, אַז דער בורזשואַזרע פּאַרלאַמענט איז אַ שטענדיגער פאַרטיידיגער פון די באַלעבאַטים. ביי זיי איז אַרויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז מיט דער הילף פון אַלגעמיינער שטים־רעכט קענען זיי צווינגען דעם פּאַרלאַמענט צו דינען זייע־רע אינטערעסן. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ „כאַרטי פון רעכט", און די אַרבעטער האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרווירקלעכן די דאָזיגע כאַרטיע.

דער אָנהויב פון טשאַרטיזם געהערט צום יאָר 1873. דאָס איז געווען דער יאָר פון עקאָנאָמישן קריזיס, און די קרבנות פון דעם קריזיס האָבן זיך היים אָפּגערופן אויף די קעמפערישע לאָזונגען פון די טשאַרטיסטן. די באַ־וועגונג איז געשטיגן מיט מורא'דיגער שנעלקייט. אין די צענדליגער, אין די הונדערטער און אין די טויזנטער האָבן זיך אַרבעטער פאַרזאַמלט ביים ליכט פון פאַקעלן, האָבן זיך באַוואָפנט און האָבן זיך געגעבן אַ פייערלעכע שבועה צו קעמפן אויף צו פאַרבעסערן זייער לאַגע.

די אַרבעטער האָבן נאָך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען, אַז די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל איז אַרומגערינגלט מיט אַלערליי צוימען פון שטעכיגע דראָטן, וואָס מען קען זיי מיט שטים־צעטלעך ניט ברעכן. זיי האָבן זיך נאָך דעמאָלט ניט פאָרגעשטעלט, אַז קאַפּיטאַל וועט קענען פאַרוואַנדלען די אַלגעמיינע שטימרעכט אין אַ מיטל צו אונטערדריקן די מאַסן. אָבער די מאַסן־באַטיי־ליגונג פון די אַרבעטער אין דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג האָט די דאָזיגע באַוועגונג פאַרוואַנדלט אין אַן אמת־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַר־בעטער־קלאַס. אויף די מיטינגען פון די טשאַרטיסטן האָבן זיך געהערט אַנטשלאָסענע רעדעס אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער. אויף איינעם פון אַזוינע מיטינגען האָט אַן אַרבעטער מיט'ן נאָמען אייער דערקלערט: „די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס זיינען אומעטום די זעלביגע, און די אונטערדריקטע וועלן זען, אַז איצט ווילן די אַרבעטער זיך פאַראייניגן אומעטום. וויטן גיט מאַכט, פאַראייניגונג גיט קראַפט".

דער טשאַרטיזם האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. די באַוועגונג איז אָנ־געגאַנגען. די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך גענומען צו באַקעמפן די באַוועגונג. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט זייערע אויסגעפּרוּווטע מיטלען: גוואַלדמאַכט, פאַראַט און פּראָוואָקאַציע. דאָס יאָר 1848,—דאָס יאָר פון רעוואָלוציאָנערן שטראָם, — איז געווען דער לעצטער יאָר פון טשאַרטיזם. די רעאַקציע האָט געזיגט און איז אַריבער אין אַטאַקע, און די אַרבעטער־באַוועגונג, — צעקלאַפּט און פאַרבלוטיגט, — איז פאַרטריבן געוואָרן אין אונטערערדישע לעכער. אָבער ניט אויף לאַנג.

נאָך דעם יאָר 1848 האָט די רעאַקציע און דער שטילשטאַנד אין דער אַרבעטער־באַוועגונג געהערשט אין אייראָפּע ביז אַרום די זעכציקסטע יאָרן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אויפשוואונג און אַ רייע נייע אויפ־טרייסלונגען. אין רוסלאַנד זיינען די פּויערים באַפרייט געוואָרן פון פּאַנס־טשיזנע. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1861, אַזוי אַרום איז רוסלאַנד געוואָרן אַ גריד אין דער משפחה קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג, וואָס איז געפירט געוואָרן טיילווייז אונטער׳ן לאָזונג פון באַפרייען די נעגערן פון שקלאַפעריי. די דאָזיגע מלחמה האָט זיך געענדיגט אין 1884. שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, און פאַר אַמעריקע האָט זיך געעפנט נייע וועגן פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. די פראַנ־צויזישע און ענגלישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די שווע־רע מפּלות, וואָס זיינען געקומען נאָך דעם יאָר 1848. אין דייטשלאַנד איז אָנגעגאַנגען אַ פאַר׳עקשנ׳טער קאַמף וועגן גרינדן אַן אַרבעטער פּאַרטיי. אין אַזאַ סביבה איז געבאָרן געוואָרן דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, דער יורש פון דעם „פאַראיין פון קאָמוניסטן“, פון יאָר 1847.

אין 1864 האָבן זיך פאַרזאַמלט אין לאָנדאָן, בעת דער אַלוועלטלעכער אויסשטעלונג, פאָרטרעטער פון דייטשע, פראַנצויזישע און ענגלישע אַרבע־טער, וואָס האָבן אויף אַ געמיינשאַפטלעכער פאַרזאַמלונג געלייגט דעם פונ־דאַמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד. דער דירעקטער שטויס, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז געווען דער אויפשטאַנד אין פּוילן, וואָס איז ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרן פון רוסישן צאַריזם, אין 1863.

ס׳איז אויסגעפאַלן אויף מאַרקס׳עס גורל צו פאַרפאַסן די גרינדונגס־דערקלערונג פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. מאַרקס האָט אויך געשריבן דעם אַריינפיר צום סטאַטוטן־פּראָיעקט.

דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט און מיר וועלן אים דאָ געבן אינגאַנצן.

„נעמענדיג אין באַטראַכט,

„אַז די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיין די זאַך פון די אַרבעטער אַליין; אַז קעמפנדיג פאַר זייער באַפרייאונג דאַרפן די אַרבעטער שטרעבן ניט צו שאַפן נייע פּריווילעגיעס, נאָר איינצושטעלן גלייכע רעכט און פליכטן פאַר אַלעמען און פאַרניכטן יעדע קלאַסן־הערשאַפט;

אַז די עקאָנאָמישע אונטערטעניגקייט פון דעם אַרבעטער צום באַזיצער פון די פּראָדוציר־מיטלען, ד. ה. די קוואַלן פון לעבן, איז די פונדאַמענטאַלע אורזאַך פון אַלע מינים שקלאַפעריי, אַלערליי געזעלשאַפטלעכער אָרעמ־קייט, גייסטיגער פאַרטעמפּטקייט און פּאָליטישער אָפּהענגיגקייט.

„אַז דעריבער איז די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַ גרויסער ציל, וואָס יעדע פּאָליטישע באַוועגונג דאַרף דינען ווי אַ מיטל דערצו;

„אַז אַלע שטרעבונגען צו דערגרייכן צו דעם דאָזיגן ציל זיינען ביז איצט

ניט געלונגען דערפאַר, וואָס ס'איז ניט געווען קיין סאָלידאַריטעט צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן אין יעדן לאַנד און דערפאַר ווייל עס האָט געפעלט אַ ברידערלעכער בונד צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער;

„אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז ניט קיין לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, נאָר אַ סאָציאַלע, אַזאַ וואָס כאַפט אַרום אַלע לענדער, וואו עס עקזיסטירט די מאָדערנע געזעלשאַפט, און וואָס קען געלייזט ווערן בלויז דורך געגענזייטיגער פּראַקטישער און טעאָרעטישער מיטאַרבעטערשאַפט פון דער מערהייט פאָרטגעשריטענע לענדער;

„אַז די באַוועגונג, וואָס לעבט איצט ווידער אויף צווישן די אַרבעטער פון די מער אינדוסטריעלע לענדער פון אייראָפּע, וועקט נייע האָפענונגען, גיט צו דער זעלביגער צייט אַ פייערלעכע וואָרנונג געגן די אַלטע טעות'ן און צווינגט צו שטרעבן צו אַ פאַראייניגונג פון די דערווייל אָפּגעזונדערטע כחות;

„דעריבער האָבן די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פון דער פאַרזאַמלונג אין סענט מאַרטינס האָל, לאָנדאָן, דעם 28טן סעפטעמבער, 1864, אָנגענומען די נויטיגע מיטלען אויף צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אַרבעטער.

זיי דערקלערן, אַז דער דאָזיגער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד, אַזוי גוט ווי אַלע געזעלשאַפטן און איינצלנע פערזאָנען, וואָס שליסן זיך אָן אין דעם פאַרבאַנד, וועלן אַנערקענען אמת, גערעכטיגקייט און עטיק פאַר דעם באָדן פון זייערע באַציאונגען צו אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון ראַסע, רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט.

„זיי באַטראַכטן עס פאַר זייער חוב צו דערשלאָגן זיך צו די רעכט פון מענטש און בירגער ניט בלויז פאַר יעדן מענטשן, וואָס קומט נאָך זיינע פליכטן. ס'איז נימאָ קיין פליכטן אָן רעכט, ס'איז ניטאָ קיין רעכט אָן פליכטען.

„אין דעם דאָזיגן גייסט האָבן זיי עס צוזאַמענגעשטעלט די סטאַטוטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד".

פון דעם דאָקומענט איז קלאָר, וואָס פאַר אַ ציל דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַרפאָלגט. ער האָט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו דער אָפּגעזונדערטקייט און בלאָנדזשעניש אין פאַרשיידענע אַרבעטער גרופן און גרופּקעס. מאַרקס האָט קלאָר דערמאָנט די טעות'ן פון פריער. ס'איז געווען געענוג אַזוינע טעות'ן. אייניגע האָבן מיר באַמערקט אין דעם טשאַרטיזם (דער גלויבן אין שטים־רעכט ווי אין אַ רעטונג פון סאָציאַלע איבלען) און אין די יוני־טעג (די פאָדערונג צו „אָרגאַניזירן די אַרבעט"). ס'איז געווען נאָך טעות'ן, סיי אין האַנדלונג און סיי אין דיינקען. די בורזשואַזיע האָט נאָך געהאַלטן אין איר אידייאישער מאַכט אַפילו די מער פאָרטגעשריטענע אַרבעטער. אייניגקייט פון פּראָלעטאַרישן געדאַנק, — דאָס איז געווען די ער־

שטע אויפגאַבע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די אייניגקייט פון דיינקען איז געווען נויטיג פאַר דער אייניגקייט פון האַנדלונג.

דער מאָדערנער אַרבעטער וועט זיך אפשר חידוש'ן, וואָס מאַרקס, אין זיין פאָרמולירונג פון באַציאונגען צווישן מענטשן, האָט זיך באַנוצט מיט אַזוינע ווערטלעך ווי „אמת", „גערעכטיגקייט", „עטיק", — ווערטער וואָס זיינען אַזוי נאָענט צום האַרצן פון די סענטימענטאַלע קליינבירגערלעכע פּריידיגער. מיר ווייסן, אַז מאַרקס'עס שריפטן צייכענען זיך אויס, ווי ראָזאַ לוקסעמבורג האָט באַמערקט, „מיט דער שאַרפקייט און טויטלעכקייט פון אַ בלישטשענדיגן שטאָלענעם קלינגל". נאָר עס איז קלאָר, אַז דאָ האָט מאַרקס אומיסטן באַנוצט אַזוינע „ווייכע" ווערטער, ווייל ער האָט זיך גערעכנט מיט די אידייען און שטימונגען, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געהערשט אין דער אַרבעטער סביבה.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אינגאַנצן פינף צוזאַמענפאָרן און צוויי קאָנפערענצן. זיין קורצן לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין אַן אָנגעשטרייינגטן קאַמף אויף אויסצואַרבעטן אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם פון אַן אַרבעטער פּאַרטיי און אויף אויפצואוועקן צום קאַמף די אַרבעטער-מאַסן אין אַלע לענדער.

שווערער פאַר אַלץ איז געווען זיך צו דערשלאָגן צו קלאָרקייט איבער דער פראַגע פון פּאָליטישן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס. די מאַכט פון דער בורזשואַזיע איז נאָך געווען צו שטאַרק, דער אַרבעטער-קלאַס איז נאָך געווען צו שוואַך, אַז די אידייע וועגן דער גאַנצער מאַכט פאַר די אַרבעטער זאָל באַלד אויפגענומען ווערן מיט מיטגעפיל. אין פראַנקרייך האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג פּרודאָן און בלאַנקי. דער ערשטער האָט געמאַכט פּלענער ווי אַזוי ביייצוקומען די בורזשואַזיע שטילערהייט מיט דער הילף פון קאָאָפּעראַטיוון און באַנקן. זיין אידייאישן דלות האָט מאַרקס אויפגעדעקט נאָך פאַר דער גרינדונג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. דער צווייטער, בלאַנקי, האָט געגלויבט אין דער כשוף-קראַפט פון פאַרשווערונגען. דער פּלאַנטער איז צו יענער צייט געווען אַזוי גרויס, אַז דעם אינטערנאַציאָנאַל איז אויסגעקומען צו פּטר'ען אַ סך ענערגיע אויף צו באַווייזן די נויטיגקייט און אומפאַרמיידלעכקייט אָפּצושאַפן פּריוואַט אייגנטום.

מיט די קליינבירגערלעכע אידייען פון פּרודאָן און זיינע אָנהייגער איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל גאָר שנעל פאַרטיג געוואָרן. ערגער איז געווען מיט די, וואָס האָבן געפּריידיגט רעוואָלוציע און האָבן נישט געוואָלט וויסן פון פּאָליטישן קאַמף און פון פּאָליטישער מאַכט דערגאַבערונג פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס. דער פירער פון דער דאָזיגער גרופּע איז געווען דער רוסישער אַנאַרכיסט באַקונין. זיינע אידייען האָבן געפונען אַן אָפּרוף אין די אָפּגעשטאַנענטע לענדער, וואו דער אַרבעטער-קלאַס איז נאָך געווען צו שוואַך אויף צו אָפּן אַן אַרבעטער-פּאַרטיי פאַר פּאָליטישן קאַמף.

די אינערלעכע שטרייטן האָבן ניט געשטערט דעם אינטערנאַציאָנאַל דורכצופירן די אָנגעצייכנטע פּראָגראַם מיט גרויס עקשנות. אונטער דער

ווירקונג פון זיין שטורעמדיגער און פרוכטיגער טעטיגקייט האָט זיך דער אַרבעטער־קלאַס אָרגאַניזירט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרטיי.

שוין ביי די טשאַרטיסטן האָבן מיר געהערט אַ פאָדערונג פון אינטער־נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער. דער ערשטער אינטערנאַציאָ־נאַל האָט זיך געשטעלט פאַר זיין הויפּט אויפגאַבע צו שאַפן אַזאַ סאָ־לידאַריטעט. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן עסטרייך און פּרייסן אין 1866, האָט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל גערופן די אַרבע־טער צום קאַמף געגן די דעספּאָטן פון ביידע לענדער. אין צוויי יאָר אַרום, אין 1868, האָט דער דריטער קאָנגרעס פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אין פולן איינקלאַנג מיט זיין פּראָגראַם דערקלערט, אַז בלויז די סאָציאַלע רע־וואָלוציע וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע מלחמות.

אַרום דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך אויסגעשפּינט אַ סך לעגענדעס. ספּעציעל האָבן זיך די שונאים געפלייסט אויף דעם דאָזיגן גע־ביט. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל פאַרמאָגט אַ גאַנצע אַר־מיי, אַרסענאַלן מיט געווער און אויפרייס־שטאָפן און נאָך אַזעלכע זאַכן. דער ציל פון אַזוינע קלאַנגען איז געווען קלאָר: פאַראייניגן די רעאַקציע אין דעם קאַמף געגן דער יונגער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרגאַניזאַ־ציע. עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיגע מסירות האָבן געהאַט זייער וויר־קונג. פון אַלע זייטן האָט די רעאַקציע אָנגעהויבן פאַרפאָלגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע אָנגעזעענע טוער. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגע־שטעלט די טעטיגקייט פון אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט געהאַט אַן אַרסע־נאַל, — די נייע אידייען, וואָס די פאַריזער קאָמונע האָט אָנגערופן „די אַר־טילעריע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

די פאַריזער קאָמונע, וועגן וועלכער מיר'ן ריידן אין דעם קומענדיגן קאַפּיטל, איז געווען אַן ערנסטע פּראָבע ניט בלויז פאַר'ן פראַנצויזישן אַר־בעטער קלאַס, נאָר אויך פאַר'ן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. די פאַריזער סעק־ציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט געשפּילט גאָר אַ וויכטיגע ראָל אין דער צייט פון דער קאָמונע. אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען מאַכטלאָז צו פאַרשפּרייטן די רעוואָלוציע אין אייראָפּע. ער האָט אפילו ניט געקאָנט פאַרזיכערן קיין ממשות'דיגע שטיצע פאַר דער רעוואָלוציע.

די מאַכט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט געגעבן אַ שטויס דעם אַרבעטער־קלאַס, ער האָט אים אָנגעוויזן אַ ריכטיגן וועג ווי אַזוי זיך צו אָרגאַניזירן. אָבער פאַר דעם טריאומף פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז נויטיג, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין יעדן לאַנד זאָל האָבן זיין קעמ־פערישע מאַסן־קראַפט און אַז די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיין פאַראייניגט אין איין מעכטיגן פאַרבאַנד. דאָס האָט נאָך ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אין דער צייט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

דער זיג איבער דער פאַריזער קאָמונע איז געווען אַ טריאומף פאַר דער רעאַקציע פון דער גאַנצער וועלט. עס איז נויטיג געווען איבערצוגיין צו דער

אָרגאַניזירונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין נאַציאָנאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, לויט די אָנווייזונגען פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. אין די דאָזיגע באַדינגונגען איז שוין פאַר דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל מער ניט געבליבן קיין אָרט. דערצו נאָך האָבן די אַנטווישונגען נאָך דעם דורכפאַל פון דער קאָמונע שטאַרק פאַרשאַרפט די אינערלעכע ווידערשפּרוכן אין דעם אינטערנאַציאָנאַל גופא. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז זיך צעפאַלן. (דער אַנאַרכיסטישער פליגל האָט נאָך עטלעכע יאָר אָנגעהאַלטן די גסיסה כדי צו שטאַרבן מיט אַ מיאוס׳ן טויט).

די פירער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל זיינען אָבער ביי זיך ניט געפאַלן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן דורכגעפירט זייער שווערע אויפגאַבע. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס. כדי אָנצופירן דעם קאַמף איז נויטיג געווען צו בויען פון אונטן. און דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט שטאַרבענדיג אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז ס׳וועט אויפשטיין אַ נייער אינטערנאַציאָנאַל וואָס וועט זיין אַ בונד פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון פאַרשיידענע לענדער.

ווען דער נייער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן אין 1889, האָט ווילהעלם ליבקנעכט אַזוי כאַראַקטעריזירט די ראָל און באַדייטונג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל:

„פונקט ווי אין די אַלטע צייטן, בעת אַ שלאַכט אָדער אַ באַלאַגערונג האָבן די קעמפער אין די פאָדערשטע רייען געשליידערט זייערע שפּיזן אין די רייען פון שונא, פון יענער זייט פעסטונג, כדי צו צווינגען די מאַסע קריגער נאָכצוגייען נאָך די געוואָרפענע וואַפן, אַזוי האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד (ערשטער אינטערנאַציאָנאַל), אַ שליידער געטאָן די שפּיז פון אינטערנאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף ווייט פאָראויס, אין דעם מיטן פון דער אַרמיי, אין דעם מיטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פעסטונג. און דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַ ריס געטאָן אין פאָראויס כדי צוריקצוברייינגען די שפּיז, צו צעטרייבן דעם שונא׳ס אַרמיי און פאַרכאַפּן דעם שונא׳ס פעסטונגען.

„דערמיט וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אָנגעוויזן די אַרבעטער פון אַלע לענדער דעם הויפּט־ציל, האָט קלאָר געמאַכט די נויטיגקייט פון געמיינשאַפטלעכן קאַמף, דערמיט האָט ער דורכגעפירט זיין אויפגאַבע. דער אינטערנאַציאָנאַל איז ניט געשטאָרבן. ער איז ווידערגעבוירן געוואָרן אין דער מעכטיגער אַרבעטער באַוועגונג אין די באַזונדערע לענדער און ער הערט ניט אויף צו לעבן אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ער לעבט אין אונז. דער איצטיגער קאָנגרעס איז אַ באַשעפעניש פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אַרבעטער פאַרבאַנד".

9. די פּאַריזער קאָמונע

מפלות נאָך מפלות.—פראַנקרייך ווידער אַ רעפּובליק.—די אַרבעטער לאָזן זיך ניט אַנטוואָפענען.—דער ערשטער טעות פון דער קאָמונע.—מאַרקס וועגן דער קאָמונע. „אַ רעגירונג פון אייזנבינדער און שלאָסערס".—דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען רייף, אָבער ס׳האָט געפעלט

א פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס.—מאַרקס און ענגעלס וועגן דער פּאַריזער קאָמונע.—דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, ווי מאַרקס און ענגלס האָבן דאָס פאָרמולירט.—מלוכה־מאַכט און דער אַרבעטער־קלאַס.—די פּאַריזער קאָמונע האָט זיך געשטעלט אויפ׳ן ריכטיגן וועג.

דער שטורעם פון 1848 האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס דער קלייניקער נאַפּאָלעאָן, א פּלעמעניק פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, וואָס האָט באַזיגט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק. דער פּרעזידענט־פּאָסט איז געווען בלויז דער אָנהויב פון זיין קאַריערע. אָט־דער דורכגעטריבענער הולטאַי האָט געשטרעבט צו ווערן אימפּעראַטאָר און צו קריגן ניט בלויז די גלאָרי פון זיין בארימטן פעטער, נאָר אויך דעם פולשטענדיגן קאָנטראָל איבער די רייכטימער פון דער מלוכה.

כדי צו דערשלאָגן זיך צו זיין ציל האָט ער געגרינדעט דעם „בונד פון צענטן דעצעמבער". (לויט דעם מוסטער פון דעם דאָזיגן בונד האָט דובראָווין געגרינדעט דעם שוואַרץ׳מאה׳דיגן „סאָיוז רוסקאַווא נאַראָדאַ" און מורסאַליני זיינע פאַשיסטישע באַנדעס). מאַרקס האָט כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיגן בונד ווי „אַ געהיימע געזעלשאַפט פון זשוליקעס און פאַרברעכער, אַ געזעלשאַפט פון אומאָרדנונג, פּראָסטיטוציע און גנבה". אָבער דער דאָזיגער בונד איז געווען פולשטענדיג גענוג פאַר דעם קאַרליק נאַפּאָלעאָן אויף צו קריגן די קרוין פון אימפּעראַטאָר, און דער פּרעזידענט נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן דער אומבאַגרעניצטער דעספּאָט פון פראַנקרייך.

די ערשטע יאָרן האָט נאַפּאָלעאָן געהערשט כמעט אומגעשטערט. אָבער ביסלעכווייז האָט די פאַרשטיקטע פראַנקרייך אָנגעהויבן קומען צו זיך. צום אַלעם ערשטן האָט אויפגעלעבט די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דערהאָלט פון די שווערע קלעפּ, וואָס זי האָט געקראָגן אין די יולי־טעג. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט א סך געהאָלפן דער דערוואַכונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

נאַפּאָלעאָנ׳ס טראָן האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען. געדיינקענדיג אַז די מאַכט פון זיין פעטער איז באַשטאַנען אין דער גלאָריע פון מיליטערישע זיגן, האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרפירן א מלחמה אויף צו פאַרשטאַרקן זיין מאַכט.

פּרייסן האָט ליידנשאַפטלעך געשטרעבט צו א מלחמה מיט פראַנקרייך. דער קאַנצלער פון פּרייסן, דער אייזערנער ביסמאַרק, האָט געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען דייטשלאַנד אין א גרויסער מלוכה און צו דערגרייכן דאָס דורך אייזן און בלוט. ביסמאַרק האָט זיך טיכטיג געגרייט צו מלחמה, ער האָט אָבער אַכטונג געגעבן, אַז פראַנקרייך זאָל פּראָוואָצירט ווערן אָנצוהויבן די מלחמה. נאַפּאָלעאָן האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע פון דעם כיטרען ביסמאַרק און האָט דעם 19טן יולי 1870 דערקלערט מלחמה געגן פּרייסן.

פּרייסן האָט זיך באַצייטנס באַזאָרגט מיט דער שטיצע פון די דרום־גערמאַנישע טעריטאָריעס. די פּרייסישע אַרמיי איז געווען פּראַכטפול אָרגאַניזירט, איז געווען באַפליגלט פון דעם זיג איבער עסטרייך אין 1866

און האָט פאַרמאָגט גאַנצע 380,000 מאַן. די מלחמה געגן פראַנקרייך איז געווען א טריאומפאַלער מאַרש פאַר דער פּרייסישער אַרמיי. די דאָזיגע מלחמה האָט אַרויסגעבראַכט די גאַנצע פוילקייט און מאַכטלאָזיגקייט פון פראַנקרייך, וואָס האָט פאַרבראַכט צוואַנציג יאָר אונטער דער קאָמאַנדע פון דער נאַפּאָלעאָנישער באַנדע. די פראַנצויזישע אַרמיי האָט געליטן מפּלה נאָך מפּלה און דעם ערשטן סעפּטעמבער, נאָך דער מפּלה ביי סעדאַן, איז נאַפּאָלעאָן אַליין אַריינגעפאַלן צו די פּרייסן ווי אַ געפאַנגענער.

די מפּלות האָבן פאַרגרעסערט די אומצופרידנהייט צווישן די פאָלקס־מאַסן פון פראַנקרייך. סעדאַן איז געווען דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפילט דעם בעכער פון געדולד פון דעם פראַנצויזישן פאָלק. דעם 4טן סעפּטעמבער איז נאַפּאָלעאָנ'ס טראָן אומגעוואָרפן געוואָרן און פראַנק־רייך איז צום דריטן מאָל דערקלערט געוואָרן פאַר אַ רעפּובליק. אין דעם מאָמענט זיינען די אַרבעטער־מאַסן ניט געווען צוגעגרייט צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט. די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך באַשטאַנען פון צעבראָקלטע גרופּן, וואָס האָבן געפירט אַ שטענדיגן קאַמף צווישן זיך. די בעסטע אָרגאַניזירטע און קאָמפּאַקטע גרופּע איז געווען די סעקציע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער זי איז געווען צו שוואַך און צו קליין אין צאָל אויף צו פאַרכאַפּן די מאַכט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. די מאַכט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די זעלביגע בורזשואַזע גרופּן, וואָס האָבן צעשמעטערט די אַרבעטער־באַוועגונג אין 1848 און וואָס האָבן ניט געקאַנט בייקומען נאַפּאָלעאָנ'ס „בונד פון 10טן דעצעמבער".

אויפ'ן שלאַכטפעלד האָט די פראַנצויזישע אַרמיי געליטן אַלץ נייע מפּלות און די בורזשואַזע רעגירונג איז געווען אין אַ צרה'דיגער לאַגע און האָט פאַקטיש גאָרנישט ניט געקאַנט טאָן. די אַרבעטער־מאַסן האָבן זיך אַ ריר געטאָן. די לאַגע איז געוואָרן רייף פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער פּאַריזער קאָמונע.

די אומצופרידנהייט פון די מאַסן מיט דער נייער רעגירונג האָט גע־קראָגן אַן ערנסטן רעוואָלוציאָנערן אויסדרוק אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די קלאָגעדיגע רעגירונג האָט אויף גיך געשלאָסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט פּרייסן, ווייל די לאַגע אין דער היים האָט אָנגעהויבן צו ווערן ערנסט. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז באַשטאַנען מערסטן פון אַרבעטער און אַנדערע האָרעפּאַשנע עלעמענטן. דעם 17טן מערץ, 1871, האָט זיך דער הויפּט פון דער נייער רעגירונג, טיער, געווענדט צו דער באַפעלקערונג מיט אַן אויפרוף געגן די „פאַרברעכערישע" עלעמענטן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַר־דיע, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט אַנטוואָפענען. די אַנטוואָפענונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט געזאָלט פאָרקומען יענעם טאָג. די קאַנאָנען האָבן געזאָלט אַרויסגעפירט ווערן פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, און די אַרבע־טער האָבן געזאָלט אָפּגעבן זייערע ביקסן און אַמוניציע.

דער אויפרוף האָט אָבער ניט געווירקט. דער באַפעל צו אַנטוואָפענען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאַרברידערונג צווישן

די אַרבעטער און די סאָלדאַטן, וואָס זיינען זיי געקומען אַנטקעגנגעגאַנגען. אַ צאָל פאַרהאַסטע גענעראַלן און אָפיצירן זיינען דערביי דערהרג'עט געוואָרן. די אַרבעטער פון פאַריז האָבן זיך געשטעלט אין אָפענעם קאַמף געגן דער בורזשואַזער רעגירונג.

„אין דעם פרימאָרגן פון דעם 18טן מערץ",—שרייבט מאַרקס,—„איז פאַריז אויפגעוועקט געוואָרן פון דונערדיגע אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע". איבער דעם שטאָט־ראַט פון פאַריז האָט שוין שטאָלץ געפלאַטערט די רויטע פאָן, דער סימבאָל פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע".

וואָס זשע איז געווען אָט די פאַריזער קאָמונע? אין זיין אומשטערבלעכן ווערק „בירגער־קריג" אין פראַנקרייך, געשריבן באַלד נאָך דעם פאַלן פון דער קאָמונע, האָט מאַרקס געענטפערט אויף דער פראַגע מיט די פאָלגנדיגע ווערטער:

„די פאַרשיידענע אויסטייטשונגען פון דער פאַריזער קאָמונע, די פאַרשיידענע אינטערעסן, וואָס זי האָט אויסגעדריקט, באַווייזן, אַז זי איז געווען אַ גאַנץ בויגעוודיגע רעגירונגס־פאָרם, אין דער צייט ווען די אַנדערע רעגירונגען ביז איר זיינען געווען אין עצם אונטערדריקעריש. דער סוד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די קאָמונע איז אין עצם געווען אַ רעגירונג פון אַרבעטער־קלאַס, אַ רעזולטאַט פון קאַמף צווישן דעם פּראָדוצירנדן און עקספּלואַטירנדן קלאַס, אָט די לאַנג געזוכטע פּאָליטישע פאָרם, אין וועלכער ס'וואָלט געקענט פאָרקומען די באַפרייאונג פון די אַרבעטער".

צוערשט האָט די מאַכט גענומען דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכער איז לויט זיין אָרגאַניזאַציע געווען אַ מין ראַט פון דעפּוטאַטן פון באַוואָפנטע אַרבעטער און קליינבירגער. אין זיין מאַניפעסט האָט דער דאָזיגער ראַט געשריבן:

„די פאַריזער פּראָלעטאַריער, זעענדיג די מפּלות און פאַרראַט פון די הערשנדיגע קלאַסן, האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט געשלאָגן די שעה ווען זיי דאַרפן אַליין ראַטעווען דאָס לאַנד און נעמען אין די אייגענע הענט די פאַרוואַלטונג מיט די געזעלשאַפטלעכע ענינים. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויף זיי ליגט אָט דער חוב, אַז זיי געהערט דאָס אומבאַשטרייטבאַרע רעכט צו ווערן די הערשער פון אייגענעם לעבן און נעמען די רעגירונגס־מאַכט אין זייערע הענט".

שטאָלצע ווערטער! צום באַדויערן איז אָבער דער אַרבעטער־קלאַס ניט געווען צוגעגרייט דערצו, אַז ער זאָל טאַקע נעמען די רעגירונג אין די אייגענע הענט און זי פירן אין זיינע אינטערעסן. טיער'ס רעגירונג האָט זיך דערשראָקן אויף טויט און איז אַנטלאָפן אין ווערסאַל, לעבן פאַריז. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די געשיכטע אַליין האָט דיקטירט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זי זאָל זיך נאָכיאָגן נאָך דעם מאָראַליש געשלאָגענעם שונא און אים דערשלאָגן פיזיש, צעקלאַפּן זיין מאַכט גאָר אינגאַנצן. אנשטאָט דעם האָט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט גאָר פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן וואַלן אין דער קאָמונע, טרוימענדיג וועגן אַ פשרה מיט די הערשענדע קלאַסן. די

כיטרע און דערפאַרענע בורזשואַזע רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגע־נוצט די דאָזיגע וואַקלונגען און געוואונען די נויטיגע צייט אויף צו ברייג־גען אין אָרדנונג אירע דעמאָראַליזירטע רייען.

די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון דער קאָמונע דעם טאָג ווען די אַנטלאָפענע קיין ווערסאַל האָבן שוין גענומען ברייגען אין אָרדנונג זייערע רייען און זיך שוין גענומען גרייטן צו אַן אַטאַקע אויף דעם רעוואָ־לוציאָנערן פּאַריז. אַזוי אַרום איז אין די ערשטע טעג פון דעם טריאומף פון דער פּאַריזער קאָמונע שוין אָנגעצייכנט געוואָרן איר דורכפאַל. דאָך האָט זי זיך געהאַלטן מער ווי צוויי חדשים. פאַר די פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט האָט יעדע שעה פון די 72 טעג פון דער פּאַריזער קאָמונע אַ גוואַלדיגע באַדייטונג. מיר וועלן דאָ פּרואוון אונטערציען אַ סך־הכל פון די דערגרייכונגען פון דער קאָמונע.

וואָס זיינען געווען די גרונט־פעלערן, וואָס די פּאַריזער קאָמונע האָט אונטערגענומען? דערויף געפינען מיר אַן ענטפער אין דעם מאַניפעסט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל:

„די גרויסע סאָציאַלע אונטערנעמונג פון דער קאָמונע איז געווען איר אייגענע עקזיסטענץ, איר אַרבעט. באַזונדערע פּלענער און פּראָיעקטן, וואָס זי האָט אונטערנומען, האָבן געקענט בלויז אָנצייכענען די ריכטונג, אין וועלכער עס גייט אַן אַ רעגירונג פון פאָלק דורך דעם פאָלק. די קאָמונע האָט פאַרבאָטן נאַכט־אַרבעט פאַר בעקער, האָט פאַרבאָטן צו פאַרקלענערן די אַרבעט־לוין דורך שטראָף־געלט, האָט איבערגעגעבן צו די אַרבעטער די וואַרשטאַטן און פאַבריקן, וואָס זייערע באַלעבאַטים זיינען אַנטלאָפן און אָפּגעשטעלט די פּראָדוקציע...”

עס דאַרף אויך צוגעגעבן ווערן, אַז דעם 30טן מערץ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די פּערמאַנענטע אַרמיי און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז דער־קלערט געוואָרן פאַר דער איינציגער באַוואָפנטער מאַכט. דעם 2טן אַפּריל איז די קירך אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער רעגירונג און דאָס אייגנטום פון דער קירך, איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן.

איר פּראָגראַם אויף דעם געביט פון בילדונג האָט די קאָמונע אויס־געדריקט אין די פאָלגנדע ווערטער: „פּאַריז וויל, אַז דער זון פון אַ פּויער זאָל זיין פּונקט אַזוי געבילדעט ווי דער זון פון אַ גביר און אַז דעם פּויער'ס זון זאָל זיין בילדונג קריגן אומזיסט“.

וועגן דעם, ווי אַזוי די פּאַריזער קאָמונע האָט געאַרבעט, דערציילט אונז איינער פון אירע נאָענטע באַאָבאַכטער, דער רוסישער היסטאָריקער לאַווראָוו. מיר וועלן דאָ ברייגען אַ לענגערן אויסצוג פון זיינעם אַן אינ־טערעסאַנטן ווערק וועגן דער קאָמונע:

„די רעוואָלוציע פון 1871,—שרייבט לאַווראָוו—האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַוועקגעשטעלט אומבאַקאַנטע מענטשן אַן דער שפּיץ פון דער רעגירונג. די פּאַריזער קאָמונע איז געווען די ערשטע געזעל־

שאַפּטלעכע איינאָרדנונג, וואָס האָט וועקגעשטעלט פּשוט'ע אַרבעטער אָן דער שפּיץ. און אָט די פּשוט'ע אַרבעטער, פראַנקל, װאַרלען, טײס און אַנדערע, האָבן, ניט געקוקט אויף אַלע זייערע טעות'ן און אויף אַלע חסרונות אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָמונע, דאָך באַוויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קען אויפשטעלן ביי דער רעגירונג אייגענע מענטשן, וואָס זאָלן זיך ספּראַווען מיט דער אויפגאַבע גאָר ניט ערגער איידער די אינטעליגענטן, וואָס באַטראַכטן אַזאַ אַרבעט פאַר זייער ספּעציאַליטעט. אין פאַרגלייך מיט די דעקרעטן, וואָס זיינען אַרויס פון פּאַרלאַמענטן און מיניסטעריומס, וואו עס איז פאַראַן אַ מאַסע גלאַנציגע, אויסגעצערטלטע, ספּעציעל־טרענירטע פּאָליטישע מענטשן, האָט די גרויסע דעבוגנג פון דער קאָמונע קוים פאַרדינט וועלכן ס'איז פאַרוואָרף. די אייגנבינדער, די שלאָ־סערס, האָבן זיך פונקט אַזוי אויסגעטויגט פאַר דער דאָזיגער אַרבעט, ווי די געבילדעטע לייט, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה פון געשעפטס־לייט און פּאָליטיקער. די פּאַריזער קאָמונע האָט אין איר קורצער עקזיס־טענץ אינגאַנצן צעשטערט די אילוזיע, אַז די בורזשואַזע בילדונג מאַכט איינעם פייאיג צו פירן די געזעלשאַפט, די אילוזיע, אַז דער פּראָלעטאַריער וועט אויף מאָרגן נאָך דעם זיג אַליין דאַרפן אָנקומען צו דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, זי זאָל פאַרנעמען די פירנדע פּלעצער. די גרויסע טעג פון מערץ 1871 זיינען געווען די ערשטע טעג, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט נאָר געמאַכט אַ רעוואָלוציע, נאָר זיך טאַקע געשטעלט אָן איר שפּיץ, דאָס איז געווען די ערשטע רעוואָלוציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט".

די פּאַריזער קאָמונע, די ערשטע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, האָט באַ־וויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין רייף אויף צו בויען זיין אייגן לעבן. ער איז אָבער נאָך ניט געווען צוגעגרייט דערצו. די מאַכט איז פּלוצים געפאַלן אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט די מאַכט איבערגענומען, אָבער ער איז ניט געווען אָרגאַניזירט כדי זיך צו שטיצן אויף זיין מאַכט און באַפעסטיגן זיינע פּאָזיציעס. ער האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דעם שונא צו קומען צו זיך, און ווערסאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט פּאַריז פון גאַנץ פראַנקרייך. ער האָט געהאַט אַ ריזיגע באַוואָפנטע מאַכט, נאָר ער האָט זי ניט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ מיטל פאַר זיין זיג. קורץ גערעדט, דער אַרבעטער־קלאַס האָט נאָך ניט געהאַט זיין פּאַרטיי, וואָס זאָל פאַרקערפּערן זיין דערפאַרונג און זיין ווילן צו זיגן.

די ווערסאַלער שונאים זיינען געווען אין אַ בעסערער לאַגע. זיי האָבן אומזיסט קיין צייט ניט פאַרלאָרן. כדי צו באַשיצן זיינע סאָלדאַטן פון אָנצושטעקן זיך מיט די אידייען פון דער קאָמונע, האָט טיער איינגע־פירט פאַרשטאַרקטע מיליטערישע איבונגען צווישן זיינע סאָלדאַטן. יעדן טאָג, יעדע שעה האָט די באַזיגטע בורזשואַזיע אויסגענוצט אויף צוריק־צוקריגן די מאַכט. ווען טיער האָט זיך דערפילט גענוג שטאַרק, האָט ער מיט זיכערקייט און אַנטשלאָסנקייט אָנגעהויבן די אַטאַקע. די קאָמונע איז ניט געווען צוגעגרייט פאַר אַ רעגולמעסיגער פאַרטיידיגונג. די אַרמיי

פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, וואָס האָט געליטן שענדלעכע מפּלות אין דער מלחמה מיט פּרייסן, האָט גרינג צעקלאַפּט די ערשטע אַרבעטער־רעוואָלוציע.

די אַרבעטער האָבן מיט מערקווירדיגער העלדישקייט פאַרטיידיגט די באַריקאַדן פון דער קאָמונע. זיי האָבן אַרויסגעוויזן העלדישע אַנטשלאָסנקייט צו שטאַרבן אונטער די פאָנען פון דער קאָמונע. נאָר זיי זיינען געווען מאַכטלאָז געגן די רעגולערע אַרמייען, געפירט פון אויפגערייצטע בורזשואַזע זינדלעך.

די פּאַריזער קאָמונע איז געפאַלן. אירע העלדן האָבן געפּייערט זייער זיג מיט אַ ווילדער שחיטה. פאַר׳שכור׳ט פון נקמה, האָבן זיי בוכשטעבלעך ניט געהאַט קיין צייט צו הרג׳ענען די קאָמונאַרן און האָבן גאַנצע גרופּן באַגראָבן לעבעדיגערהייט.

די שלוסן, וואָס לאָזן זיך ציען פון דער פּאַריזער קאָמונע, זיינען קלאָר. די ערשטע אַרבעטער־רעוואָלוציע האָט מיט קלאָרער איבערצייגונג באַוויזן, אַז דער איינציגער רעוואָלוציאָנערער קלאַס אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט איז דער פּראָלעטאַריאַט. ער איז פייאיג ניט בלויז העלדיש צו קעמפן און שטאַרבן אונטער זיינע פאָנען, נאָר ער איז שוין אויך גענוג דערוואַקסן אויף צו בויען אַ נייַ לעבן. אָבער אין דער צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט דער אַרבעטער־קלאַס נאָך ניט געקאָנט אַרויסטיילן פון זיך דעם פּאַראייניגטן, אייזן־פעסטן אַוואַנגאַרד, וואָס אָן זיין דורכגעטראַכטער פירערשאַפט און דיסציפּלין קאָן מען גאָר ניט טראַכטן וועגן אַ זיג פון דעם אַרבעטער־קלאַס איבער די מעכטיגע כחות, וואָס פאַרטיידיגן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל.

די דערפאַרונג פון דער קאָמונע אינטערעסירט אונז אויך אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע וועגן דער פּאָליטישער מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס,—אַ פראַגע וואָס האָט שטאַרק אויפגערודערט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. נאָך לאַנג פאַר דער פּאַריזער קאָמונע האָט מאַרקס געשריבן אין דער „נייער ריינישער צייטונג״, אַז „די איבערגאַנג־צייט נאָך יעדער רעוואָלוציע פאָדערט די ענערגישסטע דיקטאַטור״. די דערפאַרונג פון דער קאָמונע האָט פאַר אונז העל באַלויכטן די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

מיר האָבן שוין ציטירט מאַרקס׳עס באַמערקונג, אַז די קאָמונע איז געווען „די לאַנג געזוכטע פּאָליטישע פאָרם, אין וועלכער ס׳וואָלט געקאָנט געווען פאָרקומען די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון די אַרבעטער״. מיט פיר יאָר שפּעטער, אין 1875, האָט מאַרקס אויסגעדריקט דעם דאָזיגן געדאַנק נאָך שאַרפער:

„צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און קאָמוניסטישער געזעלשאַפט ליגט אַ פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערער פאַרוואַנדלונג פון דעם ערשטן (קאַפּיטאַליסטישן) און צווייטן (קאָמוניסטישן), און דעם דאָזיגן פּעריאָד אַנטשפּרעכט

א פּאָליטישער איבערגאנגס־פּעריאָד. די מלוכה פון דעם דאָזיגן פּעריאָד קאָן ניט זיין קיין אנדער זאך ווי א רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור פון פּראָ־לעטאריאט".

דער אַרבעטער־קלאס קאָן זיך איצט באַנוצן מיט דער רייכערער און מער פּרוכטבארער דערפארונג פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעוואָ־לוציע. אָבער כדי ריכטיג צו פארשטיין די אנטוויקלונג פון סאָציאַליזם, איז נויטיג פאר זיך קלאָר צו מאכן, אין וואס פאר א מאָס די פּאריזער קאָמונע האָט באַוואָפנט די פּאַרטגעשריטענע אַרבעטער מיט א קלאָרער אָפּשאצונג פון זייערע אויפגאבן. ס'איז וויכטיג קלאָר צו מאכן די דאָזיגע פראגע, ווייל עס געפינען זיך נאך איצט „סאָציאַליסטן", וואס באַנוצן זיך מיט די נעמען פון מארקס און ענגעלס כדי צו פירן א ווילדע העצע געגן פּראָלעטארישער דיקטאטור. דער אמת איז אָבער, אז מארקס האָט מיט זיין כאראקטעריסטישער פּינקטלעכקייט שוין אין 1875 אָנגעוויזן אויף דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט ווי אויף אן אומפארמיידלעכער איבער־גאַנג־פאָרם פון קאפּיטאַליזם צו קאָמוניזם.

געבויט אויף דער דערפארונג פון דער קאָמונע האָט ענגעלס נאך ווייטער אנטוויקלט דעם זעלביגן געדאנק. „א רעוואָלוציע,—האָט ענגעלס געשריבן,—איז אן אקט, אין וועלכן א טייל פון דער באַפעלקערונג צווינגט ארויף איר ווילן אויף א צווייטן טייל מיט דער הילף פון ביקסן, באגנעטן, קאַנאָנען, א. אז. וו., דאס הייסט, דורך זייערע דיקטאטארישע מיטלען"... ענגעלס האָט, הייסט עס, גאנץ גוט פארשטאנען, אז מיט דעם שטים־צעטל קאָן מען ניט בייקומען די קאפּיטאַליסטישע מלוכה. און ענגעלס פאר־ענדיגט זיין געדאנק אזוי:

ווען די פּאריזער קאָמונע וואָלט זיך ניט געווען שטיצן אויף דער אויטאָריטעט פון דעם באַוואָפנטן פאָלק געגן דער בורזשואזיע, וואָלט זי זיך דען געווען געהאַלטן מער ווי איין טאָג? צי האָבן מיר ניט א רעכט, פארקערט, צו קריטיקירן די קאָמונע דערפאר, וואס זי האָט זיך צו ווייניג באנוצט מיט דער אויטאָריטעט פון געווער?"

די דאָזיגע געדאנקען, וואס ענגעלס האָט ארויסגעזאָגט וועגן דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט שטימען פולשטענדיג מיט די גרונט־אַנשויאונגען פון מארקס און ענגעלס וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון דער מלוכה. מארקס און ענגעלס האָבן פארשטאנען די מלוכה ווי אן אָרגאניזאציע פון מאכט, וואס פארגיט זיך מיט'ן ציל צו פארטיידיגן דעם הערשענדיגן קלאס. פון דעם דאָזיגן אַלגעמיינעם בליק אויף דער מלוכה הערשענדיגן קלאס. פון דעם דאָזיגן אלגעמיינעם בליק אויף דער מלוכה איז גרינג צו ציען דעם שלוס, ווי אזוי דער אַרבעטער־קלאס דארף זיך באַציען צו מלוכה־מאכט.

„דער שטאט,—האָט ענגעלס געשריבן,—איז בלויז אן איבערגאנגס־אַנשטאַלט, מיט וועלכן עס קומט זיך אויס צו באַנוצן (דעם אַרבעטער־קלאס) אין קאמף, אין א רעוואָלוציע, כדי מיט גוואַלט צו אונטערדריקן

זיינע געגנער... אָן דער מלוכה־מאַכט קאָן דער אַרבעטער־קלאַס ניט אונ־טערדריקן זיינע שונאים. דער פולשטענדיגער טריאומף פון דעם אַרבע־טער־קלאַס, דאָס הייסט, דיווירקלעכע איינאָרדנונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וועט, פאַרשטייט זיך, מאַכן אַ סוף צו דער מלוכה און מלוכה־מאַכט.

ביז אַהער האָבן מיר געהאַט בלויז פאַרשיידענע מלוכה־פאָרמען, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע פאָרמען פון אונטערדריקונג. אין די אַלטע צייטן איז די מלוכה געווען באַגרינדעט אויף שקלאַפעריי און שקלאַף־אייגענטום. די שקלאַף־אייגענטימער זיינען געווען דער הער־שענדיגער קלאַס. אין די פעאָדאַלע צייטן האָבן מיר געהאַט אַ מלוכה פון פריצים, לאַנד־באַזיצער. אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם איז די מלוכה באַגרינדעט אויף דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. דער וועג צו דער פאַרניכטונג פון דער מלוכה, ווי אַ מיטל פון אונטערדריקונג, ליגט דורך דער דיקטאַטור פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס די געשיכטע האָט אים באַרופן איינצופירן אמת׳ע גלייכהייט און אַזוי אַרום מאַכן די מלוכה פאַר אומנויטיג.

אויף דעם דאָזיגן וועג האָט זיך פאַרנומען די פּאַריזער קאָמונע. זי איז געפאַלן, ווייל זי איז ניט געווען צוגעגרייט. דער וועג איז אָבער געווען אַ ריכטיגער. איר מפּלה האָט בלויז באַשטעטיגט דעם אמת, אַז דורך בלוטיגע שלאַכטן און שווערע מפּלות וועט די מענטשהייט קומען צו גרויסע זיגן.

10. קאַפּיטאַליסטן פאַראייניגן זיך

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם פירט צו פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, זאָגט מאַרקס.—ווי אַזוי ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער פאַראייניגטער קאַפּיטאַליזם.—די ראָל פון באַנק אַמאָל און איצט.—אַ פאַרמיטלער צווישן פּריוואַטן קאַפּיטאַל און נייע אונטערנעמונגען.—דער פאַבריקאַנט שטויסט אַרויס דעם סוחר.—קאָנקורענץ צווישן פאַבריקאַנטן.—סינדיקאַטן.—די איינצעלנע פאַבריקאַנטן הערן אויף צו שפּילן אַ ראָל.—פאַראייניגטער קאַפּיטאַל, דער באַלעבאָס און פאַרוואַלטער.—די ראָל פון דער בירזשע.—אַלטע באַנקען קענען ניט דינען די קאַפּיטאַליסטישע סינדיקאַטן.—אינדוסטריעלע נויטיגן זיך אין קרעדיטן אויף אַ לאַנ־גער צייט.—באַנקען גיבן הלוואות אויף קורצע טערמינען.—די אַקציאָנערן־געזעלשאַפט לייזט די פּראָבלעם.—אַ מיטל צו מאָביליזירן פּריוואַטן האַנדל.—ווער קאָנטראָלירט די אַקציאָנערן־געזעלשאַפט?—דער האַנדל מיט אַקציעס.—די באַדייטונג און מאַכט פון דער בירזשע.—באַנקען ווערן די העכסטע אָרגאַנען פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה.—די טבע פון „איי־זערנעם קנאַפּל“.—קאַפּיטאַליזם פאַרנעמט זיך אויף אַ נייעם וועג.—דער אָנהויב פון אימ־פּעריאַליזם.—טאַריפן, מאָנאָפּאָליעס און נייע מאַרקן.—מיליטאַריזם, דער מיט־באַגלייטער פון אימפּעריאַליזם.

די רייכע סינדיקאַטן האָבן זיך גענויטיגט אין די קאַפּיטאַלן ניט בלויז פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען אַריין אין סינדיקאַט, נאָר אויך אין די פרייע קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען געווען אָנגעזאַמלט אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. די אַלטע באַנקען האָבן קיין סך נוץ ניט געקאַנט ברענגען די סינדיקאַטן אין דעם זין פון צונויפזאַמלען פאַר זייערטוועגן די פרייע קאַפּי־טאַלן און זיי אַריינלייגן אויף אַ לאַנגער צייט אין די אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען. די באַנקען זיינען געבויט אויף שנעלן אומזאַץ, און דעם גרעסטן טייל פון זייערע פּראָפיטן מאַכן זיי פון קורץ־וויייליגע קרעדיטן. די באַנקען האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער קאַפּיטאַליסט לייגט גערן אַריין זיינע איבעריגע געלטער אין באַנק אַריין בלויז אויף דער באַדינגונג,

ז ער זאָל זיי קאָנען צוריקקריגן צו יעדער צייט. דעריבער איז די באַנקען אקוועמער צו געבן הלוואות אויף קורצע טערמינען. גרויס־אינדוסטריע, אַרקערט, נויטיגט זיך אין קרעדיט אויף לאַנגע טערמינען. די ריזיגע אַפּיטאַלן, וואָס ווערן פאַרנוצט אויף גרויסע מאַשינען, גראַנדיעזע געביידעס ון אויסשטאַטונג פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווערן צוריק אויס־ עצאָלט אין דעם משך פון לאַנגע יאָרן.

ס'האָט זיך באַקומען אַן אויסגאַנגלאָזע לאַגע. דער קאַפּיטאַליסט אָט געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט צו דער צייט אַרויסצונעמען זיין אַפּיטאַל פון דער פּראָדוקציע און די פּראָדוקציע האָט געפאָדערט קרעדיטן וויף אַ לאַנגער צייט. דער אויסגאַנג פון דער דאָזיגער לאַגע איז געפונען עוואָרן אין דער נייער פאָרם פון קאַפּיטאַליסטישע פאַראייניגן, אין דער קציאָנערן־געזעלשאַפט (שערהאָלדינג אָדער סטאָק־קאָמפּאַני).

אַן אַקציאָנערן־געזעלשאַפט איז אַ געזעלשאַפט פון קאַפּיטאַליסטן. די צו פאַרגרעסערן זייער קאַפּיטאַל, לאָזן זיי אַרויס אַקציעס (שערס) ין גאַנץ קליינע און ביליגע פּרייזן. די פּרייזן זיינען צוגעיינגלעך צו קליין־ אַרמעגלעכע מענטשן אויך. דורך די פאַרקויפטע אַקציעס פאַרגרעסערט י געזעלשאַפט (קאָמפּאַני) איר קאַפּיטאַל, און די אַקציעס קאָנען צו יעדער ייט פאַרקויפט ווערן פון האַנט צו האַנט. אַזוי אַרום באַקומען די קאַפּי־ אַליסטן קרעדיטן אויף לאַנגע טערמינען און די קויפער פון די אַקציעס אָבן אַ מעגלעכקייט צו יעדער צייט אַרויסצוקריגן דאָס געלט פאַר זייערע קציעס.

אַן אַקציאָנערן־געזעלשאַפט איז אַ קונציגע און כיטרע אינסטיטוציע. ין די סטאַטוטן פון אַקציאָנערן געזעלשאַפטן ווערט געוויינטלעך געשריבן, ז אַלע אַקציאָנערן (שערהאָלדערס) זיינען די באַלעבאַטים פון דער געזעל־ שאַפט. זיי קלייבן אויס דירעקטאָרן, זיי באַשליסן אַלע פראַגן, וואָס האָבן ין טאָן מיט די אונטערנעמונגען פון דער געזעלשאַפט. אָבער דאָס איז אַר אויפ'ן פּאַפּיר. די גרינדער פון די אַקציאָנערן־געזעלשאַפטן גיבן שטענ־ יג אַכטונג, אַז אין זייערע הענט זאָלן זיך געפינען מער ווי אַ העלפט ון די אַקציעס. זיי דאַרפן אפילו קיין העלפט ניט האָבן;—אַ דריט־חלק יז גענוג, ווייל די איבעריגע אַקציאָנערן זיינען צעוואָרפן איבער אַלע קן לאַנד. אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די אַקציאָנערן קומט ם אָן די גרינדער גאָר גרינג דורכצופירן זייערע באַשלוסן אַזוי, אַז די לענערע אַקציאָנערן זאָלן דאָס גאָר ניט באַמערקן. דער גאַנצער פּראָפיט לייבט אין די הענט פון די גרינדער. די איבעריגע אַקציאָנערן קריגן לויז קליינע פּראָצענטן אויף זייער געלט.

די אַקציאָנערן־געזעלשאַפט מאַכט, הייסט עס, מעגלעך צו מאָביליזירן ון פאַראייניגן אַלע פרייע קאַפּיטאַלן אין די הענט פון די גרעסערע אונ־ ערנעמער. זייער איינפלוס האָט מאַרקס פאָרמולירט אין די פאָלגענדע ווערטער: „זיי גיבן אַ קאָלאָסאַלע אויסברייטערונג פון די מאַסשטאַבן ון פּראָדוקציע און אונטערנעמונגען, וואָס דאָס איז געווען אוממעגלעך

פאר דעם איינצעלנעם קאפיטאליסט". מען דארף דערביי באמערקן, אז בעת מארקס האט געלעבט, האבן די אקציאנערן־געזעלשאפטן ערשט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען. אבער מארקס האט שוין דעמאלט געזען די אומ־פארמיידלעכע רעזולטאטן פון דער דאזיגער פארם פון קאפיטאל־פאראייני־גונגען. מארקס האט אויך פאראויסגעזען, אז די פאראייניגען פון די קאפי־טאליסטן וועלן שטרעבן צו פאראייניגן דעם גאנצן קאפיטאל אין די הענט פון איין קאפיטאליסטישער קערפערשאפט.

פאר די באנקען האט זיך געעפנט גאר א נייע טעטיגקייט. כדי די אקציאנערן־געזעלשאפטן זאלן קאנען עקזיסטירן, איז נויטיג געווען, אז ס'זאל זיין א צאל ספעציעלע אונטערנעמונגען, וואס זאלן קאנטראלירן דעם קויף־פארקויף פון די אקציעס. כדי די אקציעס זאלן קאנען דינען ווי באוועגלעכער קאפיטאל, האבן די באנקען אנגעהויבן געבן גרויסע הלוואות צו אינדוסטריעלע אונטערנעמער אויף דעם גרונט פון די אריינגעלייגטע אקציעס: די באנקען האבן אויך גענומען איינקויפן אקציעס מיט דער רעכענונג, אז דורך דעם וואס זיי וועלן ווערן אקציאנערן אין די אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען וועלן זיי קריגן דארט א דעה, קאנען אריינ־זעצן דארט דירעקטארן און פארטרעטער, וואס זאלן אכטונג געבן אויף די געשעפטן פון די אונטערנעמער. די באנקען זיינען, הייסט עס, געווארן די העכערע ארגאנען, וואס האבן אנגעהויבן צו פאראייניגן און קאנטראלירן די גאנצע אינדוסטריע.

דער קויף און פארקויף פון אקציעס מאכט די באנק־שפיל נאך מער ריזיקאליש. צווישן די באנקען גייט אן פונקט אזא קאמף און קאנקורענץ, ווי ס'פלעגט אנגיין צווישן באזונדערע סוחרים און פאבריקאנטן. אין דעם דאזיגן קאמף בלייבן לעבן די רייכערע באנקען, וואס זיינען פארבונדן מיט די רייכערע און שטארקערע אקציאנערן־געזעלשאפטן. דאס זעלבסטשטענ־דיגע לעבן פון די באנקען ווערט אזוי ווי אפגעריסן. די באנקען פלעכטן זיך דורך און גיסן זיך צונויף מיט די גרויסע אינדוסטריעלע סינדיקאטן און קערפערשאפטן.

דער צענטער פון דער אקציע־שפיל ווערט אריבערגעטראגן אויף דער בירזשע, וואס הויבט אן צו שפילן אלץ א וויכטיגערע ראל. די פראנצויזישע פראצענטניקעס האבן אויפגעבויט זייער בירזשע אין דער פארם פון א טעמפל, כדי צו ווייזן, אז זייער גאט איז געלט און זייער ריטואל — די בירזשע־שפיל. אין אמעריקע ווערן מלוכה־ענינים באשלאסן ניט אין קאנגרעס אין וואשינגטאן, נאר אין ניו יארק אויף דער שמאלער וואל סטריט, וואו עס געפינט זיך די ניו יארקער בירזשע. די ענגלישע „דעמא־קראטישע" געזעצגעבער זיינען פארטרעטער פון קאפיטאליסטישע קערפער־שאפטן, און די הויפט־ראל שפילן דארט די פארטרעטער פון די אייזן און קוילן־באראנען. זיי זיינען איינגער פארבונדן מיט דער בירזשע ווי מיט די בירגער, וואס האבן פאר זיי געשטימט.

ניט בלויז מארקס האט פאראויסגעזען די ריזיגע ראל פון די אקציא־

נערן־געזעלשאַפטן. ראַטבערטוס האָט וועגן זיי געשריבן אַט וואָס: „דער געוויינטלעכער פרייער האַנדל אָן דער אַקציאָנערער פאָרם איז ווי אַ קלאָר־גערדיגער האַנט־בעזים. פרייער האַנדל צוזאַמען מיט דער אַקציאָנערער פאָרם איז ווי אַ דאַמף־בעזים, וואָס וועט אין צען יאָר צייט אויסקערן אַזוי ריין, ווי אַ האַנט־בעזים וואָלט דאָס ניט געקענט טאָן אין הונדערט יאָר". באַוואָפנט מיט אַזאַ דאַמף־בעזים האָט קאַפּיטאַל ווירקלעך זיך גענומען צו אַ ריינעגונג, וועגן וועלכער די טאַטעס פון די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטן האָבן אַפילו ניט געקענט חלום׳ען. אַ הייפעלע קאַפּיטאַליסטן האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט ריזיגע קאַפּיטאַלן און דעם פאַקטישן קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע און איבער דער מלוכה. ביי די דאָזיגע קאַפּיטאַליסטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרלאַנג צו גרינדן אַזאַ פאַראיין, וואָס זאָל קאָנען קאָנטראָלירן ניט איין לאַנד, ניט איין פאָלק, נאָר די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענטשהייט. די דאָזיגע שטרעבונג צו עקספּלואַטירן די גאַנצע געזעלשאַפט דורך אַ קליינער גרופּע אַקציאָנערן האָט געפונען איר ליטעראַרישן אויסדרוק אין דזשעק לאָנדאָנ׳ס פּראָכטפולן ראָמאַן „דער אייזערנער קנאַפל". דער אַמעריקאַנער שרייבער האָט באַשריבן דעם „אייזערנעם קנאַפל", אָבער דעם דרוק פון דעם קנאַפל האָט ניט ער אַליין געפילט.

מיט דער גרינדונג פון פאַבריקאַנטישע סינדיקאַטן און אַקציאָנערן־געזעלשאַפטן איז כמעט ווי אָפּגעשאַפט געוואָרן די קאָנקורענץ צווישן די איינצעלנע פאַבריקאַנטן און די גרעניצן פון יעדן לאַנד. אָבער די אַנאַרכיע אין דער וועלט־פּראָדוקציע איז ניט פאַרשוואונדן. די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע האָט אָנגעהויבן נאָך שנעלער אַריבערצויאָגן די אַנטוויקלונג פון מאַרק. דעם פּלאַץ פון קאָנקורענץ צווישן באַזונדערע אינדוסטריאַליסטן האָט פאַרנומען די קאָנקורענץ צווישן די מעכטיגע סינדיקאַטן, וואָס האַלטן אין זייערע הענט די גאַנצע מלוכה־מאַכט. דער וואָפן פון קאָנקורענץ איז שוין מער ניט דער זעלביגער ווי אַמאָל—אַ פרייז־מלחמה, אין וועלכער איין קאָנקורענט זוכט אַרויסצושטופּן דעם צווייטן דורך ביליגערע פרייזן. איצט האָבן די מעכטיגע קאַפּיטאַליסטישע פאַראייניגן גענומען אָרודעווען אין זייער קאָנקורענץ מיט מעכטיגע אַרמייען און פלאָטן, ווי אַ מיטל צו פאַרגרעסערן זייערע קאָלאָניעס, אויסשפּרייטן זייער מאַרק. די צענטראַליזירטע קאַפּיטאַליסטישע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן מאָביליזירט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל און געשאַפן אַ מאָנאָפּאָל, וואָס האָט זיי דערלויבט צו העכערן פרייזן, האָבן אָנגעהויבן פירן אַ פּאָליטיק פון ניט אַריינלאָזן קיין אויסלענדישע סחורות אויף די היימישע מאַרקן. צו דער זעלביגער צייט האָבן זיי דורכאויס געוואָלט אַרויספירן אויף פרעמדע מאַרקן ניט בלויז זייערע פּראָדוקטן, נאָר אויך זייערע קאַפּיטאַלן, — די איבעריגע קאַפּיטאַלן, וואָס זיי האָבן אין דער היים ניט געקאָנט אָנווענדן.

ווען ס׳האָט געהערשט דער איינצעלנער אינדוסטריאַליסט, האָבן די קאַפּיטאַליסטן פאַרטיידיגט פרייען האַנדל און גע׳טענה׳ט, אַז פרייער האַנדל פירט צו אַלוועלטלעכן שלום. ווען דעם פּלאַץ פון דעם איינצעלנעם

פאבריקאנט און באנקיר האבן פארנומען די מעכטיגע אקציאנערן־געזעל־שאפטן און פאבריקאנטן־פאראייניגן, איז פרייער האנדל פארביטן געווארן אויף טאריפן און אפצאל־גרעניצן. די קאפיטאליסטישע פאראייניגן האבן איצט געדארפט האבן גרויסע ארמייען אי אויף צו פארשפארן די אייגענע גרעניצן אי אויף צו עפענען פאר זיך נייע לענדער, פארכאפן פרעמדע מארקן.

קאפיטאל האט זיך פארנומען אויפן וועג פון דעראבערונגס־פאליטיק, אויפ׳ן וועג פון אימפעריאליזם.

דער ערשטער באגלייטער פון אימפעריאליזם איז, פארשטייט זיך, מיליטאריזם,—א גרויסע ארמיי, א גרויסער פלאט, שטארקע לופט באוואפ־נונג. מיליטאריזם איז פאר די קאפיטאליסטן אי א מיטל אויף אנצוהאלטן זייער מאכט, אי א ציל פאר זיך. די רעגירונג גיט ארויס ריזיגע באשטע־לונגען אויף ביקסן, קאנאנען, קריגס־שיפן, עראפלאנען, אמוניציע און אלערליי אנדערע פארניכטונגס־מיטלען. מיליטאריזם דינט, הייסט עס, ווי א גוטער אינערלעכער מארק. די מאנאפאליע פון די קאפיטאליסטישע פאראייניגן גיט זיי א מעגלעכקייט צו הערערן די פרייזן אויף זייערע פראדוקטן און צוריקקריגן דעם גרעסטן חלק פון די געלטער, וואס זיי האבן אויסגעצאלט די ארבעטער. דאס איבעריגע קריגט די רעגירונג ארויס אין דער פארם פון שטייערן, וואס פאלן ווידער אריין אין די הענט פון די פאב־ריקאנטן און באנקירן.

אבער די הויפט־אויפגאבע פון מיליטאריזם איז, פארשטייט זיך, צו שאפן א מאכט, וואס זאל קאנען בייקומען די באוואפנטע קאנקורענטן. קאנקורענץ צווישן באזונדערע קאפיטאליסטישע גרופן פירט אומפארמייד־לעך צו מלחמות.

„דער געשפענסט פון קאמוניזם גייט ארום איבער אייראפע" — האט געשריבן דער „קאמוניסטישער מאניפעסט" נאך אין 1847. די פאריזער קאמונע האט איינגעפאסט דעם דאזיגן געשפענסט אין דער פארם פון דיק־טאטור פון ארבעטער־קלאס. דערמיט דערקלערט זיך דער ווילדער צארן, וואס די קאמונע האט ארויסגערופן צווישן די שונאים פון ארבעטער־קלאס. די באדייטונג פון דיקטאטור פאר דעם טריאומף פון דער רעוואלוציע האט מארקס אויסגעדריקט אין די פאלגענדע ווערטער: „וועגן קלאסן־קאמף האט מען געוואוסט אויך פאר מיר, מיין לערע באשטייט אבער אין דעם, וואס די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם פירט אומפארמיידלעך צו דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט".

די פאריזער קאמונע איז אבער געווען ניט מער ווי א בליץ, וואס האט בלויז אויף א רגע דורכגעשניטן די פינצטערניש פון קאפיטאליסטישן דרוק. נאכדעם ווי די קאמונע איז באזיגט געווארן איז דער בעסטיאלישער קאפי־טאליזם אנגעגאנגען מיט זיין בלוטיגן וועג און ארויסגעוויזן אזוינע זשעדנע

אפעטיטן, וואָס מ'האָט גאָר איז אָנהויב פון זיין אַנטוויקלונג ניט געקאָנט געווען פאַרדעכטיגן.

מיר געדיינקען דעם ערשטן קאַפּיטאַליסט, דעם סוחר, וואָס עקספּלואַטירט די פּראָדוצירער. כדי בעסער צו באַטרייבן זיינע געשעפטן, האָט דער סוחר זיך באַנוצט ניט בלויז מיט זיינע געלטער און פאַרמעגנס, נאָר אויך מיט'ן קרעדיט, וואָס ער האָט געקראָגן מיט דער הילף פון דער באַנק. די באַנק איז אַן אַלטע אינסטיטוציע. צוערשט איז די אַרבעט פון אַ באַנק געווען אַ באַגרעניצטע: דאָרט האָבן די גבירים אוועקגעלייגט זייערע געלטער און די באַנק האָט די געלטער געהיט פאַר אַ קליינער לוין. פאַר דעם גביר האָט זיך געלוינט, אַז ס'זאָלן זיין אַזוינע ערטער אויף צו היטן זיינע געלטער און צירונג, ער האָט געקאָנט שלאָפן רואיג. דער באַנקיר ווידער איז רייך געוואָרן פון אָפּהיטן יענעמ'ס רייכטימער.

מיט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל האָט זיך אויך אַנטוויקלט די מעגלעכקייט בעסער אויסצונוצן די באַנק. די אונטערנעמונגען זיינען געוואַקסן, דער האַנדל־אומזאַץ איז געשטיגן. דער קאַפּיטאַליסט פאַרלעבט ניט די גאַנצע מערוועַרט, וואָס ער פּרעסט אויס פון זיינע אַרבעטער. ס'איז אויך שווער יעדן טאָג צו האַלטן אין איין פאַרגרעסערן די אונטערנעמונג. ס'איז אויפגעשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם קאַפּיטאַל אין די צווישן־פּעריאָדן ווען מען באַקומט די פּראָפיטן און ווען מען לייגט זיי אריין אין אַ נייער אונטערנעמונג.

דאָס לעבן אַליין האָט אָנגעוויזן דעם וועג. זייט ביי זייט מיט די קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן אין געוויסע פּעריאָדן ניט געקאָנט אויסנוצן זייערע קאַפּיטאַלן, זיינען געווען אויך אַנדערע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין געלט פאַר זייערע אונטערנעמונגען און אומזאַץ. מ'האָט, הייסט עס, בלויז באַדאַרפט געפינען עפּעס אַ מיטל ווי אַזוי איבערצוגעבן דעם פרייען קאַפּיטאַל אין די הענט פון די, וואָס האָבן דערפון געקאָנט ציען נוצן. די דאָזיגע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די באַנק. זי האָט אויפגעהערט צו פאָדערן געצאָלט פאַר היטן פרעמדע געלטער. פאַרקערט, זי האָט אָנגעהויבן צאָלן געוויסע פּראָצענטן צו די, וואָס האָבן דאָרט אריינגעלייגט זייערע געלטער.

די באַנק האָט געצאָלט אַ קלענערן פּראָצענט צו אירע דעפּאָזיטאָרס און האָט גערעכנט אַ גרעסערן פּראָצענט צו די, וואָס זי האָט אויסגעליען דאָס געלט. אַלע האָבן, הייסט עס, געפונען אַ מיטל ווי אַזוי רייך צו ווערן. דער אייגנטימער פון פרייען קאַפּיטאַל האָט געהאַלטן זיין געלט אין באַנק און דערפאַר געקראָגן פּראָצענט־געלט. די קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין געלט, האָבן געקראָגן פרייען קאַפּיטאַל אויף צו פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן זייערע געשעפטן. און דער באַנקיר, ווי אַ פאַרמיטלער, האָט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט דערלייגט צום געשעפט.

די ראָל פון דער באַנק האָט זיך געביטן. ס'איז אמת, אַז די נייע

באנק־שפּיל איז געווען פאַרבונדן מיט ריזיקע. ס'האָט פּאַסירט, אַז דער בעל־חוב האָט ניט נאָר נישט באַצאָלט די פּראָצענטן, נאָר ער האָט אויך דעם קרן ניט צוריקגעקערט. אין אַ צייט פון עקאָנאָמישן קריזיס איז גע־שטיגן די צאָל פון בעלי־חובות, וואָס האָבן ניט געקאָנט צאָלן. ס'איז שוין ממילא שלעכט געוואָרן אויך די באַנקען, וואָס האָבן ניט געקאָנט צוריקקערן די געלטער צו זייערע דעפּאָזיטאָרס. נאָר סוחרים און ספּעקו־לאַנטן, וואָס יאָגן זיך נאָך פּראָפיטן, האָבן שוין לאַנג אנערקענט, אַז „ריזיקע איז אַ נאָבעלע זאַך, און דער וואָס ריזיקירט ניט, קאָן ניט געווינען". און די באַנקען האָבן געבליט און זיך אַנטוויקלט.

דער סוחר האָט אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ דעם אינדוסטריאַליסט. די פאַבריקאַנטן האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער קאַפּיטאַליסטישער באַלעבאַטישקייט און אָפּגעשטופּט דעם סוחר אין הינטערגרונט. אין דעם קאַמף צווישן די פאַבריקאַנטן גופא זיינען איבערגעבליבן די שטאַרקערע, די רייכערע. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן ארויסרוקן ספּעציעל יענע אינדוסטריאַליסטן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די פּראָדוקציע פון קוילן און אייזן. די באַלעבאַטים פון די קוילן־מיינס און די אייזן־גרובן זיינען געוואָרן די באַראָנען פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט, און קוילן מיט אייזן זיינען געוואָרן די גרונט־שטאָפן פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, ווייל אייזן האָט מען געדאַרפט אויף צו בויען מאַשינעריע און קוילן—אויף צו באַטרייבן די מאַשינעריע.

דער אַפּעטיט וואַקסט מיט'ן עסן, זאָגן די פראַנצויזן. ס'זיינען גע־וואַקסן די אַפּעטיטן פון די קוילן און אייזן־באַראָנען, ס'זיינען צערייצט געוואָרן די אַפּעטיטן אויך ביי די קלענערע קאַפּיטאַליסטן. די אַלטע קאָנ־קורענץ, וואָס האָט זיי געהאָלפן פאַרשלינגען די מיטעלע און קלענערע פאַבריקאַנטן, איז זיי שוין מער ניט געווען צום האַרצן. אין יענער קאָנ־קורענץ האָבן זיי געמוזט פאַרקלענערן די פּרייזן כדי ארויסצוטרייבן די קאָנקורענטן פון מאַרק. דאָס האָט צייטווייליג פאַרקלענערט זייערע פּראָפיטן אפילו אויב די אַנטוויקלטע טעכניק האָט פאַרקלענערט דעם קאָסט פון פּראָדוקציע. איצט אָבער האָבן די גרויסע פאַבריקאַנטן געוואָלט פאַר־גרעסערן זייערע פּראָפיטן און העכערן די פּרייזן אויף זייערע פּראָדוקטן. דערצו איז נויטיג געווען צו מאַכן אַ סוף צו דער קאָנקורענץ צווישן זיך.

און דאָ הויבט זיך אָן די סדרה פאַראייניגונגען צווישן פאַבריקאַנטן. דאָס אָרט פון דעם איינצעלנעם פאַבריקאַנט פאַרנעמט דער פאַרבאַנד (אַסאָ־סיאיישאָן) פון פאַבריקאַנטן. צום אָנהויב האָט זיך אַזאַ פאַרבאַנד גע־שטעלט פאַרשיידענע אויפגאַבן: צוזאַמען איינקויפן רויע מאַטעריאַלן, צוזאַמען איינשטעלן פּרייזן, א. אַז. וו. די דאָזיגע פאַרבאַנדן עפענען נייע מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן פּראָפיטן. דער פאַרבאַנד פון פאַברי־קאַנטן ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס מאַכט

מעגלעך אויסצוגעבן ווייניגער אויף די פּראָדוציר־סחורות און פאַרקויפן די סחורות ט י י ע ר ע ר.

די פאַרבאַנדן פון די פאַבריקאַנטן האָבן געהאַלטן אין וואַקסן און שטאַרקער ווערן. אין אָנהויב האָבן די איינצעלנע פאַבריקאַנטן אין דעם פאַרבאַנד געקענט האַנדלען מער-ווייניגער פריי אין זייערע פּריוואַטע געשעפטן. מיט דעם וואוקס פון די פאַבריקאַנטן־פאַראיינען איז אָבער אַלץ מער און מער באַגרענעצט געוואָרן די זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם איינצעלנעם אונטערנעמער. די פאַרוואַלטונג פון דעם סינדיקאַט שטופּט אַרויס דעם איינצעלנעם פאַבריקאַנט, פאַרנעמט זיין אָרט און זיין דעה אין אַלצדינג וואָס האָט צו טאָן מיט דער געשעפט־פירונג.

ס'איז גאַנץ קלאָר, פאַרוואָס עס לוינט די פאַבריקאַנטן צו שליסן אַזוינע סינדיקאַטן. די ריזיגע פאַבריקן און מאַשינען, וואָס זיינען נויטיג אין קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, קאָסטן צו טייער, אַז אַן איינצעלנער פאַבריקאַנט זאָל דאָס קענען איינאָרדענען אויף זיין אייגענעם חשבון. אַ פאַרבאַנד פון פאַבריקאַנטן פאַרמאָגט אָבער די מיטלען איינצופירן די טייערסטע מאָדערנסטע איינריכטונגען, וואָס אין לעצטן סך־הכל פירן זיי צו קלענערע קאָסטן פון די פּראָדוצירטע סחורות. דערצו נאָך האָבן די פאַבריקאַנטן בעסערע מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן פּרייזן. זיי זיינען פריי פון דער קאָנקורענץ איינער מיט'ן צווייטן, נאַטירלעכערוויז קומט אַרויף דער געדאַנק וועגן פאַראייניגן די פאַבריקאַנטן פון פ אַ ר ש י ד ע נ ע צווייגן פון דער אינדוסטריע. ספּעציעל רייצנד זיינען סינדיקאַטן, וואָס פאַראייניגן די אינדוסטריען, וואָס פּראָדוצירן ,,רוי־שטאָפן". פאַר דער מאַשין־אינדוסטריע איז עס זייער וויכטיג צו פאַראייניגן די קוילן־באַראָנען מיט די אייזן־באַראָנען. אייזן האָט זיך געצויגן צו קוילן, קוילן צו אייזן און די פאַבריקאַנטן האָבן פאַראייניגט די צווי שטאָפן. דער פאַראייניגטער קאַפּיטאַל איז געוואָרן אַ מורא'דיגע מאַכט, וואָס קען צעדריקן דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט. און דעם פאַראייניגטן קאַפּיטאַל קומט עס אָן אַ סך גרינגער ווי די איינצעלנע קאַפּיטאַליסטן אַכטונג צו געבן אויף זייער רעגירונג און זי אויסנוצן פאַר זייערע צוועקן.

12. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל ווערט געבוירן אין אַ סביבה פון אויפשטייענדיגן מיליטאַריזם.—דער ערשטער מאַי פּראָקלאַמירט ווי אַ יום־טוב.—די ירושה פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.—דער אונטערשייד צווישן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און צווייטן.—פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל גיבן זיך אָפּ הויפּטזעכלעך מיט פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף.—באַזונדערע פּאַרטייען פירן אייגענע פּאָליטיק.—פאַרזוך צו ,,רעווידירן" מאַרקס'עס לערע וועגן רעוואָלוציע.—צוזאַמענפאַר פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל באַשליסט, אַז ווען פאַטערלאַנד איז אין געפאַר, מעג אַ סאָציאַליסט אַריין אין דער בורזשואַזער רעגירונג.—זשאָרעס וועגן ,,אָרגאַניזירטער מאַכטלאָזיגקייט".—די רעוויזיאָניסטן.—די ראָל פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער בורזשואַזער מלוכה.—די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 און איר אָפּרוף אין אייראָפּע.—דער יענאַ־צוזאַמענפאַר.—די פּשרה־מאַכער און די ,,מיטלויפער".—די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווערן גלידער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.—די אויבערשטע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס קריגן הנחות.—די נויטיגקייט צו שאַפן אַ נייע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

ווען ער האָט זיך פאַרנומען אויפ'ן וועג פון אימפּעריאַליזם, האָט דער קאַפּיטאַליזם געענדערט ניט בלויז די אויסערלעכע פּאָליטיק זיינע, נאָר אויך

די אינערלעכע. פריער פלעגן קאפּיטאַליסטן מיט אַלע כחות שטערן דער עק־זיסטענץ פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען האָבן אָנגעשטריינגט אַלע כחות אויף צו שאַפן שטערונגען און איינפירן רעפּרעסיעס געגן דער אַרבעטער באַוועגונג. צוויי יאָר נאָך דער פּאַריזער קאָ־מונע האָט ביסמארק אַריינגעטראָגן אַ פּראָיעקט וועגן קרימינעלער פאַרפאָל־גונג געגן אַרבעטער וואָס האָבן געבראָכן זייער קאָנטראַקט, דאָס הייסט, געגן סטרייקס. אַזוינע און ענלעכע געזעצן האָבן די קאַפּיטאַליסטישע דינער געזוכט דורכצופירן אין אַלע לענדער. דער קאַמף פון דעם אַרבעטער קלאַס האָט אָבער איבערצייגט די קאַפּיטאַליסטן, אַז די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען אַ לעבנס־נויטווענדיגקייט פאַר די אַרבעטער און אַז מען קען זיי מיט קיין שום רעפּרעסיעס ניט פאַרניכטן.

אַזוי אַז עס איז געווען אוממעגלעך אומצוברייינגען די אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציעס, האָט זיך דער קאַפּיטאַליזם געשטעלט אַ ברייטערע און מער גע־וואגטע אויפגאַבע: איינצושפּאַנען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דעם רייטוואָגן פון קאַפּיטאַליזם. דאָ הויבט זיך אָן אַ שטופּע פון פלינקע און דיי־נע מאַנעוורעס פון די פאַראייניגטע קאַפּיטאַליסטן געגן דעם אַרבעטער־קלאַס. קאַפּיטאַל הויבט אָן צו קאָמבינירן כאַבאַר מיט שווינדל, צוזאָגן מיט סטראַשונקעס, הנחות מיט רעפּרעסיעס, לעקעלעך מיט בייטשן. ער מאַנעוור־ריר אַזוי אַז ער זאָל אַריבערציען די אויבערשטע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס אויף זיין זייט, פאַרבינדן זייערע אינטערעסן מיט דער רויבערישער פּאָלי־טיק אין די קאָלאָניעס און מיט די אַלגעמיינע אימפּעריאַליסטישע שטרע־בונגען.

אין אָט דער אַטמאָספערע איז געבאָרן געוואָרן, איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל.

די נידערלאַגע פון דער קאָמונע איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג. אָבער די אַרבעטער באַוועגונג האָט זיך גיך דערהאָלט פון דעם קלאַפּ.

שוין נאָך דעם פאַנאַנדערפאַל פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל הויבן זיך אָן אָרגאַניזירן אַרבעטער פּאַרטייען, וואָס שטייען אויף דעם שטאַנד־פּונקט פון מאַרקס׳עס לערע. אַזעלכע פּאַרטייען האָבן זיך געגרינדעט אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, אין איטאַליע און אין אַ ריי אַנדערע לענדער.

אָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען באַציען זיך אויפמערקזאַם צו די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אויפ׳ן עקאָנאָמישן געביט, צו די טרייד יוניאָנס. אין די לענדער, וואו די טרייד־יוניאָן באַוועגונג האָט נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען, העלפן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַנט־וויקלען און באַפעסטיגן די דאָזיגע באַוועגונג.

אין די ניי־געגרינדעטע פּאַרטייען מערקט זיך אַ באַדייטנדיגער דראַנג צו אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניגונג. שוין אין 1876 ווערט געמאַכט דער

ערשטער פארזוך ווידער אויפצושטעלן דעם אינטערנאציאָנאַל. אָבער צו יענער צייט זיינען נאָך ניט רייף געוואָרן די נויטיגע באַדינגונגען: די נייע פּאַרטייען זיינען נאָך געווען שוואַך און די אַלטע ראַנגלערייען האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלעבט. אין 1881 איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּאַרזוך, וואָס האָט אויך ניט געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטן. אין 1886 פאַרזאַמלט זיך אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען און די קאָנפערענץ טרעט צו צו דער אָרגאַניזיר־אַרבעט אויף צענויפרופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל פאָרטזעצן די גרויסע אַרבעט, וואָס דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגעהויבן. אַזאַ צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין 1889, צום הונדערט־יאָריגן אָנדיינק פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פאַר דעם דאָזיגן צוזאַמענפאָר האָבן זיך געהערט געוואַגטע דערקלערונגען, אַז עס קומט אַ נייער 89טער יאָר, אַ יאָר פון אַן אַרבעטער רעוואָלוציע. אויף דעם צוזאַמענפאָר איז געבאָרן געוואָרן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל.

דער צוזאַמענפאָר איז דורכגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג. עס זיינען נאָך געווען לעבעדיג די ערינערונגען פון די העראָאישע טעג פון דער פּאַריזער קאָמונע, עס זיינען נאָך ניט אָפּגעווישט געוואָרן פון זכרון די אָנזאָגן פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. די ווערטער פון ווילהעלם ליבקנעכט אַז „דער איצטיגער צוזאַמענפאָר איז אַ באַשעפעניש פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל" האָבן געפונען אַ טיפן אָפּרוף. דער אַלטער ליבקנעכט האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט פאָראויסזען, אַז זיין זון, קאַרל ליבקנעכט, וועט מיט פערציג יאָר שפּעטער דערמאָרדעט ווערן פאַר זיין געטריישאַפט צום אינטערנאַציאָנאַל און אַז דער מאָרד וועט באַגאַנגען ווערן מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דער אַלטער ליבקנעכט האָט פאָרטראָטן אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר.

אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל טאַקע אַרויסגעטראָטן ווי אַן אויסגעהאַלטענער קעמפער פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין דעם מאָמענט ווען ס'האָט זיך שוין אָנגעמערקט דער נייער וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן שוין אָנגעהויבן אַוועקצושטעלן הויכע ווענט ביי זייערע גרעניצן און האָבן שוין צענויפגעטריבן ריזיגע אַרמייען. די אַנטוויקלונג פון מיליטאַריזם און סאָלדאַטשינע איז אָנגעגאַנגען מיט מורא'דיגער שנעלקייט. ס'האָבן זיך שוין געלאָזט מערקן די כחות, וואָס גרייטן צו די צוקונפטיגע אַלוועלטלעכע שחיטה.

און אין דער דאָזיגער סביבה האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל פּראָקלאַמירט דעם ערשטן מאַי ווי אַ יום־טוב פון ברידערלעכקייט צווישן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט. מיט דער דערקלערונג פון דעם דאָזיגן יום־טוב האָט זיך אַרויסגעוויזן דער הויכער גייסט פון דעם אַרבעטער־קלאַס. יום־טובים איז בכלל פאַראַן אַ סך, אָבער ווערן געוויינטלעך פּראָקלאַמירט נאָך דעם זיג. דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציגער קלאַס אין

דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס האָט דערקלערט זיין יום־טוב אין א צייט ווען דער געגנער־קלאַס האָט אים געשטיקט. שטאַרק מיט דער זיכערקייט אין דעם קומענדיגן זיג, האָט ער, א פאַרקאָווטער אין קייטן, שטאָלץ פּראָקלאַמירט דעם יום־טוב פון דער צוקונפטיגער ברידערלעכקייט פון אלע פעלקער.

די ערשטע צייט פון זיין עקזיסטענץ איז דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט די אָפּקלאַנגען פון די קאַמפן, וואָס האָבן צעריסן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער די ריזיגע ארבעט, וואָס דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפגעטאָן, און ספּעציעל דער אידייאישער קאַמף פון מאַרקס און ענגעלס, איז ניט געווען אומזיסט. דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך איינגעגעבן גרינג צו ספּראַווען זיך מיט די רעשטלעך פון די אַנאַרכיסטישע גרופּן און זיך פעסט אוועקשטעלן אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון אנערקענען דעם פּאָליטישן קאַמף ווי א מיטל פאַר דער באַפרייאונג פון דעם ארבעטער־קלאַס.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך שאַרף אונטערשיידט פון דעם ערשטן. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט באמת געשטרעבט צו פאַראייניגן און אָנפירן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געשטעלט מער באשיידענע אויפ־גאַבן. ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פאַראייניגונג פון גאַנץ זעלב־שטענדיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געבונדן איינע צו דער אנדערער בלויז דורך דער אנערקענונג פון איינציגע אַלגעמיינע פּרינציפּן. אין דער טאָג־טעגלעכער ארבעט איז יעדע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי געווען זעלב־שטענדיג און דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ניט געמישט אין אירע טעטיגקייטן. אונטער אזוינע אומשטענדן קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זיין קיין רייד וועגן אן אמת׳ער איינינקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג. די ארבעטער־פּאַרטייען זיינען וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מלוכה־פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען פאַר־טאָן אין די לאָקאַלע באַדינגונגען פון זייער קאַמף א סך מער ווי מיט די אינטערעסן פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַס־שטאַב.

אין דעם זין פון אינטערנאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל געווען א לויזע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פּאַקטיש ניט געהאַט קיין שום מאַכט צו באַווירקן די האַנדלונגען פון די באַזונדערע פּאַרטייען. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשטרעבט צו פאַראייניגן די אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער־באַוועגונג און צו פירן זי. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געשטעלט מער באשיידענע און באַגרעניצטע אויפגאַבן.

ס׳איז אמת, אז די צוזאַמענפאָרן פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן באַטאָנט די וויכטיגקייט פון קאַמף נעגן מיליטאַריזם דורך דעם אַרויסטריט פון גאַנצן ארבעטער־קלאַס.

מיט'ן קאמף געגן מיליטאריזם איז ספּעציעל געווען באַשעפטיגט דער שטוטגאַרטער צוזאַמענפאָר אין 1907 און דער באַזעלער צוזאַמענפאָר אין 1912. נאָר די דאָזיגע צוזאַמענפאָרן זיינען ווייטער פון רעזאָלוציעס ניט געגאַנגען. מיט'ן קאַמף גופא וואָס די פאַרשיידענע פּאַרטייען האָבן גע־פירט, האָבן די צוזאַמענפאָרן ניט אָנגעפירט. די טעטיגקייט פון די פּאַר־טייען איז געגאַנגען אויף גאָר אַנ'אַנדער וועג. די פּאַרטייען האָבן זיך פאַר־נומען הויפּטזעכלעך, אויב ניט אויסשליסלעך, מיט פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט. און זיי זיינען וואָס ווייטער אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַפּאַראַט פון דער בורזשואַזער מלוכה.

פאָרמעל האָבן מערסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אָנגעהאַלטן מאַרקס'עס לערע. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן אַז מאַרקס'עס לערע אַנטהאַלט צוויי פאַרשיידענע טיילן. מאַרקס איז אַ גרויסער געלערנטער, וואָס האָט אַנטדעקט אַלגעמיינע געזעצן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דעם גאַנצן כח פון זיין געני האָט מאַרקס אָנגעווענדעט אויף אויפצודעקן די טיפע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. די דאָזיגע אויפדעקונגען זיינען אומשטערבלעך אין זייער וויכטיגקייט. די ביטערסטע שונאים פון די אַרבעטער קאָנען ניט פאַרבייגיין די דאָזיגע לערע וועגן די ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם. פאַר די פּראָלעטאַריער איז אָבער וויכטיג ניט בלויז דער דאָזיגער טייל פון דער לערע. מיר ווייסן שוין אַז מאַרקס אַליין האָט צוגעגעבן אַן אויסערגעוויינטלעך - וויכטיגע באַדייטונג דער אידייע פון דער דיקטאַטור פון אַרבעטער־קלאַס. מאַרקס'עס לערע איז געוואָרן דער לייכט־טורעם פאַר אַלע אונטערדריקטע און באַרויבטע גראַד דערפאַר, וואָס זי איז דורכגעדרונגען מיט די ליידן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן און מיט דעם זיגערישן שעפערישן ווילן פון דעם אַרבעטערקלאַס.

אין דער אַטמאָספער פון פּאַרלאַמענטאַרישער פּאָליטיק האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון מאַרקס'עס לערע ביסלעכווייז אויסגעוועפּט. עס איז אפילו אַנטוויקלט געוואָרן אַ פאַרלאַנג צו „רעווידירן" די „מער געפערלעכע", ד. ה. די מער רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען אין מאַרקס'עס לערע כדי זיי צו מאַכן „ווייכער" און זיי צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון פרידלעכן, סטאַטעטשנעם פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. אַזעלכע פּאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן כמעט גלייכצייטיג אין פראַנקרייך און אין דייטש־לאַנד. אין פראַנקרייך איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו קאָרעגירן מאַרקס'ן און דערלויבן אַז סאָציאַליסטן זאָלן זיך באַטייליגן אין דער בור־זשואַזער רעגירונג. מילעראַן, דעמאָלט אַ מיטגליד פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז אַריינגעטראָטן אין בורזשואַזן מיניסטעריום. אין דייטשלאַנד איז דער פאַרזוך געמאַכט געוואָרן צו רעווידירן טעאָרעטיש די פראַגע וועגן רעוואָלוציע און אירע פאָר־באַדינגונגען. די רעוויזיע האָט אָנגעהויבן אַן אָנגעזעענער טעאָרעטיקער פון דער דייטשער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי, עדוואַרד בערנשטיין.

ארום דער פראגע פון רעוויזיע האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטאַרקער קאַמף, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דעם אַמסטערדאַמער צוזאַמענ־פאָר אין יאָר 1904. זשאָרעס, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיגן מילעראַנ׳ען, האָט געוואָרפן די באַמערקונג אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע, מיט וועלכער די מאַרקסיסטן שטעלצירן אַזוי, שטעלט מיט זיך פאָר „אָרגאַניזירטע מאַכטלאָזיגקייט". זשאָרעס האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ טעות אין דער מילעראַן־פראַגע. זשאָרעס האָט דעמאָלט ניט פאַרדעכטיגט, אַז מיט אַריינגעמען סאָציאַליסטן אין זייער רעגירונג מאַכן די קאַפּיטאַליסטן אַ פלינקן שאַך־צוג, וואָס איז אויסגערעכנט צו צערייסן און אָפּשוואַכן די אַרבעטער־באַוועגונג. זשאָרעס האָט אויך ניט פאַר־שטאַנען, אַז מילעראַן איז אַ טיפּישער פאַררעטער, וואָס דראַפּעט זיך צו מאַכט איבער די רוקנס פון די אַרבעטער. ער איז אָבער געווען גערעכט בנוגע דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער איז געווען מער גערעכט ווי ער האָט אַליין געדיינקט. ניט בלויז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר אַלע פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן מיט זיך פאָרגע־שטעלט אָרגאַניזירטע מאַכטלאָזיגקייט.

אין אַמסטערדאַם האָבן געזיגט די מאַרקסיסטן. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אויסערלעכער זיג. אין דער רעזאָלוציע, וואָס האָט געטאַדלט מילעראַנ׳ען, איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע באַק־ציינער. אין דער זעלביגער רעזאָלוציע איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן דער געדאַנק, אַז אַ סאָ־ציאַליסט מעג ווערן אַ בורזשואַזער מיניסטער אין די אינטערעסן פון פאַר־טיידיגן דאָס פאָטערלאַנד! פאַרגעסן זיינען געוואָרן מאַרקס׳עס שטאָלצע און וואָרנענדיגע ווערטער, אַז דער פּראָלעטאַריער האָט ניט קיין פאָטער־לאַנד, אַז ער קאָן פאַרלירן בלויז זיינע קייטן. די באַזיגטע פּשרה־מאַכער האָבן געקאָנט מיט זיכערקייט זאָגן צו זייערע זיגער: נאָך אַזאַ זיג און איר זענט אינגאַנצן פאַרלאָרן.

די אַרבעט פון „רעווידירן" מאַרקס׳ן איז אָנגעגאַנגען. אין 1876 האָבן נאָך די דייטשע סאָציאַליסטן פאַרשטאַנען אַז „די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס) זיינען ניט בכח ערנסט און אויף אַ באַדייטנדער צייט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס". מיט דרייסיג יאָר שפּעטער האָבן זיי שוין אָנגעהויבן צווייפלען וועגן דעם. ניט באַמערקנדיג, אַז מיט יעדער אויסערלעכער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס שטייגט דער יקרות, האָבן זיי אַלץ געהאַלטן אין טענה׳ען, אַז דער אַרבע־טער־קלאַס קאָן פאַרבעסערן זיין לאַגע דורך די יוניאָנס אַזוי גוט ווי דורך גינסטיגער געזעצגעבונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, און אַז דע־ריבער מוז זיך דער אַרבעטער־קלאַס היטן פון רעוואָלוציע, אין וועלכער ער קאָן פאַרלירן עפּעס אַ חוץ זיינע קייטן.

די „מער געוואַגטע" קריטיקער האָבן זיך דערדערט ביז צום סוף. זיי האָבן אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די אידייע פון רעוואָלוציע און האָבן געפּריי־

דיגט טײלװײזע רעפֿאָרמען. זײ האָבן ניט געקעמפֿט געגן דער קאָלאָני־ אַלער דעראָבערונג־ און רױב־פּאָליטיק פֿון זײערע רעגירונגען. די מער שרעקעדיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך כלומר׳שט אָנגעהאַלטן אָן מאַרקס׳עס װערטער, אָבער אין דער פּראַקטיק האָבן זײ געהאַנדלט צוזאַמען מיט די אָפֿענע רעפֿאָרמיסטן און פּשרה־מאַכער.

באַזונדער אינטערעסאַנט איז דער שטוטגאַרטער צוזאַמענפֿאָר פֿון 1907. אױף יענעם צוזאַמענפֿאָר איז אַװעקגעשטעלט געװאָרן די פֿראַגע װעגן קאָלאָניעס. דאָס איז געװען די צײט װען די קאַפּיטאַליסטישע רע־ גירונגען האָבן מיט בלוט און אײַזן געבױט נײַע אימפּעריעס און געטײלט צװישן זיך די „פֿרײַע" טעריטאָריעס. און ס׳האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען פֿון די רײַכסטע, ד. ה. רױבערישסטע מלוכות, האָבן שטאַרק מורא געהאַט אַרױסצוטרעטן מיט אַ צו שאַרפֿער קריטיק געגן קאָלאָניאַלער רױבערײַ. דער סם פֿון אימפּעריאַליזם האָט שױן באַ־ װיזן אַרײַנצודרינגען אין די פֿירנדע קרײַזן פֿון די גרעסערע סאָציאַליס־ טישע פּאַרטײען פֿון צװײטן אינטערנאַציאָנאַל.

די פֿיערלעכע צוזאַמענפֿאָרן פֿון צװײטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן בלױז אין אַ קלײנער מאָס אָפּגעשפּיגלט דעם באַרג־אַרונטער, איבער װעלכן עס האָבן זיך געקײַקלט די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען פֿון די אימפּעריאַליס־ טישע לענדער. די ירידה פֿון די דאָזיגע פּאַרטײען האָט זיך אַרױסגעװיזן שאַרפֿער און העלער ניט אין די רעדעס און רעזאָלוציעס אויף די צוזאַמענ־ פֿאָרן, נאָר אין זײערע האַנדלונגען. נאָך דער „קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט" האָט אָנגעװיזן, אַז די מאַכט פֿון די קאָמוניסטן באַשטײט אין דעם, װאָס זײ באַהאַלטן ניט זײערע אידײען און ציִלן און גרײטן זיך אָפֿן אַרונטער־ צעװאַרפֿן מיט גװאַלט די הערשנדע אָרדנונג. גראַד דאָס האָבן פֿאַרגעסן און באַהאַלטן די מערסטע פּאַרטײען פֿון צװײטן אינטערנאַציאָנאַל.

דער העלער פֿלאַקער פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע אין 1095 האָט אַרױסגערופֿן אַ היבשע אױפֿלעבונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס אין אײראָפּע. ראָזאַ לוקסעמבורג דערצײלט, אַז צום אָנהױב פֿון יאָר 1905, װען אין פּעטערבורג האָט אַ קנאַל־געטאָן דער ערשטער דונער, האָט זיך אין די רײען פֿון די דײַטשישע סאָציאַליסטן אָנגעהױבן אַן אױפֿלעבונג. דער ערשטער רעזולטאַט פֿון אַזאַ אױפֿלעבונג איז געװען די רעזאָלוציע װאָס איז אָנגענומען געװאָרן אויף דעם יענאַ־צוזאַמענפֿאָר פֿון די דײַטשע סאָ־ ציאַליסטן װעגן דעם, אַז דער גענעראַל־סטרײַק דאַרף באַנוצט װערן װי אַ מיטל פֿון פּאָליטישן קאַמף פֿון אַרבעטער־קלאַס. די לינקע גרופּן פֿון די דײַטשע סאָציאַליסטן האָבן אויך פֿריער געזוכט צו ריכטן די אױפֿמערק־ זאַמקײט פֿון דער פּאַרטײ אױף דער זײַט פֿון אַקטיװן קאַמף. אָבער בלױז אונטער׳ן אײַנפֿלוס פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע האָבן זײ געקראָגן אַ מערהײט. די װײַטערדיגע אַנטװיקלונג פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע, ספּעציעל די אָקטאָבער און דעצעמבער־טעג פֿון 1905, װען די רוסישע אַרבעטער האָבן אָנגעהױבן גרינדן סאָװעטן און האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט

פאר'ן קאמף אויף באריקאדן כדי צו פארטיידיגן די רעוואלוציע,—דאס האט פארשטארקט דעם אויפריר ניט בלויז אין דייטשלאנד נאר אויך צווישן די ארבעטער־מאסן פון אנדערע לענדער.

אבער די רוסישע רעוואלוציע האט לאנג ניט געדויערט. זי האט זיך געענדיגט מיט א מפלה. דער אויפרודער וואס די רעוואלוציע האט ארויס־גערופן, האט זיך באלד איינגעשטילט. די אייראפייאישע סאציאליסטן האבן זיך אומגעקערט צו זייערע פארלאמענטארישע באשעפטיגונגען. אייניגע פון זיי, — די מער פארקאכטע קריטיקער פון דער רעוואלוציע האבן אפילו געפונען אין דער געשיכטע פון דעם יאר 1905 א באשטעטיגונג פאר זייערע קאמפראמיסלעכע מיינונגען.

צו דער זעלביגער צייט האבן די סאציאליסטישע פארטייען געהאלטן אין וואקסן און זיך אויסשפרייטן. דער קאפיטאליסטישער קלאס האט זיין גאנצע נשמה אריינגעלייגט אין אימפעריאליסטישע פלענער. די סאָ־ציאליסטישע פארטייען זיינען געווען די איינציגע וואס האבן אנגעהאלטן א בונד מיט די ברייטע פאלקס־מאסן. פאר זיי האבן געשטימט ניט בלויז די ארבעטער, נאר אויך קליינבירגערלעכע מאסן, וואס זיינען אלץ מער און מער אריינגעדרונגען אין די סאציאליסטישע פארטייען. דאס איז גאנץ פארשטענדלעך. די סאציאליסטישע פארטייען האבן שוין מער ניט געשראקן די קליינבירגער מיט דעם געשפענסט פון רעוואלוציע. די סאָ־ציאליסטן זיינען געווארן רעספעקטאבעלע און ארענטלעכע פאטריאטן, וואס האבן מיט'ן מויל אטאקירט די קאפיטאליסטן און פארטיידיגט די הארעפאשנע מאסן.

וואס מער „מיטלויפער" די סאציאליסטישע פארטייען האבן געקראגן פון די קלייבנבירגערלעכע שיכטן, אלץ שטארקער איז געווארן דער פליגל פון פשרה־מאכער. די געבאטן פון דער קאמונע זיינען אוועק אלץ ווײַ־טער אין דער פארגאנגענהייט. די דערמאנונג וועגן זיי האט געהאט א ווערט בלויז אויף אזוי פיל אויף וויפיל ס'האט געבונדן די רעוואלוציאנער־געשטימטע מאסן מיט די סאציאליסטישע פארטייען. די רעוואלוציאנערע פראזע האט געלעבט בשלום מיט דער קאמפראמיסלעכער טאקטיק. אינ־ווייניג אין די קאמפראמיסלעכע פארטייען זיינען אנגעגאנגען הייסע ויכוחים, וואס זיינען אפטמאל אפילו אריבערגעגאנגען אין ליידנשאפטלעכע קאנפליקטן. צווישן די רעוואלוציאנער־געשטימטע מאסן איז געוואקסן די אומצופרידנהייט מיט דער מאכטלאזער פשרה־מאכעריי פון די סאציא־ליסטישע פארטייען.

אבער די סאציאליסטיטע פארטייען זיינען שוין אויסגעוואקסן, גע־ווארן מעכטיגע ארגאניזאציעס, וואס זיינען געווען ענג פארבונדן מיט די בורזשואזע מלוכות. ס'איז געווארן אלץ שווערער זיי דורכצונעמען מיט רעוואלוציאנערער ווירקונג. דערצו נאך האבן די קאמפראמיסלעכע פאר־טייען זייער גוט געקאנט די קונסט פון באנוצן זיך מיט דער סאציאליס־

טישער פראַזע און דאָס האָט זיי געהאָלפן אָנהאַלטן זייער איינפלוס אויף די אַרבעטער־מאַסן.

די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג אין יענע לענדער, וואו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אן ערנסטע מאַכט, האָט אויסגעווירקט ערנסטע הנחות. די דאָזיגע הנחות זיינען געווען באַזונדער וויכטיג און גינסטיג פאַר די אויבערשטע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס, פאַר די בעסער־קוואַליפיצירטע און בעסער באַצאָלטע אַרבעטער, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם פונדאַמענט פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער. אין אַמעריקע איז די טיילונג פון אַרבעטער אויף שוואַרצע און ווייסע דורכגעפירט געוואָרן מיט אָפענעם ציניזם. כדי צו פאַרבאָטן דעם אַריינטריט פון די מער אונטערדריקטע אַרבעטער אין די יוניאָנס זיינען איינגעפירט געוואָרן אומגעהויער הויכע איינטריט־אָפּצאָלונגען. אין אייראָפּע האָבן די יוניאָנס זיך אָפּגעהאַלטן פון אַזוינע עקסטרעמע שריט. די מער „דעמאָקראַטישע" אויפפירונג פון די אייראָפּייאישע יוניאָנס האָט זיי אָבער ניט געשטערט צו אָריענטירן זיך הויפּטזעכלעך אויף די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע.

ווען אין ענגלאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן דער געזעץ וועגן א צען־שעה'דיגן אַרבעטס־טאָג, האָט מאַרקס דאָס באַצייכנט ווי א זיג פון א פּרינציפּ. דער זיג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קאַפּיטאַל איז געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון געוויסע „פרייהייטן" אויפ'ן געביט פון עקספּלואַטאַציע. אונטער'ן דרוק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז קאַפּיטאַל שפּעטער געווען געצוואונגען דורכצופירן א ריי געזעצן אויף צו באַשיצן די אַרבעטער, און פאַבריקאַנטן־פאַראיינען זיינען געווען געצוואונגען איינצוגיין אויף אָפּמאַכן מיט די אַרבעטער־יוניאָנס.

די דאָזיגע זיגן פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס וואָלטן געווען געקאָנט האָבן א ריזיגע באַדייטונג, ווען מען וואָלט זיי באַטראַכט ווי שטיץ־פונקטן פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר מאַכט. אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף די דאָזיגע טיילווייזע זיגן ווי אויף א ציל פאַר זיך, פאַרגעסנדיג אָן דעם ענד־ציל פון פּראָלעטאַרישן קאַמף—סאָציאַליזם. און די אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען געוואָרן אן אָרגאַנישער טייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס אין עסטן פאַל האָבן זיי געקעמפט פאַר באַזונדערע רעפאָרמען, פאַר באַזונדערע הנחות. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, אָרגאַניזירט אין מעכטיגע פאַראיינען, באַוואָפנט מיט א מעכטיגן מלוכה־אַפּאַראַט, באַשיצט דורך א וואַקסנדיגער אַרמיי, האָט געפונען מיטלען אויף נאָכצוגעבן דעם אויבערשטן שיכט פון אַרבעטער־קלאַס כדי זיך צו באַלוינען הונדערט מאָל אַזוי פיל דורך א הפקר'דיגער עקספּלואַטאַציע פון די אונטערשטע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען שטאַרק דערמיט, וואָס ער האָט ווירקלעך געהאַלטן אין פאַראייניגן דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר'ן קאַמף צו קריגן די מאַכט און אין נאָמען פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליס־טישן אידעאַל. זיין שוואַכע זייט איז אין דעם וואָס צו יענער צייט זיינען ניט געווען קיין פראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

אין דער עפּאָכע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זיינען אויסגעוואַקסן און זיך פאַרשטאַרקט גרויסע פראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. אָבער דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיי ניט געקאָנט פאַראייניגן און צעמענטירן זיי ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט. די סאָציאַליסטישע פאַרטייען וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַליסטיש בלויז אין נאָמען. אין דער אמת'ן זיינען זיי געוואָרן אַלץ מער און מער נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. דעם פלאַץ פון אינטערנאַציאָנאַלער פראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט האָבן פאַר־נומען די באַגערן און באַשטרעבונגען פון אימפּעריאַליזם. די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז אָפּגערוקט געוואָרן אין דער ווייטער, נעפּלדיגער צוקונפט, און איר פלאַץ האָבן פאַרנומען ברעקלעך פון דעם טיש פון די אימפּעריאַ־ליסטישע הערשער. פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס איז אויפגעשטאַנען א נייע אויפגאַבע—צו שאַפן א קעמפערישע אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט, אַריינגענומענדיג אין רעכענונג די דערפאַרונגען פון ערשטן און צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

13. די וועלט־מלחמה און דער צוזאַמענברוך פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל

דער אנהויב פון קאָלאָניאַלער אויסשפּרייטונג.—ווי אַזוי קאָלאָניעס זיינען באַהערשט גע־וואָרן.—ענגעלס וועגן „בורזשואַזן פראָלעטאַריאַט".—די קאָנקורענץ פון מלוכות פאַרנעמט דעם אָרט פון פריוואַטער קאָנקורענץ.—דער געוועט פון צווי כחות.—דער קריזיס.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען אפילו אייניגע קאַפּיטאַליסטן האָבן גע־דיינקט, אַז די קאָלאָניעס זיינען ווי שטיינער אויפ'ן האַלז פון דער מלוכה. דאָס איז געווען די צייט פון דער הערשאַפט פון פריוואַט קאַפּיטאַל, וואָס האָט נאָך גע'חלום'ט וועגן פרייען האַנדל און אַלוועלטלעכן שלום. די דאָ־זיגע יונגנט־חלומות זיינען פאַרגעסן געוואָרן ווען קאַפּיטאַל האָט באַטראָטן דעם וועג פון אימפּעריאַליסטישער אַנטוויקלונג. די מעכטיגע סינדיקאַטן פון פאַבריקאַנטן און באַנקירן האָבן געשטרעבט ניט צו פרייהייט, נאָר צו אומ־באַגרענעצטער הערשאַפט, דאָס הייסט, צו מאָנאָפּאָליע. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַנזיניגע יאַגעניש נאָך קאָלאָניעס.

לענין דערציילט אין זיין בוך וועגן אימפּעריאַליזם ווי אַזוי עס איז אויף דער גרעניץ פון 19טן און 20טן יאָרהונדערט „פאַרענדיגט" געוואָרן די איינטיילונג פון דער וועלט. פון 1876 ביז 1914 האָבן זיך די קאָלאָניאַלע טעריטאָריעס פאַרגרעסערט אויף מער ווי אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי פיל,—

40 מיליאָן סקווערע קילאָמעטערס אויף 65 מיליאָן. אָט דער ריזיגער שטח ערד איז געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון זעקס ריזיגע מלוכות—ענג־לאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פאַראייניגטע שטאַטן, יאַפּאַן און רוסלאַנד. דייטשלאַנד, די פאַראייניגטע שטאַטן און יאַפּאַן האָבן ביז 1876 ניט גע־האַט קיין קאָלאָניעס. די פרייע טעריטאָריעס זיינען, הייסט עס, פאַרכאַפּט געוואָרן אין דעם פּעריאָד ווען די עקאָנאָמישע מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע מאַגנאַטן.

כל זמן ס'איז אויפ'ן ערד־קויל נאָך געווען „פריי", ד. ה. נאָך ניט־פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס, וואו די באַפעלקערונג האָט געלעבט פריי און גע־אַרבעט פאַר זיך, איז דער פּראָצעס פון פאַרכאַפּן די קאָלאָניעס פאָרגעקו־מען אויף אַ „פרידלעכן" אופן. די פאַרכאַפּער איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף בלויז מיט יענע פעלקער, וועמען זיי האָבן געזוכט צו פאַרוואַנדלען אין שקלאַפן. צווישן די אימפּעריאַליסטישע רויבער איז כמעט ניט פאָרגע־קומען קיין בלוטיגע צוזאַמענשטויסן וועגן די קאָלאָניעס. יעדע גרויס־מאַכט האָט אויף איר שטייגער פאַרגרעסערעט אירע קאָלאָניאַלע געביטן, ביז דער ערד־קויל איז געוואָרן אינגאַנצן איינגעטיילט.

די אויסשפּרייטונג און קאָנסאָלידאַציע פון די קאָלאָניאַלע טעריטאָריעס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט די גרויזאַמסטע מיטלען. אָט איז אַ באַשרייבונג פון די ערשטע שריט פון סעסיל ראָדס, אַ פאַרטרעטער פון דער רויבישער ענגלאַנד, בעת ער האָט איינגענומען ראָדעזיע, אין דרום־אַפריקע. קודם־כל האָט ער אין דער פאַרכאַפּטער געגנט איינגעפירט שקלאַפעריי. אָט־די „רע־פאָרם" האָט געפירט צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון דער גאַנצער אָרטי־גער באַפעלקערונג. די „ציוויליזירטע" ענגלאַנד, באַוואָפנט מיט מאָדערנע פאַרניכטונגס־מיטלען, האָט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן זיך אָפּגערעכנט מיט די רעבעלן. די געשיכטע דערציילט, אַז נאָך דעם אויפשטאַנד זיינען אַזוי פיל רעבעלן אויפגעהאַנגען געוואָרן, אַז די ביימער האָבן זיך געבויגן אונ־טער דער משא. אַזוי האָבן די גרויסע מלוכות געוועלטיגט אין זייערע קאָלאָניעס.

שוין דערמיט אַליין וואָס עס זיינען געשאַפן געוואָרן אָקציאָנערן־גע־זעלשאַפטן איז געשאַפן געוואָרן אַ באָדן פאַר אַ גרעסערער צאָל מענטשן וואָס האָבן געמאַכט ריזיגע פּראָפיטן פון שערן קופּאָנען. מיט דער אויס־שפּרייטונג פון דעראַבערישער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק זיינען די מאַגנאַטן גע־וואָרן ליידיג־גייער, פּאַראַזיטן, וואָס האָבן געלעבט אין וואוילטאָג אויפ'ן חשבון פון די פאַרשקלאַפטע קאָלאָניעס.

פאַר דעם פולשטענדיגן טריאומף פון אָט־דעם פּאַראַזיטיזם איז פאַר'ן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס געווען נויטיג צו שאַפן אין דעם אַרבעטער־קלאַס אַן אויבערשטן שיכט כדי אים דערנאָך אָפּצושפּאַלטן פון דער ברייטער האַ־רעפּאַשנער מאַסע. די דאָזיגע שטרעבונג פון די שקלאַפן־אייגנטימער האָט ענגעלס באַמערקט נאָך דעמאָלט, ווען זי האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן

ווייזן. אין 1885 האָט ענגעלס געשריבן מאַרקס'ן, אַז ענגלאַנד, די סאַמע בורזשואַזע פון אַלע נאַציעס — צו יענער צייט איז זי געווען די רייכסטע אייגנטימערין פון קאָלאָניעס, — שטרעבט דערצו אַז זייט ביי זייט מיט דער בורזשואַזיע זאָל זיך אַנטוויקלען אַ „בורזשואַזער פּראָלעטאַריאַט", דאָס הייסט, אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז צוגעבונדן צו זיינע עקספּלואַטאַטאָרס. שפּעטער, אין יאָר 1881, האָט ענגעלס שוין געשריבן וועגן דעם, אַז אין ענגלאַנד איז פאַראַן אַ צאָל יוניאָנס, וואָס דערלויבן אַז מענטשן, אויף געהאַלט ביי דער בורזשואַזיע, זאָל פירן זייער פּאָליטיק. ווען אַלע אַנדערע מלוכות האָבן זיך פאַרנומען אויפ'ן וועג פון קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו פאַרדאַרבן דעם אַרבעטער־קלאַס אין זייערע לענדער.

מיט דער הילף פון די מעכטיגע סינדיקאַטן און קאָרפּאָראַציעס האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געשאַפן מאָנאָפּאָליעס, באַזייטיגט קאָנקורענץ און דערמיט געהויבן די פּראָפיטן. דורך שווינדל און קאָרופּציע האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס זיך געקויפט אינערלעכע רו דערמיט וואָס ער האָט צעשפּאָלטן דעם אַרבעטער־קלאַס און פאַרדאַרבן די אויבערשטע שיכטן זיינע. מיט דער הילף פון ריזיגע אַרמייען האָט ער איינגענומען אַלע פרייע לענדער. אַ דאַנק זיינע דעראָבערונגען און דערפינדונגען האָט ער געקראָגן די מעגלעכקייט צו פירן אַ פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ. ס'איז בלויז געבליבן צו פאַראייניקן אַלע סינדיקאַטן פון באַנקירן און פאַבריקאַנטן אין איין פאַרבאַנד, וואָס זאָל הערשן אומבאַגרענעצט און קאָנטראָלירן די גאַנצע וועלט.

די דאָזיגע אויפגאַבע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איבער די כחות פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. צווישן פאַרשיידענע סינדיקאַטן, קאָרפּאָראַציעס און טראָסטס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף וועגן דער אויבערהערשאַפט איבער אַלע איבעריגע, וועגן דער פּאָזיציע פון אַבסאָלוטן קאָנטראָל איבער דער וועלט. דאָס אָרט פון קאָנקורענץ צווישן איינצעלנע פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן האָט פאַרנומען דער באַוואָפנטער קאַמף צווישן מלוכות. די יאָנעניש נאָך קאָלאָניעס האָט פאַרגרעסערט די באַוואָפנונגען. אַלע פאַרזוכן איינצושטעלן אַ פּערמאַנענטע וועלט־צעטיילונג, איינטיילן דעם ערד־קוגל אַף באַשטימטע „ווירקונג־ספערן", דאָס הייסט, אויף געוויסע, אָפּגעצאַמטע, רויב־פעלדער, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט — נייע מלחמות. די קאָנקורענץ געשטיצט אויף באַוואָפנטע אַרמייען, האָט פּונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך געפירט צו מלחמות, ווי די אַלטע קאָנקורענץ צווישן פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן האָט געפירט צו קריזיסן.

מיט דעם אָנהויב פון אימפּעריאַליזם האָט דער געשפּענסט פון אַן אַלוועלטלעכער מלחמה אָנגעהויבן שלייכן איבער אַלע לענדער. זשאָרעס האָט אויפ'ן שוועל פון 20טן יאָרהונדערט גערעדט וועגן דעם האַסטיגן וועלט־לויף פון צוויי כחות: אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט און אינטערנאַ-

ציאָנאַלע פאַרניכטונג. דער 20־טער יאָרהונדערט האָט לויט זשאָרעס'ס מיינונג, געדאַרפט אַנטשיידן, וועלכער פון די צוויי כחות וועט געווינען.

די ערשטע אַנטשיידונג איז געקומען אין 1914.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך דעמאָלט געגרייט צום צוזאַמענפאָר פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דער דאָזיגער צוזאַמענפאָר האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריזיגן טריאומף פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט, ווייל אין 1914 איז געוואָרן פופציק יאָר זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל און 25 יאָר — זינט דער גרינדונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. און ווען די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן זיינען געווען גרייט אָפּצופאָרן — איינציגע פון זיי זיינען שוין געהאַט אַרויסגעפאָרן, — צום אַלגעמיינעם יום־טוב, האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

די מלחמה האָט מיט אַ העלן פייער באַלויכטן די אינערלעכע מאַכטלאָזיגקייט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אין אַן אויגנבליק זיינען פאַרברענט געוואָרן די אַלע פעדים, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַראייניקן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער פאַר'ן קאַמף געגן מלחמה. אויף דעם אָרט פון די דאָזיגע פעדים זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן טיפע טראַנשייען. די אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון רויבערישע באַנקירן און פאַבריקאַנטן, די פאַראיינען פון פאַראַזיטן און שקלאַפן־אייגנטימער, די פאַראיינען פון טויט און פאַרניכטונג, די פאַראיינען פון קוילן און אייזן-באַראָנען האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך אַלע פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, מיט דער אויסנאַם פון רוסלאַנד, סערביע און דערנאָך איטאַליע, געשטעלט אויף דער זייט פון זייערע רעגירונגען. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט איבערגעגעבן אירע פאָנען צום קייזער, די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן — צו זייערע רעפּובליקאַנער רעגירער, און אַזוי אין אַלע לענדער. די פאָנען פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָבן געדאַרפט דינען ווי סימבאָלן פון אייניגקייט אין גרויסן קאַמף געגן דער מלחמה, וואָס די אימפּעריאַליסטן האָבן פאַרקאָכט, זיינען אַוועקגעגעבן געוואָרן אויף צו הייליגן דעם טריאומף פון אַלוועלטלעכע רויבער.

אַמאָליגע יאָרן, אין דער סאַמע פינצטערער עפּאָכע פון שקלאַפעריי, האָבן די רוימישע אימפּעריאַליסטן ליב געהאַט צו זיצן אין זייערע לאָזשעס און הנאה האָבן פון דעם ספּעקטאַקל, ווען די גלאַדיאַטאָרן קעמפן צווישן זיך און פליסן זיך אומברייננגען איינער דעם צווייטן. אין 1914 איז גאַנץ אייראָפּע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון אַ ריזיגן צירק. אין די לאָזשעס זיינען געזעסן די באַנקירן פון דער גאַנצער וועלט און הנאה געהאַט דערפון ווי מיליאָנען גלאַדיאַטאָרן, אַרבעטער און פּויערים, ברייננגען אום איינע די אַנדערע מיט דער הילף פון מאָדערנע פאַרניכטונגס־געצייג. באַזונדער האָבן זיי הנאה געהאַט קוקנדיג אויף די רויטע פאָנען פון דעם צוויי־

טען אינטערנאציאָנאַל, וועלכע האָבן געפּלאַטערט איבער די מאָדערנע שקלאַפן.

אין דער מלחמה האָבן זיך געראַנגלט צוויי באַנדעס רויבער. אויף איין זייט — ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און בעלגיע, און אויף דער אַנדער — דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן און טערקיי. וואָס לענגער די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, אַלץ נייע לענדער האָט זיך אַרומגעכאַפּט, ביז ס'איז געוואָרן אַן אַלוועלטלעכע שרפה. אין דער דאָזיגער שרפה זיינען פאַרברענט געוואָרן מיליאָנען נפשות, און בלויז קליינע גרופּן רויבער אין יעדן לאַנד האָבן זיך געוואַרעמט ביים וועלט־פייער.

פאַר אָט־די גרופּן רויבער איז די וועלט־מלחמה געווען אַן אמת'ער טריאומף. די גאַנצע אינדוסטריע איז אונטערוואַרפן געוואָרן די באַדערפעניש און צילן פון דער מלחמה. די קוילן און אייזן־באַראָנען האָבן געקראָגן א קונה וועגן וועלכן זיי האָבן גאָר ניט געוואַגט צו טרוימען. פונקט ווי א קריזיס, האָט די מלחמה פאַרניכטעט ניט בלויז די שוין־באַשאַפענע פּראָדוקטן, נאָר אויך די פּראָדוציר־כחות. און די מלחמה האָט דאָס געטאָן שנעלער און שטאַרקער מיט איר טאָג־טעגלעכער פאַרניכטונג, איידער די קריזיסן, וואָס פלעגן אַמאָל קומען אומגעפער יעדע 10 יאָר. דערצו נאָך האָבן די באַלעבאַטים פון די קעמפנדע צדדים געהאָפט, אז די מלחמה וועט מאכן א תל פון די געגנער און ס'וועט מעגלעך ווערן אויף דאָס ניי איינטיילן דעם ערד־קוגל און זיך נעמען דעם בעסטן חלק.

די מלחמה איז אָנגעגאַנגען. מיליאָנען מענטשן זיינען אומגעקומען. פעלדער זיינען באַדעקט געוואָרן מיט טויטע ביינער. ימים זיינען רויט געוואָרן פון מענטשלעך בלוט. און קאַפּיטאַל האָט געקוקט אויף אָט־דער שחיטה ווי אויף א מיטל צו פאַרגרעסערן זיין מאכט.

אָבער די מעכטיגע רויבער האָבן געהאַט א טעות אין זייער חשבון. ביז דער מלחמה איז מעגלעך געווען צו לויבן און באַזינגען דעם אימפּעריאַליזם. די מלחמה האָט געוויזן בעסער ווי יעדע קריטיק. זי האָט אויפגעדעקט די גאַנצע פּוילקייט, די גאַנצע נידערטרעכטיגקייט פון דעם אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם. אומזיסט האָבן די קעמפנדע צדדים געזוכט צו פאַרדעקן זייערע רויבערישע מעשים מיט שיינע ווערטער וועגן גרויסע אידעאַלן. די אַלוועלטלעכע שחיטה האָט אויפגעדעקט דעם ליגן פון די דאָזיגע שיינע ווערטער. אין די טראַנשייען, אויף די ענדלאָזע שלאַכטפעלדער איז געוואַקסן די אומצופרידנהייט מיט די נייע אימפּעראַטאָרן, וואָס האָבן די גאַנצע מענטשהייט פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן.

אָנדערהאַלבן יאָר פאַר דער מלחמה האָט דער קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין באַזעל גאַנץ ריכטיג אָנגעוויזן, אז מלחמה שאַפט דעם באָדן פאַר דער פאַרניכטונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. נאָך פריער האָט זשאָרעס געוואָרנט די מאָדערנע הערשער, אז א וועלט־מלחמה וועט פירן צו א גראַנדיעזער קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט אומפאַרמיידלעך מוזן אָננעמען דעם כאַראַקטער פון א בלוטיגער רעוואָלוציע.

די מלחמה האָט באַרעכטיגט די דאָזיגע נביאות.

14. די גרויסע רוסישע רעוואלוציע

קאמפראמיסלער אין די סאוועטן ווילן איינשפאנען רוסישע רעוואלוציע אין אימפעריאליסטישן רייטוואגן.—באלשעוויקעס זיינען אין מינאריטעט, אבער דער גאנג פון דער געשיכטע איז מיט זיי.—דער צווייטער צוזאמענפאר פון די סאוועטן באשטעטיגט די סאוועטן־מאכט.—אונטערשייד צווישן פאריזער קאמונע און באלשעוויסטישער רעוואלוציע.—געהיימע אפמאכן דעקן אויף אמת'ע צילן פון דער מלחמה.—שלום־אויפרוף צו אלע לענדער.—דייטשלאנד צווינגט ארויף רויבערישן שלום־אפמאך אויף סאוועטישער רעפובליק.—קאנטער־רעוואלוציע ארגאניזירט אויף אלע זייטן.—רויטע ארמיי געשאפן אין ברען פון קאמף.—קאפיטאליסטן קענען ניט צווינגען זייערע מאסן צו אקטיוון קאמף געגן דער סאוועטישער מלוכה.—די סאוועטישע קאנסטיטוציע גאראנטירט אמת'ע פרייהייטן פאר די הארעפאשנע מאסן.—די יוני־טעג פון 1848, די פאריזער קאמונע און די באלשעוויסטישע רעוואלוציע.—דער בורזשואזער מלוכה־אפאראט איז געראטן אין דער בורזשואזיע.—ווי אזוי די בורזשואזיע נוצט אויס דעם פארלאמענט.—די אויפגאבן פון ארבעטער־פארטרעטער אין בורזשואזן פארלאמענט.

ווען עס הויבט אן איינפאלן א בנין ברעכן צוזאמען פריער די שוואכסטע טיילן. אין דעם גאנצן בנין פון קאפיטאליסטישער אונטערדריקונג איז די צארישע בורזשואז־פריצ'ישע רוסלאנד געווען דער פוילסטער טייל. זי האט די ערשטע צוזאמענגעבראכן און איז ארויסגעשטויסן געווארן פון די קאמפס־רייען, און די רוסישע ארבעטער און פויערים, וואס האבן געהאט א רייכע דערפארונג פון לאנגן און עקשנות'דיגן קאמף, האבן באוויזן אויסצונוצן דעם מאמענט כדי צו דערלאנגען א טויט־קלאפ דעם קאפיטאליסטישן קלאס און צו נעמען די מאכט אין די אייגענע הענט.

דעם 11טן מערץ 1917 איז אראפגעפאלן די קרוין פון דעם בלוטיגן קאפ פון ניקאלאי דעם צווייטן. הונדערטער יארן האט זיך געהאלטן די זעלבסט־הערשאפט, שפאנענדיג איבער הרוגים, דערשטיקנדיג די ווידערשפעניגע. אויף דער דאזיגער מאכט האבן זיך אנגעשפארט די רעאקציאנערן פון דער גאנצער וועלט. נאך אויפ'ן ערשטן צוזאמענפאר פון צווייטן אינטערנאציאנאל האט פלעכאנאוו, דער גרינדער פון דער רוסישער סאציאליסטישער פארטיי, געזאגט, אז „די רוסישע צארן זיינען געווען די געקרוינטע זשאנדארן וואס האבן עס באטראכט פאר זייער הייליגער פליכט צו פארטיידיגן און שטיצן די אייראפייאישע רעאקציע פון פרייסן ביז איטאליע און שפאניע". פלעכאנאוו האט פאראויסגעזאגט, אז „דאס פאלן פון רוסישן אבסאלוטיזם וועט זיין א טריאומף פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג איבער גאנץ אייראפע".

די רוסישע רעוואלוציע איז ארויסגעוואקסן דירעקט פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה. די גאנצע וועלט איז געווען שכור פון בלוט. די אנפירער פון די סאציאליסטישע פארטייען האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו זייער ראל פון לאקייען פון די אימפעריאליסטישע הערשער. ד רוסישע רעוואלוציע האט דערשראקן די אנפירער פון די סאציאל־קאמפראמיסלעכע פארטייען אין די לענדער, וואס האבן געקעמפט געגן דייטשלאנד. די סאציאל־אימפעריאליסטן, דאס הייסט, סאציאליסטן מיט'ן מויל און אימפעריאליסטן אין זייערע מעשים, האבן דערשפירט, אז די זיגרייכע רוסישע רעוואלוציע וועט ארויסטרעטן געגן דער מלחמה און וועט אויף אן אמת'ן קעמפ עס זאל איינגעשטעלט ווערן שלום צווישן אלע פעלקער. פון אלע

לענדער וואָס האָבן געקעמפט געגן דייטשלאַנד, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין רוסלאַנד דורכגעטריבענע „סאָציאַליסטישע" שיין־רעדנער, וואָס האָבן געזוכט אוועקצושטעלן די רוסישע רעוואָלוציע אין דער דינסט פון זייערע לענדער.

אין דער נאַכט פון 11טן און 12טן מערץ איז געגרינדעט געוואָרן דער סאָוועט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. די אַרבעטער־סאָוועטן זיינען געבאָרן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע אין 1905. די אַרבעטער־מאַסן האָבן שוין דעמאָלט גערופן די סאָוועטן—אַרבעטער־רעגירונג. דער פאַקט, וואָס דער אַרבעטער־סאָוועט איז געגרינדעט געוואָרן דעם ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע, האָט אַזוי ווי פאָראויסגעזאָגט די ראָל, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען באַרופן צו שפּילן אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן.

נאָכדעם ווי די זעלבסט־הערשאַפט איז געפאַלן, איז די מאַכט אַריבער אין די הענט פון בורזשואַזע פּאַרטייען, וואָס האָבן געשוואָרן צו דערפירן די מלחמה צו אַ זיגערישן סוף. אָבער זייט ביי זייט מיט דער בורזשואַזער רעגירונג האָט שוין עקזיסטירט דער אַרבעטער־סאָוועט.

אַ גערדיכטע נעץ אַרבעטער־סאָוועטן האָט באַדעקט דאָס גאַנצע לאַנד. עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן סאָלדאַטישע און פּויערשע סאָוועטן. צווישן אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָוועטן האָבן די אַרבעטער־סאָוועטן געשפּילט די באַשטימענדע ראָל.

אין די סאָוועטן פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געגרינדעט באַלד נאָכ'ן צוזאַמענברוך פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, האָבן צוערשט געהאַט די פירענדע דעה די סאָציאַליסטן־קאָמפּראָמיסלער, וואָס האָבן געזוכט דורכצופירן די פּאָליטיק פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומגינסטיגן באָדן פאַר'ן דערפאָלג פון אימפּעריאַליזם בכלל און סאָציאַל־אימפּעריאַליזם בפרט. דער רוסישער אימפּעריאַליזם איז געווען צו שוואַך און נעבאַכדיג אויף צו פאַרדאַרבן דעם אויבערשטן שיכט פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס, און דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס איז בכלל ניט געווען אויפגעהאָדעוועט אויף פּאַרלאַמענטאַרישע שפּיצלאַך. אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן זיך דורכצוברעכן אַ וועג מיט'ן כח פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. זיין ערשטער אַרויסטריט — די רעוואָלוציע פון 1905 — האָט געצוואונגען אַ סך פון די צוקינפטיגע סאָציאַל־אימפּעריאַליסטן צו ריידן וועגן דעם, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיין דער פּראָלאָג צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס וועט אַריבער די רוסישע גרעניצן. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט נאָך דערצו געהאַט אַ פאַראייניגטע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט מאַרקס'עס לערע און מיט דעם זיגערישן ווילן פון דעם יונגן קלאַס, וואָס איז דער לעצטער אַריין אין דער פּראָלעטאַרישער משפחה, כדי דאָרט צו פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט.

מיר מיינען דאָ די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָט זיך נאָך דעם פאַרראַט פון דער אַלוועלט־

לעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פּאַרוואַנדלט אין דער רוסישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. די דאָזיגע פּאַרטיי האָט נאָך צום סוף פון פאָריגן יאָר־הונדערט זיך געשטעלט אויפ'ן וועג פון אנטשלאָסענעם קאַמף געגן יענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אונטער דער פאָן פון מאַרקס'עם לערע דורכגעפירט זייער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק. די דאָזיגע פּאַרטיי האָט, לויט בוכאַרינ'ס ריכטיגער באַמערקונג, „פאַרקערפּערט אין זיך אינגאַנצן די גרויסקייט און מעכטיגקייט פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, זיין העלדנטום, די קלאָרקייט פון זיין קלאַסן־פאַרשטאַנד, זיין טויטלעכע שנאה געגן קאַפּי־טאַל אין זיין מעכטיגן דראַנג צו באַשאַפן א נייע געזעלשאַפט".

צום אָנהויב פון דער רעוואָלוציע איז די דאָזיגע פּאַרטיי געווען אין דער מינדערהייט אין די סאָוועטן. אָבער דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט דער פּאַרטיי געהאָלפן שטייגן און פאַרנעמען דעם פירנדן אָרט. וואָס ווייטער די געשעענישן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, אַלץ מער זיינען די קאָמפּראָמיסלעכע סאָוועטן געווען געצוואונגען צו פאַרנעמען זיך אויפ'ן וועג פון פּאַרטיפן די רעוואָלוציע און איבערנעמען די מאַכט אין זייערע אייגענע הענט. די קאָמפּראָמיסלעכע סאָוועטן האָבן זיך געוועגרט. זיי זיינען אריינגעטראָטן אין א בונד מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען און אונטער דער פירערשאַפט פון די קאָמפּראָמיסלער געפּרואווט איינשפּאַנען די רוסישע רעוואָלוציע אין דעם רייטוואָגן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענער אָרגאַניזירטער קאַמף פאַר מאַכט אין די סאָוועטן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געוואַקסן און זיך געקרעפ־טיגט אין יענעם קאַמף. זי האָט אַרום זיך ענג פאַרזאַמלט ניט בלויז די רעוואָלוציאָנערע קאַדרען פון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך די ברייטע מאַסן סאָלדאַטן און פּויערים. זי האָט ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט די סאָ־ציאַליסטישע פאָנען—ניט ווי די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן און די רוסישע קאָמפּראָמיסלער—און האָט אויפגעדעקט די רויבערישע אינטערעסן אין דער מלחמה און די פאַררעטערישע ראָל פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטן.

דער קאַמף איז געווען א שווערער. נאָר ער איז פאָרגעקומען אין א רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספערע, ווען דער לאָקאָמאָטיוו פון געשיכטע, געטריבן פון דער מלחמה, האָט זיך געטראָגן מיט מורא'דיגער שנעלקייט. דער איינפלוס פון די באָלשעוויקעס איז געשטיגן. די אָנגעזעענע אויסלענדער, ראָסעל פון אַמעריקע, הענדערסאָן פון ענגלאַנד, וואַנדערוועלדע פון בעלגיע, אַלבערט טאָמאַ פון פראַנקרייך—זיינען ניט געווען בכח אָפּצושטעלן דעם וואוקס פון באָלשעוויזם, זיי האָבן ניט געקאַנט ראַטעווען די סאָציאַל־קאָמפּראָמיסלער פון אן אומפאַרמיידלעכן קראַך. די סאָציאַל־קאָמפּראָמיס־לער האָט אויך ניט געקאַנט ראַטעווען זייער פאַרזוך צו דערטרינקען די באָל־שעוויסטישע באַוועגונג אין דעם בלוט פון די פאָלקס־מאַסן.

דער אַרבעטער־קלאַס, געפירט פון א קאָמפּאַקטער און מעכטיגער פּאַר־טיי, האָט אָפן געשמידט זיין זיג און זיך געגרייט צו פאַרכאַפּן די מאַכט דורך א באוואָפנטן אויפשטאַנד.

דעם 7טן נאָוועמבער, 1917, איז אומגעוואָרפן געוואָרן די צייטווייליגע רעגירונג. דעם זעלביגן טאָג האָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן דערקלערט די סאָוועטן פאַר די פולמאַכטיגע מלוכה־אָרגאַנען.

שוין אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט פּלעכאַנאָוו פאָראויסגעזאָגט, אַז „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד וועט קאָנען טריאומפירן נאָר ווי א רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון אַרבעטער". זיינע ווערטער זיינען באַשטעטיגט געוואָרן אין דעם גרויסן טאָג ווען ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן די סאָוועטן־מאַכט. פּלעכאַנאָוו אַליין איז צו יענער צייט געווען אויף דער צווייטער זייט באַריקאַדן. ווי אַנדערע פירער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז ער געוואָרן א פּאַרטיידיגער פון דער פאַרברעכערישער אימפּעריאַליסטישער שחיטה. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גענוג שטאַרק אויף צו פאַרווירקלעכן דעם אָנזאָג פון דעם אַלטן פּלעכאַנאָוו און אים ניט נאָכגיין אין דעם אָפּגרונט, ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט'ן רוקן צו דער רעוואָלוציע.

ווען מיר פאַרגלייכן דעם 7טן נאָוועמבער 1917 מיט דעם 18טן מערץ 1871, זעען מיר דעם ריזיגן מהלך, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט דורכגעמאַכט פון דער פּאַריזער קאָמונע ביז דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

דעם 18טן מערץ איז די מאַכט אומדערוואַרטעט אַראָפּגעפאַלן אויף די פּלייצעס פון אַרבעטער־קלאַס. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך באַוואוסטזיניג געגרייט צו פאַרכאַפּן די מאַכט און האָט זיך גיך ספּראַוועט מיט דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט. די פּאַריזער קאָמונאַרן האָבן זיך אין די ערשטע טעג פולשטענדיג פאַרלאָרן. זיי האָבן ביי זיך אפילו ניט געקאָנט פועל'ן צו דערשלאָגן דעם באַזיגטן שונא. די רוסישע אַרבעטער, ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן זיי זיך באַלד גענומען צו באַפעסטיגן. די קאָמונאַרן האָבן אין די ערשטע טעג געזוכט צו פאַרשטענדיגן זיך מיט דער בורזשואזיע און האָבן פאַרלאָרן די איניציאַטיווע. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט ער זיך באַלד געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז די איבערגאַנגס־צייט אין יעדער רעוואָלוציע פאָדערט די ענערגישסטע דיקטאַטור. די רוסישע רעוואָלוציע, געבוירן אין די פלאַמען פון קריג, געפירט פון א פּאַרטיי, וואָס איז געווען שטאַרק מיט איר איינהייט פון באַוואוסטזיין און ווילן, האָט באַוויזן ניט בלויז איינצופירן א דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך זי דורכצופירן אין לעבן.

פאַר דעם פּיליסטערישן קליינבירגער איז די רעוואָלוציע געקומען פּלוצים, ווי א דונער פון לויטערן הימל. אין דער אמת'ן איז זי אָבער געווען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און זיין באַגלייטער, די אַרבעטער־באַוועגונג. 12 יאָר פאַר דער רעוואָלוציע, אין דעם ערשטן שטורעמדיגן יאָר, ווען דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטראָטן אויף דער פּאָליטישער סצענע, האָט זיך

שוין קריסטאַליזירט די איבערצייגונג, אַז די רוסישע רעוואָלוציע, אין דער אַטמאָספערע פון קאַפּיטאַליסטישער פּוילעניש, וועט זיך ניט באַגרעניצן מיט אומוואָרפן די זעלבסט־הערשאַפט, נאָר וועט אַוועק ווייטער אויפ׳ן וועג פון פּאַרווירקלעכן די געבאָטן פון סאָציאַליזם.

דער ערשטער וויכטיגער אינטערנאַציאָנאַלער אַקט פון דער סאָוועטן־רעגירונג איז געווען—צו פּאַרעפנטלעכן די געהיימע אָפּמאַכן וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן צווישן רוסלאַנד און אירע מלחמה־שותּפים. די דאָזיגע אָפּמאַכן האָבן קלאָר באַוויזן, אַז אין דער אמת׳ן פירן די אַנטאַנטע לענדער (ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע) אַ מלחמה מיט׳ן צוועק צו צעטיילן דייטשלאַנד, באַרויבן עסטרייך און טערקיי. די אַלע שיינע ווערטער וועגן זעלבסט־באַשטימונג פון פעלקער, וועגן פרייהייט און שלום זיינען צוגעטראַכט געוואָרן בלויז מיט׳ן צוועק צו פאַרטומלען די מוחות פון די מאַסן. דער ערשטער שריט פון דער סאָוועט־רעגירונג האָט באַרעכטיגט די פּאָליטיק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז פון סאַמע אָנהויב מלחמה געגאַנגען געגן אַלגעמיינעם פּאַטריאָטישן שטראָם און גערופן די אַרבעטער־מאַסן צו פּאַרוואַנדלען די מלחמה צווישן די רויבער אין אַ קלאַסן־מלחמה צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט בשום אופן ניט געהאַט בדעה זיך צו באַטייליגן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער שחיטה. זי האָט זיך געווענדעט צו אַלע קעמפּפענדע מלוכות מיט אַ פאָרשלאָג צו שליסן שלום. אָפּגערופן האָט זיך בלויז דייטשלאַנד, וועלכע האָט געוואָלט אויסנוצן די רוסישע רעוואָלוציע און דעם שלום־אָפּמאַך פאַר אירע רויבערישע צילן. די אַנדערע לענדער, וואָס האָבן געקעמפט געגן דייטשלאַנד, האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ קאָנטר־רעוואָלוציע אויף אָראָפּצוּוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. די סאָוועטן, געשטיצט אויף די מאַסן אַרבעטער און פּויערים, האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. דער זיג פון 7טן נאָוועמבער איז געווען בלויז דער פּראָלאָג צו נייע בלוטיגע שלאַכטן.

די סאָוועטן זיינען געווען מאַכטלאָז זיך צו ווערן געגן דייטשלאַנד, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען זיגעריש. זיי זיינען געווען געצוואונגען איינצוגיין אויף אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס די רויבערישע דייטשע רעגירונג האָט דיקטירט. זיך שטיצנדיג זיך אויף דעם דאָזיגן אָפּמאַך און הויפּט־זעכלעך אויף אירע ביקסן, האָט דייטשלאַנד אָנגעהויבן פאַרכאַפּן אַלץ נייע טעריטאָריעס. צו דער זעלביגער צייט האָבן די בורזשואזע פּאַרטייען בשותּפות מיט די סאָציאַל־פּאַררעטער אין אַנדערע לענדער געהאַלטן אין איין צוגרייטן און שטיצן אַלץ נייע אויפשטאַנדן געגן דער סאָוועטן־מלוכה. און די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק האָט זיך געפונען אין אַ ברענענדיגן קרייז.

דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די מעכטיגע שעפערישע קראַפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. קאַוטסקי האָט געפּרוּווט באַרעכטיגן די מאַכטלאָזיגקייט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מיט דער טעאָריע, אַז דער אַרבע־

טער־קלאַס טויג זיך ניט אויף צו פירן מלחמות און קאָנקורירן מיט די מיליטערישע קענטעניש פון דער בורזשואַזיע. פון דער דאָזיגער טעאָריע האָט מען, הייסט עס, געדאַרפט דרינגען, אַז די אַרבעטער טאָרן ניט אַרויסטרעטן אין מלחמה געגן דער בורזשואַזיע, נאָר זיי דאַרפן מיט איר איינגיין אויף פשרות. די רוסישע אַרבעטער האָבן צעשמעטערט די דאָזיגע „טעאָריע". זיי האָבן אָרגאַניזירט זייערע קאַמפּס־בריגאַדן און זייענען אַרייַנגעטראָטן אין קאַמף געגן פילפאַכיגן שונא.

דער קאַמף האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָר. אַלע בורזשואַזע רעגירונגען האָבן געפּרואווט מיט זייערע שפּיזן דורכצולעבערן די סאָוועטן־מאַכט. דעם רוסישן אַרבעטער איז אויסגעקומען זיך אָנצושטויסן אויף יאַפּאַנעזישע, פראַנצויזישע, ענגלישע, פּוילישע, אַמעריקאַנישע און אַנדערע מחנות פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. זיין אייגענע אַרמיי איז דער אַרבעטער־קלאַס געווען געצוואונגען צו בויען אין דעם סאַמע ברען פון קאַמף. די אַלטע צאַרישע אַרמיי איז דעמאָביליזירט געוואָרן און אויף די שלאַכט־פעלדער איז געוואַקסן און האָט זיך געשטאַרקט אַ נייע מעכטיגע אַרמיי פון האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָט געקענט ניט בלויז ענטפערן מיט אַ קלאַפּ אויף אַ קלאַפּ, נאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרק גענוג אויף צו באַשיצן די רעפּובליק פון אַלע אירע שונאים.

די רוסישע אַרבעטער האָבן אונטער'ן פייער באַוויזן, אַז זיי קאָנען זיך ספּראַווען מיט מלחמה־געווער און דערפירן זייער קאַמף צו אַ זיג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די רויטע אַרמיי האָט געזיגט נישט בלויז מיט'ן כח פון איר אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך מיט דער הילף פון דעם געווער, וואָס מ'האָט עס נאָך אין דער צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע אַ נאָמען געגעבן „די אַרטילעריע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". אין יענער צייט האָט דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט ניט געקאָנט שטיצן מיט מעשים דעם פּראָלעטאַריאַט פון פּאַריז. אין דער צייט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע זיינען די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות ניט געווען בכח צו צווינגען די ברייטע מאַסן פון זייערע שקלאַפן צו קעמפן אַקטיוו געגן דעם אויפגעשטאַנענעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. און די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג נאָך אַ זיג.

דער קאַמף פון דער רויטער אַרמיי מיט דער היימישער און אַלוועלטלעכער קאָנטער־רעוואָלוציע האָט באַוויזן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע טראָגט אין זיך די כחות פון צוקינפטיגער שאַפונג, אין דער צייט ווען דער אַלוועלטלעכער קאַפּיטאַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריזיגע פוילנדיגע מאַסע. די אַלוועלטלעכע קאָנטער־רעוואָלוציע האָט געפלאַקערט מיט שנאה און שרעק פאַר דער סאָוועטן־רעפּובליק, אָבער זי איז ניט געווען בכח צו פאַראייניגן אירע מיטלען און אָנשטרענגונגען אין דעם קאַמף געגן דער סאָוועטישער מלוכה . די קאָנקורענץ צווישן די פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע גרופּן האָט אָפּגעשוואַכט דעם ווילן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, און מיט איר

מעכטיגן פאראייניגטן ווילן האָט די רעוואָלוציע באַזיגט איין שונא׳ס מחנה נאָך אַ צווייטער.

די סאָוועטישע מלוכה האָט געקעמפט מיט אַלע אירע שונאים אונטער דער פאָן פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. זי האָט מיט אַ פעסטער האַנט סאָציאַליזירט די מיטלען פון פּראָדוקציע. די פעלדער, פאַבריקן און וואַר־שטאַטן זיינען אָוועקגענומען געוואָרן פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן און איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער מלו,ה פון אַרבעטער און פּויע־רים. די סאָוועטישע מלוכה האָט איינגעפירט אַ נייע דעמאָקראַטיע, די דעמאָקראַטיע פון די האָרעפּאַשניקעס.

די אידעאַלן פון דער סאָוועטן־מאַכט האָבן געפונען אַ העלן אויסדרוק אין איר קאָנסטיטוציע. די בורזשואזע רעוואָלוציע האָט געגעבן די האָרע־פּאַשנע מאַסן בלויז אַן אָנשטעל פון רעכט, ווייל אַלע מיטלען פון מאַכט און אונטערדריקונג האָט זי געלאָזט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן. די רוסישע אַרבעטער האָבן געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַ לוין־שקלאַף איז פרייהייט בלויז אַ פּוסטער קלאַנג. און באמת—אַלע פרייהייטן פון בורזשואזער דעמאָקראַטיע ווערן אין דער פּראַקטיק רעדוצירט צו איין פריי־הייט, צו דער פרייהייט פון עקספּלואַטאַציע. אַנדערש האָט געבויט דאָס נייע לעבן די רוסישע רעוואָלוציע.

מיר וועלן דאָ ברייננגען פיר פּונקטן פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע אויף צו ווייזן דעם נייעם וועג, אויף וועלכן עס האָט זיך פאַרנומען די פּראָ־לעטאַרישע רעוואָלוציע אין פאַרגלייך מיט פריערדיגע רעוואָלוציעס. אין טייל 2 קאַפּיטל 5 פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע געפינען מיר:

“14. כדי צו פאַרזיכערן פאַר די האָרעפּאַשניקעס אמת׳ע פרייהייט אין אויסדריקן זייערע מיינונגען שאַפט אָפּ די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע רעפּובליק די אָפּהייננגיקייט פון דער פּרעסע אַן קאַפּיטאַל און גיט איבער אין די הענט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די אָרימע פּויער־מאַסן אַלע טעכנישע און מאַטעריעלע מיטלען אויף אַרויסצוגעבן צייטונגען, בראָ־שורן, ביכער און אַלע אַנדערע געדרוקטע אַרטיקלען, און פאַרזיכערט די מעג־לעכקייט זיי צו פאַרשפּרייטן פריי איבער דעם גאַנצן לאַנד”.

„15. די צו פאַרזיכערן פאַר די האָרעפּאַשניקעס אמת׳ע פרייהייט פון פאַרזאַמלונג אַנערקענט די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטישע רעפּובליק די רעכט פון די בירגער פון דער סאָוועטישער רעפּוב־ליק פריי איינצוואָרדענען פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, פּאַראַדן, א. אַז. וו. און גיט איבער אין רשות פון אַרבעטער־קלאַס און די אָרימע פּויערים־מאַסן אַלע פּאַסיגע פּלעצער פאַר פאָלקס־פאַרזאַמלונגען צוזאַמען מיט דער געהע־ריגער אויסשטאַטונג, באַלייכטונג און באַהייצונג”.

„16. כדי צו פאַרזיכערן פאַר די האָרעפּאַשניקעס אמת׳ע פרייהייט פון פאַראייניגען, נאָכדעם ווי זי האָט געבראָכן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן און האָט דורך דעם באַזייטיגט אַלע שטע־

רונגען, וואָס האָבן ביז אַהער געשטערט די אַרבעטער און פּויערים אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט זיך צו באַנוצן מיט דער פרייהייט פון אָרגאַניזאַציע און האַנדלונג, העלפט די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטישע רעפּובליק די אַרבעטער און די אָרימע פּויערים מיט אַלע מיטלען, מאַטעריעלע און אַנדערע, זיך צו אָרגאַניזירן און פאַראייניגן".

„17. כדי צו פאַרזיכערן פאַר די האָרעפּאַשניקעס אמת'ן צוטריט צו בילדונג און וויסן פאַרגיט זיך די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטישע רעפּובליק מיט דער אויפגאַב צו באַזאָרגן די אַרבעטער און די אָרימע פּויערים מיט פולשטענדיגער אַלזייטיגער אומזיסטער בילדונג".

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער וועלט־מלחמה. זי האָט פאַרוואַנדלט די מלחמה צווישן די רויבערישע אימפּעריאַליסטן אין אַ מלחמה צווישן קלאַסן אויף צו באַפרייען די האָרעפּאַשנע מאַסן. אין דעם בירגער־קריג האָט זיך די רעוואָלוציע אַנגעשטויסן אויף באַוואָפנטע שונאים, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַל, און פון דער דאָזיגער מלחמה איז די רעוואָלוציע אַרויס די זיגערין. זי האָט אויפגעבויט די ערשטע אַרבעטער־רעפּובליק, וואָס איז געוואַקסן און איז שטאַרקער געוואָרן אונטער די קלעפּ פון שונא. זי האָט אויפגעבויט די ערשטע מעכטיגע פעסטונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. אויב די פּאַריזער קאָמונע איז בלויז געווען אַ בליץ, וואָס האָט אויף אַ מאָמענט דורכגעריסן די פינצטערניש פון יאָרהונדערטער, איז די סאָוועטישע רעפּובליק געוואָרן דאָס באַגינען־ליכט פון אַ נייעם ליכטיגן טאָג.

ווען די בורזשואַזיע איז נאָך געווען שטאַרק, האָט דער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון „גלייכהייט אונטער די דעכער פון די אָרימע שטיבלעך". ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז שטאַרקער געוואָרן, האָט ער זיך פאַרמאָסטן אין אַ געפעכט מיט דער בורזשואַזיע אויף צו געווינען די מאַכט,—די יוני־טעג פון 1848. אין דער זעלביגער צייט האָבן די פירער פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַנטדעקט דעם אייזערנעם געזעץ פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס מאַכט דעם זיג פון אַרבעטער־קלאַס פאַר אומפאַרמייַדלעך. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געשטעלט אויפ'ן וועג פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף, באַוואָפנט מיט'ן געווער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. דער ערשטער פאַרזוך וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געמאַכט צו פאַרכאַפּן די מאַכט, די פּאַריזער קאָמונע, האָט דעם אַרבעטער־קלאַס געגעבן אַ מעגלעכקייט אַנצוצייכענען דעם וועג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם און שאַפן אויף זיינע חורבות אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

דער קאַפּיטאַליזם האָט געביטן זיין געוועזער דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָרגאַניזירט אין מעכטיגע סינדיקאַטן און האָט פאַרדאָרבן די אויבערשטע שיכטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס מיט הנחות אויפ'ן חשבון פון די אַרבעטער־מאַסן. די נייע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם, די פּאָליטיק פון אויסשפּרייטונג און קאָלאָניאַלער רויבעריי האָט געפירט צו דער אַלוועלטלעכער מלחמה,

און אין דער אַטמאָספֿערע פֿון דער אַלוועלטלעכער אימפּעריאַליסטישער שחיטה האָט זיך אומעטום אָנגעהויבן אַנטוויקלען די אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער פּראָלעטאַריאַט פֿון אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט, געוואָרן דער הערשנדיגער קלאַס כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דער הערשאַפֿט פֿון קלאַס איבער קלאַס.

די פּאַריזער קאָמונע האָט קלאָר באַוויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קאָן נישט פּראָסט און פּשוט פֿאַרכאַפּן דעם אָרטיגן מלוכה־אַפּאַראַט און אים באַטרייבן פֿאַר זיינע אייגענע צוועקן. די מלוכה־מאַכט איז דאָס געווער פֿון דעם הערשנדיגן קלאַס, וואָס דריקט אויס זיין עצם, זיין טבע. די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען—לויט מאַרקס׳עס בילדלעכן אויסדרוק—אַ ריזיגער בעזים, וואָס האָט אויסגערייניגט די שטאַלן פֿון דער פֿריִשער אָרדנונג. די בורזשואַזיע האָט אויף די חורבות פֿון דער פֿריִשער אָרדנונג אויפֿגעבויט איר מלוכה־מאַשין, וואָס איז טאַקע געראָטן אין דער בורזשואַזיע. די דאָזיגע מאַשין איז אָפּטמאָל געענדערט געוואָרן אין פֿאַרבינדונג מיט די ענדערונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. זי האָט אָבער שטענדיג געדינט ווי אַ מיטל פֿון עקספּלואַטאַציע פֿאַר דער בורזשואַזיע. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע הויבט זיך אָן, נאַטירלעכער־וויז, מיט דער צעשטערונג פֿון דעם בורזשואַזן אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט.

די סאָציאַל־פּאַטריאָטן, דאָס הייסט סאָציאַליסטן מיט׳ן מויל און פּאַטריאָטן פֿון זייער בורזשואַזן פֿאָטערלאַנד אין זייערע מעשים, האָבן מיט אַלע מיטלען געזוכט איינצורעדן די מאַסן, אַז דורך אַ געלונגענעם געיעג נאָך שטימען קאָן מען קריגן אַ מערהייט אין פּאַרלאַמענט און פֿאַרשפּאָרן דעם גערודער און די קרבנות פֿון אַ רעוואָלוציע. די דאָזיגע המצאה איז געווען אויסגערעכנט פֿון איין זייט אויף צו געפֿעלן די נאַאיווע מענטשן, פֿון דער צווייטער זייט—אויף צו ציען די שטיצע פֿון די, וואָס האָבן מורא פֿאַר רעוואָלוציע. אין דער אמת׳ן איז דער פּאַרלאַמענט איינער פֿון די אַפּאַראַטן פֿון דער בורזשואַזער מאַכט. די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע באַנוצט זיך מיט איר מאַכט כּדי נישט צוצולאָזן צום קאָנגרעס אַפֿילו די סאָציאַליסטן, וואָס האַלטן זיך אָן דער אמונה פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. די אייראָפּייאישע בורזשואַזיע האָט באַוויזן אויסצונוצן די פּאַרלאַמענטאַרישע סאָציאַליסטן פֿאַר איר קאַמף קעגן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. דערפֿון איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט געדרונגען, אַז די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, דאָס הייסט די קאָמוניסטן, דאַרפֿן נישט אַריינדרינגען אין בורזשואַזן פּאַרלאַמענט. דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויסנוצן דעם פּאַרלאַמענט פֿאַר זיין קאַמף צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט. די פֿאָרטרעטער פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אין פּאַרלאַמענט דאַרפֿן פֿריִער פֿאַר אַלץ אומדערבאַרעמדיג אויפֿדעקן די ראָל פֿון דעם פּאַרלאַמענט ווי אַ מאַסקע פֿאַר בורזשואַזער אונטערדריקונג.

דעם קאַפּיטאַליזם האָט זיך איינגעגעבן מיט דער הילף פֿון פּאַרלאַמענט צו פֿאַרנאַרן די סאָציאַליסטן פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין זייער לאַגער

אריין. די דאָזיגע סאָציאַליסטן האָבן פאַר די מאַסן געשילדערט דעם פאַר־לאַמענט ווי דעם ווירקזאַמען מיטל פון באַפרייאונג. די בורזשואַזיע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז כל־זמן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט איז אין אירע הענט, קאָן זי זייער גרינג זיך פאַרזיכערן מיט אַ מערהייט אין פּאַרלאַמענט. אין ערגסטן פאַל קאָן זי שטענדיג פאַנאַנדערטרייבן דעם פּאַרלאַמענט. דעריבער איז דער פּאַרלאַמענט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס בלויז איין מיטל צו אָרגאַניזירן און קאָנסאָלידירן די מאַסן פאַר רעוואָלו־ציאָנערע קאַמפן, וואָס זייער ציל איז אומצווואַרפן די בורזשואַזע אָרדנונג. די רוסישע רעוואָלוציע האָט גלענצנד באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דעם דאָזיגן געדאַנק.

די רעוואָלוציע פאַרטיידיגט זיך

איבערפאַל פון אַלע זייטן אויף דער סאָוועטישער מלוכה.—דער בירגער־קריג און דער ענגער בונד צווישן אַרבעטער און פויערים.—סאַבאָטאַזש, אַ מיטל צו „שטעלן דעם אַרבע־טער־קלאַס אויף די קני".—נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד און פון די אינדוסטריען.—די רעוואָלוציע פאַרטיידיגט זיך.—די רעוואָלוציע אין צייט פון בירגער־קריג.—קריגס־קאָמוניזם.—דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. — די דייטשע רעוואָלוציע פון 1918.—סאָציאַל־דעמאָקראַטן קעמפן אויף דער זייט פון קאַפּיטאַ־ליסטן געגן דער רעוואָלוציע.—די זיגער קומען אין ווערסאַל ווי באַזיגטע.—דער שלום־אָפּמאַך פון ווערסאַל און פון ברעסט־ליטאָווסק. רעוואָלוציאָנערער אויפשוואונג נאָך מלחמה.

די סאָוועטישע מאַכט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן פון אַרבעטער און פויערים און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. קיין איין פּאַרלאַמענט אין דער וועלט איז ניט אויסגעקליבן געוואָרן פון אַ גרעסערער צאָל מענטשן. דאָס רעכט צו קלייבן דעפּוטאַטן איז צו יענער צייט פון קיינעם ניט באַגרעניצט געוואָרן. אויסער די סאָ־וועטן איז געבליבן בלויז אַ זשמעניע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים. די וואַלן זיינען פאָרגעקומען אין אַ צייט ווען די רעגירונג און טיילווייז אויך דער סאָוועטישער אַפּאַראַט האָבן זיך געפונען אין די הענט פון בורזשואַזע און סאָציאַל־קאָמפּראָמיסלערישע פּאַרטייען. צו יענער צייט האָט קיינער ניט געקאָנט צווייפלען, אַז מיט די באָלשעוויקעס גייט אַ ריזיגע מערהייט פון דער באַפעלקערונג. און דאָך איז די גרויסע געשעעניש פון דעם 7טן נאָוועמבער געווען בלויז דער אָנהויב פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

די יונגע סאָוועטישע מאַכט האָט זיך ניט געקאָנט באַנוצן מיט דער רעגירונגס־מאַשין, ניט געקוקט דערויף, וואָס אויף דער זייט פון דער איבער־קערעניש האָט זיך געשטעלט דער גרעסטער טייל פון דער אַרמיי, וואָס דינט געוויינטלעך ווי די לעצטע שטיצע פון דער אַלטער אָרדנונג. די אַלטע רעגירונגס־מאַשין איז זיך טיילווייז צעפאַלן, די אַרמיי אַריינגערעכנט; דאָס וואָס איז געבליבן, פון דער מלוכה־מאַשין איז באַשטאַנען פון שטיץ־פּונקטן פאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דער סאָוועטישער מאַכט איז אויס־געקומען אָנצוהויבן בויען אַ נייעם אַפּאַראַט אין אַנקלאַנג מיט די נייע אויפגאַבן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט גענומען די מאַכט אין זיינע הענט. דער נייער מלוכה־אַפּאַראַט איז געבויט געוואָרן אונטער דעם פייער

פון שונא, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אַרנטערוואַרפן דעם ווילן פון דער ריזיגער מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך צוערשט אויסגעדריקט ניט אין דער אַקטיווער שטיצע מצד דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַלע לענדער, נאָר אין דעם אָנפאַל מצד דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל אויף דער סאָוועטישער רעפּובליק. די רוסישע רעוואָלוציע האָט ווידער געוויזן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל פון טויט און פאַרניכטונג, דער אינטערנאַציאָנאַל פון קאַפּיטאַליזם, פאַרשטייט בעסער און פאַרטיידיגט טיכטיגער די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס איידער דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל פאַרטיידיגט די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס איז אויסגעקומען אָפּצעשלאָגן די צעיושעטע אַטאַקע פון דעם שונא און צו דער זעלביגער צייט צו פאַרווירקלעכן זיין פּראָגראַם, דורכפירן אין לעבן די סאָציאַליזאַציע פון דער ערד און פון די פּראָדוציר־מיטלען, מאַשינען, פאַבריקן, א. א. וו.

דער ווייסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם האָט בלויז אָנגעמערקט די הויפּטשטריכן פון דער דאָזיגער אויפגאַבע. אויפ'ן גורל פון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס איז אויסגעפאַלן די שווערע פליכט צו לייזן די דאָזיגע פּראָבלעם אין דער פּראַקטיק. די שווערקייט פון דער דאָזיגער אויפגאַבע באַשטייט קודם כל אין איר נייקייט. די שווערקייט איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען אַ מינדערהייט אין דעם בונד פון אַרבעטער און פּויערים, וואָס האָבן פאַרווירקלעכט די רעוואָלוציע. די פּויערים זיינען געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס אין דעם נאָמען פון ערד און פרידן. אונטער דעם לאָזונג „די ערד דעם פאָלק", האָט דער פּויער פאַרשטאַנען אַ פּראָגראַם פון צעטיילן די ערד און זי איבערגעגעבן צו די פּויערים אין פּריוואַט־באַזיץ. די סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען געווען פרעמד די ברייטע מאַסן פון דעם פּויערטום. אמת, דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז האָט אַ שטויס געטאָן פאָראויס די פאָדערשטע שיכטן פון דעם פּויערטום. דער גרויסער אָנזאָג פון דער רעוואָלוציע האָט ספּעציעל צוגעצויגן די אָרימע פּויערים, וואָס האָבן דערפילט אַז די באָלשעוויקעס שטרעבן אויסצוראָטן אָרימקייט און איינשטעלן אמת'ע גלייכהייט. אָבער די גרויסע פּויערשע מאַסן אין דער צייט פון בירגער־קריג זיינען נאָך געווען אַ וואַקלדיגע, אַן אומזיכערע קראַפט. דער בירגער־קריג גופא האָט געוויזן די פּויערים, אַז זיי מוזן אויסקלייבן צווישן אַרבעטער־קלאַס פון איין זייט און דעם בונד פון פּריצים, גענעראַלן און באַנקירן פון דער אַנדערער זייט. דער בירגער־קריג האָט באַפעסטיגט דעם בונד צווישן די אַרבעטער און די פּויערים, און אַ דאַנק דעם דאָזיגן בונד איז די רעוואָלוציע אַרויס זיגרייך אין דעם בירגער־קריג. די געשיכטע האָט געזאָרגט וועגן דעם, אַז די בלוטיגע מפּלה פון די יוני טעג פון 1848 זאָלן זיך ניט ווידערהאָלן. דאָס רוסישע פּויערטום האָט

זיך געשטעלט מיט'ן ארבעטער־קלאס געגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע, דער היימישער און דער אַלוועלטלעכער.

דער ארבעטער־קלאס האָט ניט געקאָנט פונדעסטוועגן אָפּלייגן די פאַרווירקלעכונג פון זיין פּראָגראַם ביז נאָך דעם בירגער־קריג. פאַרקערט, דער בירגער־קריג גופא האָט געפאָדערט שנעלע און ענערגישע שריט. כדי צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון קאַפּיטאַל, איז נויטיג געווען אים צו אַנט־וואָפענען, פאַרכאַפּן זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער ארבעטער־קלאס האָט געמוזט זיך פאַרמעסטן ניט בלויז געגן פּריצ'ישן אייגנטום, נאָר אויך געגן דעם „הייליגן" בורזשואזן אייגנטום. און, פאָלגנדיג דעם ווילן פון געשיכטע, האָט דער ארבעטער־קלאס זיך ניט באַפרידיגט דערמיט, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז די ערד איז דאָס אייגנטום פון דער פּראָלעטאַרי־שער און פויערשער מלוכה, נאָר ער האָט אויך אָנגעהויבן נאַציאָנאַליזירן די פאַבריקן, זואַרשטאַטן און דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון בורזשואַזער קאָמערץ.

די נאַציאָנאַליזאַציע פון די באַנקען און פאַבריקן איז פאָרגעקומען אויף אַ סטיכייאישן אופן. די באַנקירן און פאַבריקאַנטן האָבן גאָר ניט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז די רעוואָלוציע וועט זיגן. זיי האָט זיך געוואָלט העלפן ברעכן די רעוואָלוציע, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז די רעוואָ־לוציע וועט סוף כל סוף געבראָכן ווערן. דערמיט, וואָס זיי האָבן געשלאָסן זייערע פאַבריקן, האָבן זיי געדיינקט, אַז זיי וועלן פּאַראַליזירן די רעוואָ־לוציע, אויסצערן זי, די באַנקירן און זייערע דירעקטאָרן, די פאַבריקאַנטן און זייערע פאַרוואַלטער, האָבן פלייסיג געאַרבעט דערויף, אַז דאָס עקאָ־נאָמיש לעבן אין לאַנד זאָל זיך אָפּשטעלן. זיי האָבן אָפן און ציניש גע־רעדט וועגן דעם, אַז דורך הונגער וועלן זיי אַוועקשטעלן דעם ארבעטער־קלאַס אויף די קני. און דעם ארבעטער־קלאַס איז ניט געבליבן קיין אַנדער וועג ווי באַלד איבערנעמען די באַלעבאַטישקייט אין די אייגענע הענט און פאַרהיטן דעם חורבן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט.

דער ארבעטער־קלאַס איז ניט געווען גרייט דערצו. ער האָט זיך מיט־אמאָל ניט געקאָנט ספּראַווען מיט דער קאָלאָסאַלער ארבעט, וואָס האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף זיינע פּלייצעס. דערצו נאָך איז ער געווען געצוואונגען אַוועקצוגעבן זיינע בעסטע כחות אויף צו פאַרטיידיגן די רע־פּובליק. מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם בירגער־קריג האָבן די באַנקירן, פאַבריקאַנטן און סוחרים זיך שוין ניט באַפרידיגט מיט בייזוויליגן סאַ־באָטאַזש פון אומטעטיגקייט, נאָר זיי האָבן געזוכט צו פאַרוואַנדלען זייערע אונטערנעמונגען אין שטיץ־פּונקטן פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. די נאַ־ציאָנאַליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סטיכייאיש אונטער דער ווירקונג פון דעם בורזשואַזן סאַבאָטאַזש, איז געוואָרן אַ מיליטערישע נויטווענדיג־קייט, כדי צו פאַרזיכערן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אויף די שלאַכט־פעלדער.

מיליטערישע נויטווענדיגקייט שטימט ניט שטענדיג מיט עקאָנאָמי־שער צוועקמעסיגקייט. זוען רעוואָלטירנדיגע מאַסן וואַרפן איין טעלע־

גראַפישע און טעלעפאָנישע סלופעס כדי דערפון צו בויען באַריקאַדן, איז דאָס, פאַרשטייט זיך, אַ פּאַרלוסט פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, און נאָך דעם זיג קומט אויס די רעבעלן אויפ'סניי אַוועקצושטעלן און באַפעסטיגן די סלופעס. מלחמה פירט בכלל צו חורבן, און בירגער־קריג איז נאָך ערגער דערמיט, וואָס ער פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ שלאַכט־פעלד. די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט אָבער באַוויזן, אַז קיין אַנדער אויסוועג האָט דער פּראָלעטאַריאַט נישט. די רוסישע אַרבעטער האָבן געזיגט איבער דער אַלטער מלוכה־מאַשין כמעט אָן בלוט־פאַרגיסונג. אָבער דער זיג פון 7טן נאָוועמבער איז געווען בלויז דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דעם ווייטערדיגן קאַמף.

עס וואָלט אפשר געווען פּראַקטישער און בעסער, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט געווען איבערנעמען אין זיינע הענט בלויז יענע צווייגן פון אינדוסטריע און האַנדל, וואָס זיינען שוין פריער געווען גענוג קאָנצענ־טרירט און מיט וועלכע דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט זיך געקאָנט גרינגער ספּראַווען. די סאָציאַליזירונג וואָלט דורכגעפירט געוואָרן ביסלעכווייז, און די קאָסטן פון דער רעוואָלוציע וואָלטן אַזוי אַרום געווען אַ סך קלענער. אָבער אונטער די אומשטענדן איז דער אַרבעטער־קלאַס געווען געצוואונגען באַלד איבערנעמען די גאַנצע ווירטשאַפט און מיט איר פאַרוואַלטן. די ערשטע דאגה איז געווען—צו אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט אין די אינטערעסן פון דער מלחמה, אַזוי אַז ס'זאָל מעגלעך זיין צו באַזיגן דעם שונא אויף די שלאַכט־פעלדער, אָפּצעשלאָגן די אַטאַקעס פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אירע באַוואָפנטע מחנות אויף עטלעכע פראָנטן. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ סך אָנשטריינגונג, אַ סך ווילן און אויסדויער אויף צו באַגעגענען און באַזיגן דעם שונא, און די רוסישע רעוואָלוציע האָט ביי די האַרעפּאַשנע מאַסן אויסגעשמידט דעם דאָזיגן ווילן. די רעוואָלוציע איז געשטעלט געוואָרן צו דער שווערסטער פּראָבע, און זי האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן.

כדי אָפּצעשאַצן ווי געהעריג די שעפערישע קראַפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע דאַרף מען געדיינקען, אַז דער אַלוועלטלעכער קאַפּיטאַל האָט זיך נישט באַפרידיגט דערמיט אַליין, וואָס ער האָט געשטיצט די קאָנטר־רעוואָלוציע מיט געלט, געווער און סאָלדאַטן. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן אויך געמאַכט אַ בלאָקאַדע געגן דער סאָוועטישער רעפּובליק און דערמיט זי אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. די באַדייטונג פון דעם דאָזיגן קאַמפּס־מיטל ווערט קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע בינדט צונויף עקאָנאָמיש אַלע לענדער. יעדעס לאַנד קויפט איין געוויסע פּראָדוקטן און פאַרקויפט אַנדערע אויף דעם אויסלענדישן מאַרק. אין דער שווערסטער צייט פון איר עקזיסטענץ איז די סאָוועטן־רעפּובליק אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט דורך אַ בלינדער וואַנט, וואָס מען רופט בלאָקאַדע.

אונטער אַזוינע אומשטענדן האָט די סאָוועטן־רעפּובליק, פאַרשטייט

זיך, ניט געקאָנט דורכפירן קיין שטרענג־דורכגעטראַכטע סאָציאַליסטישע פּאָליטיק. די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט אין דעם ערשטן פּעריאָד פון איר עקזיסטענץ האָט לעניןשפּעטער אַ נאָמען געגעבן קריגס־קאָמוניזם, ד. ה. קאָמוניזם וואָס ווערט דיקטירט דורך די פאָדערונגען פון מלחמה־צייט. דער קריגס־קאָמוניזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די סאָוועט־מלוכה האָט פאַראייניגט אין אירע הענט די גאַנצע פּראָדוקציע און די גאַנצע פאַרטיילונג פון פּראָדוקטן, און האָט אויסגענוצט וואָס ס'איז געבליבן פון דער צערודערטער אינדוסטריע, כדי צו פאַרזיכערן דעם זיג אין דעם בירגער־קריג.

דער בירגער־קריג, וואָס איז אָנגעגאַנגען איבער אַ ריזיגער טעריטאָריע, האָט צעשפּאָלטן די גאַנצע וועלט אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן. דער קאַפּיטאַליזם איז רציחה'דיג אָנגעפאַלן אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געפונען אַ טיפן אָפּרוף אין די הערצער פון די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט. דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז מיט באַזונדערער קלאָרקייט אַנטפּלעקט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען דייטשלאַנד האָט דעם 9טן נאָוועמבער, 1918, אַרונטערגעוואָרפן איר קייזער. באַלד נאָך דעם האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן סאָוועטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. די סאָוועטן האָבן אַזוי־אַרום באַקומען אַ נייע באַדייטונג: זיי זיינען געוואָרן די פאָרם פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דעם דייטשן אַרבעטער איז אָבער געווען שווער צו פאַרווירקלעכן זיין דיקטאַטור, ניט געקוקט דאַרויף, וואָס ער האָט צו יענער צייט געהאַט מעכטיגע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיגע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס—די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און די יוניאָנס, וואָס זי האָט קאָנטראָלירט, האָבן זיך אָפּן געשטעלט געגן די סאָוועטן און אויף דער זייט פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן גע'טענה'ט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל איז ניט צוגעפּאַסט צו מלחמה־צייט, אַז אַזאַ צייט איז אומגינסטיג פאַר סאָציאַליסטישן קאַמף. צום סוף פון דער מלחמה האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַרויסגעשטעלט אַ נייעם תירוץ: אַז די מלחמה האָט אויסגעצערט די מאַסן און האָט ביי זיי אַוועקגענומען די פייאיגקייט צו אַקטיוון קאַמף. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט „אָרגאַניזירטע מאַכטלאָזיגקייט אין דעם קאַמף געגן קאַפּיטאַל", איז אַרויסגעטראָטן אין דער ראָל פון אַקטיוון פאַרטיידיגער און קריג־שותף פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

מיט דער הילף פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אָפּגעשלאָגן די ערשטע אַטאַקע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. די אָנפירער פון די דייטשע אַרבעטער אין זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף, קאַרל ליבקנעכט (זון פון ווילהעלם ליבקנעכט) און ראָזאַ לוקסעמבורג, זיינען פאַררעטעריש דערמאָרדעט געוואָרן דעם 15טן יאַנואַר, 1919. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט געפייערט זיין זיג.

אָבער די זיגער אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זיינען געקומען קיין ווער־סאַל ווי די באַזיגטע אין דער אַלוועלטלעכער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

אָפּטמאָל פאַרגלייכט מען דעם ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך מיט דעם אָפּמאַך וואָס די סאָוועט־רעפּובליק איז געווען געצוואונגען צו שליסן מיט דייטשלאַנד אין ברעסט־ליטאָווסק. אין ברעסט האָט דער דייטשער אימ־פּעריאַליזם אַרויפגעצוואונגען אַ רויבערישן שלום־אָפּמאַך אויף דער מאַכט־לאָזער רוסישער מלוכה. אין ווערסאַל האָבן די זיגער אַרויפגעצוואונגען אַ רויבערישן שלומאָפּמאַך אויף דער באַזיגטער דייטשלאַנד. דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום האָט געקראַנגן די ברכה פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; אויפ׳ן ווערסאַלער שלום האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל דורך זיין פּאַרזיצער וואַנדערוועלדע, וועל־כער איז אויך געוועזן דעם קעניג׳ס מיניסטער. ביידע אָפּמאַכן האָבן אויפגעדעקט די רויבערישע צילן פון דער מלחמה. ביידע אָפּמאַכן האָבן געוויזן, אַז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן ניט מער ווי אַ צודעק אויף צו באַהאַלטן די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּאַרטייען, וואָס פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון זייערע הערשער.

ווערסאַל איז אָבער צו דער זעלביגער צייט אויך געווען דער היפּוך פון ברעסט־ליטאָווסק. אין ברעסט האָט אין דעם נאָמען פון רוסלאַנד גערעדט אַ דעלעגאַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ברעסט איז געווען אַ משפּט ניט איבער דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, נאָר איבער אימפּעריא־ליסטישן דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אירע שפּיזן. די דייטשע און עסטרייכישע גענעראַלן האָבן מיט שוידער אָנגעוויזן דאַרויף, אַז די סאָוועטישע דעלעגאַטןריידן צו זיי מיט׳ן טאָן פון זיגער. אין ווער־סאַל איז אָבער דייטשלאַנד אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף די קני. דער זיג פון דייטשלאַנד איבער דער אַרבעטער־רעוואָלוציע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דייטשלאַנד׳ס מאָראַלישער מפּלה.

דורך דעם רויבערישן ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך איז די אימפּעריא־ליסטישע מלחמה פאָרמעל פאַרענדיגט געוואָרן. די זיגער האָבן אוועקגע־נומען ביי דייטשלאַנד אַ ריי פּראָווינצן, אינגאַנצן איר האַנדלס־פלאָט, אַ דריטל פון איר קוילן־אינדוסטריע, דריי־פערטל פון איר רוי־אייזן, און חוץ דעם אַרויפגעלייגט אויף דעם רואינירטן לאַנד אַ ריזיגע סומע שטראָף געלט אונטער דעם נאָמען „רעפּאַראַציע" (ד. ה. גוט־מאַכן דעם שאָדן פון נעגנטן, וואָס זיינען חרוב־געוואָרן אין דער מלחמה). עסטרייך־אונגאַרן האָבן די זיגער צעריסן אויף שטיקער און אויף אירע רואינעס געשאַפן נייע מלוכות—אונגאַרן, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, יוגאָ־סלאַוויע (געוועזענע סערביע). די זיגער האָבן אויך „דערגאַנצט", אויף דעם חשבון פון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן די טעריטאָריעס פון פוילן און רומעניע. וואָס איז שייך טערקיי, האָבן די זיגער זי פאַרוואַנדלט אין אַ קאָלאָניע און צעטיילט דאָס לאַנד אויף „איינפלוס־ספערן" פאַר זיך.

דער סוף פון דער מלחמה איז געווען דער אָנהויב פון רעוואָלוציאָנערן

אויפשוואונג, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די מאסן אין אַלע לענדער. דער דייטשער פּראָלעטאריאט איז ארויסגעטראָטן אין אָפענעם קאמף צו פאַרכאַפּן די מאַכט. דעם 21טן מערץ, 1919, איז אונגארן פּראָקלאמירט געוואָרן ווי א סאָוועטישע רעפּובליק. די אונגאַרישע סאָוועטן־רעפּובליק האָט זיך געהאלטן 132 טעג. א ריזיגע סטרייק־כוואליע האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע לענדער פון די זיגער. דעם פּארצווייפלטסטן קאמף האָט געפירט דער איטאַליענישער פּראָלעטאריאַט. די באַזיגטע דייטשלאנד האָט אוועקגענומען אירע אַרמייען פון די אָקופּירטע רוסישע טעריטאָריעס, און די סאָוועטן־רעפּובליק האָט אויסגעשפּרייט אירע גרעניצן. אין די מזרח־לענדער האָט זיך אָנגעהויבן א סטיכייאישער מאסן־גערודער.

אין אַזאַ אַטמאָספערע איז געבאָרן געוואָרן דער דריטער, קאָמוניסטישער, אינטערנאציאָנאל.

15. דער אָנהויב פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

די צימערוואלד־קאָנפערענץ.—דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל.—די קלאָרע אויפגאַבע וואָס דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט אַוועקגעשטעלט.—דער בירגער־קריג אין דער סאָוועטן־רעפּובליק קומט צו אַ סוף.—די פּויליש־רוסישע מלחמה.—דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.—די איין־און־צוואַנציג פּונקטען.—דער ריקשריט פון דער רויטער אַרמיי ביי וואַרשע.—אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.—דער שלום פון בירגער־קריג און דער אָנהויב פון עקאָנאָמישן איבערבוי.—דער לאָזונג פון אַ פאַראייניגטן פראָנט.—דער סך־הכל און ווייטערדיגע פּערספּעקטיוון.

שוין אין דעם משך פון דער אימפּעריאליסטישער מלחמה זיינען געמאַכט געוואָרן פּארזוכן צו פאַראייניגן די ארבעטער־מאסן פאר אן אָרגאַניזירטן קאמף געגן דער מלחמה. דער ערשטער פארזוך צו פאראייניגן די פּראָלעטארישע אָרגאניזאציעס איז פּאָרגעקומען אין 1915. א קאָנפערענץ אין צימערוואלד (א שטעטל אין דער שווייץ) האָט זיך געווענדעט צו די פּראָלעטאריער פון אלע לענדער מיט א רוף אָנצוהויבן א קאמף געגן דער אימפּעריאליסטישער מלחמה. א צווייטע קאָנפערענץ (אין קינטאַל) איז פאָרגעקומען אין 1916. די דאָזיגע צוויי קאָנפערענצן זיינען געווען סימנים פון דער אָנשטייגנדער אומצופרידנהייט מיט די פּארטייען פון צווייטן אינטערנאציאָנאל, וואָס האָבן גענומען א טעטיגן אנטייל אין דער אימפּעריאליסטישער מלחמה. די אלגעמיינע פּאָליטישע און מיליטערישע סביבה איז אָבער ניט געווען גינסטיג פאר דער גרינדונג פון א נייער קאמפּס־אָרגאניזאציע פון דעם ארבעטער־קלאס.

די מלחמה איז געווען ווי א פּראָלאָג צו די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, פון וועלכע ס׳איז געבאָרן געוואָרן די ערשטע סאָוועטן־רעפּובליק. די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון דער ארבעטער־באוועגונג האָט באַשטעטיגט ענגעלס׳עס פּראָפעטישע פאָראויסזעאונג, אז „אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע וועט דער גאנצער בורזשואזער קלאס, די רעשטלעך פון דעם פּריצ׳ישן קלאס און דער גרעסטער טייל פון קליין־בירגערטום און פון דער דאָרפישער באפעלקערונג זיך קאָנסאָלידירן ארום דער עקסטער בורזשואזער פּארטיי, וואָס וועט אין אירע ווערטער אויסזען רעוואָלוציאָנער”.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז דאָס געוואָרן אָט־די עקסטע בורזשואַזע פּאַרטיי און אַרום איר האָט זיך עם קאָנסאָלידירט די אַלוועלטלעכע רעאַקציע.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געשטאַנען פאַר א טויט־געפאַר. די קאַפּיטאַליסטן, זיך שטיצנדיג אויף דער מאַכט פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּאַרטייען, האָבן רציחה'דיג געקעמפט געגן דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, האָבן רציחה'דיג אַטאַקירט די סאָוועטן־רעפּובליק. די קאַפּיטאַליסטן האָבן גאַנץ ריכטיג אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אַן אַרבעטער־רעפּובליק, וואָס וועט שטענדיג דערמאָנען דער וועלט, אַז דער סוף פון דער בורזשואַזער אָרדנונג איז נאָנט. די לאַגע פון דעם אויפגעשטאַנענעם אַרבעטער־קלאַס איז געווען זייער א שווערע. „דער גרעסטער אומגליק און געפאַר פאַר אייראָפּע באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט ניט קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. זי האָט פאַררעטערישע פּאַרטייען, אָבער ניט קיין רעוואָלוציאָנערע". מיט די דאָזיגע ווערטער האָט לענין פאָרמולירט די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן ערב דער דייטשער רעוואָלוציע. דער אַרבעטער־קלאַס האָט געמוזט פאַרריכטן דעם דאָזיגן וויכטיגן חסרון, וואָס האָט זיך מיט באַזונדער בולט'קייט אַרויסגעוויזן נאָך דעם ריקשטויס, וואָס דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט האָט געליטן אין זיין ערשטער אָפענסיווע, סוף 1918 און אָנהויב 1919.

א צוזאַמענפאָר פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז פאַררופן געוואָרן כדי צו שאַפן א קעמפערישע אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין מערץ 1919. עס האָבן זיך באַטייליגט בלויז 35 דעלעגאַטן. דער כח פון יענעם צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין אים „האָט זיך געפילט דער אָטעם פון דער אָנוואַקסנדיגער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע" (לענין).

פאַר דעם צוזאַמענפאָר איז געווען קלאָר, אַז דער בירגער־קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער סאָוועטן־רעפּובליק וועט געפירט ווערן מיט שאַרפקייט און אַנטשלאָסנהייט, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער וועלט־געשיכטע. דער בירגער־קריג איז צו יענער צייט שוין געווען א פאַקט. אויב די יוני טעג פון 1848 האָבן אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, האָט דער בירגער־קריג פון 20טן יאָרהונדערט אַרונטערגעריסן די מאַסקעס פון אַלע פּאַרטייידיגער פון דער בורזשואַזער רעפּובליק, די סאָציאַליסטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אַריינגערעכנט.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט אוועקגעשטעלט פאַר דער נייער אָרגאַניזאַציע קלאָרע און גענויע אויפגאַבן. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געדאַרפט, לויט דעם געדאַנק פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, ווערן דער אינטערנאַציאָנאַל פון אָ פ ע נ ע ר מ אַ ס ן ־ אַ ק צ י ע, וואָס פאַרגיט זיך מיט'ן ציל איינצופירן א דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרם פון א סאָוועטישער אָרדנונג. דער גאַנצער וועלט אין פּנים אַריין האָט דער צוזאַמענפאָר דערקלערט הילכיג און קלאָר, אַז „דאָרט וואו דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרכאַפּן די מאַכט אין זיינע הענט, וועט ער

דאַרפן צוטרעטן צו דער עקספּראָפּריאַציע פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים. כּדי צו באַטרעטן דעם וועג פון סאָציאַליזאַציע, איז פריער נויטיג איבערצוברעכן דעם רוקן דער בורזשואזיע, אַז זי זאָל מער ניט קאָנען קומען צו זיך". אין די דאָזיגע ווערטער האָט זיך געפילט דער פייער פון דער שפּראַך אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווירקלעכקייט.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, פּונקט ווי די ערשטע אַרבעטער־רעפּובליק, איז אַרויסגעוואַקסן דירעקט פון דער וועלט־מלחמה, וואָס האָט באַוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם פירט די מענטשהייט צו גרונד און אַז די רעטונג ליגט בלויז אין דעם אומוואַרפן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און אין דער גרינדונג פון אַ נייער אָרדנונג אויף די חורבות פון קאַפּיטאַליזם. דער יונגער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז באַלד צוגעטראָטן צו ענערגישער, אָנגעשטריינגטער אַרבעט, וואָס האָט געפונען אַן אָפּרוף ניט בלויז אין אייראָפּע, נאָר אויך אין אַזיע, אין קאָלאָניעס, וואָס זיינען דער פונדאַמענט פון דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט. די רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעשפּרייט. נייע מאַסן פון נייע לענדער זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערע קאַמפּן. די קאַפּיטאַליסטן האָבן פלינק מאַנעווורירט, זיי האָבן זיך אָבער אויך אַ היבש ביסל פאַרלאָרן. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם לעצטן חשבון, וואָס זיי וועלן מוזן באַצאָלן. דערוויילּ האָט די סאָוועטן־רעפּובליק מיט דערפאָלג אָפּגעשלאָגן די אַטאַקע פון די שונאים אויף אַלע זייטן און אין אָנהויב 1920 האָט זי געזאָלט צוטרעטן צו דעם גרינטלעכן עקאָנאָמישן איבערבוי. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער בירגער־קריג אין דער סאָוועטן־רעפּובליק וועט זיך ענדיגן מיט אַ זיג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און אַז אין אייראָפּע פלאַקערט זיך פאַנאַנדער אַ זיגערישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט די גאַנצע צייט ריכטיג אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון דער סאָוועטן־רעפּובליק, וואָס איז שוין צו יענער צייט געוואָרן אַן אמת'ע פעסטונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָכדעם ווי דער פאַרזוך צו דערשטיקן די סאָוועטן־רעפּובליק האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָבן די קאַפּיטאַליסטן אַרויסגעשטעלט פּוילן געגן דער סאָוועטישער רעפּובליק. זיי האָבן באַוואָפנט פּוילן מיט געלט, מיט אַמוניציע און מיט סאָלדאַטן, און די סאָוועטן־רעפּובליק האָט זיך ווידער געמוזט נעמען פאַר'ן שווערד. דער פרידלעכער איבערבוי האָט זיך אָפּגעריסן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי־גערופענע רוסיש־פּוילישע מלחמה, וואָס איז אין דער אמת'ן געווען אַ מלחמה פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע און די איבעריגע רויבערישע זיגער געגן דער אַרבעטער־רעוואָלוציע.

אין די ערשטע חדשים פון דער דאָזיגער נייער מלחמה האָבן די קאַפּיטאַליסטן געיובלט. די פּוילישע לעגיאָנען האָבן געהאַלטן אין איין זיגן. אָבער באַלד איז דער יובל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שרעק. די אַרבעטער־רעוואָלוציע האָט דערפאָלגרייך אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די פּוילישע

לעגיאָנען און איז פון פאַרטיידיגונג איבערגעגאנגען אין אטאקע. די רויטע ארמיי האָט זיך אָנגעהויבן רוקן צו דער הויפּט־שטאָט פון פּוילן און איז באגריסט געוואָרן פון ארבעטער פון אלע לענדער.

אין דער דאָזיגער אטמאָספערע איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל. די רעוואָלוציע האָט געהאלטן אין איין שטייגן. אין א ריי סאָציאַליסטישע פארטייען פון צווייטן אינטערנאציאָנאל האָט זיך גענומען מערקן א שטארקער גערודער. ארבעטער־ארגאניזאציעס האָבן מאסנווייז זיך אָנגעשלאָסן אָן צווייטן אינטערנאציאָנאל, וועלכער האָט צו יענער צייט געקראָגן דעם נאָמען „גענעראל־שטאב פון דער וועלט־רעוואָלוציע". אויף דעם צווייטן צוזאמענפאָר זיינען געווען פארטראָטן 37 לענדער. צוזאמען מיט פארטרעטער פון ענגלאנד, דייטשלאנד און איטאליע זיינען געווען פארטרעטער פון אינדיע, קאָרייע און פערסיע.

דער הויכער אויפשוואונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט האָט ניט פארטונקלט דעם בליק פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל. דער צוזאַמענפאָר האָט גאנץ גוט פארשטאנען, אז דער קאמף וועט נאָך זיין א לאנגער און ער האָט מיט רעכט זיך געשראָקן אז אין זייע רייען זאָלן ניט ארייַנדרינגען די זעלביגע גרופּען, וואָס האָבן איבערגעפירט די סאָציאליסטישע פארטייען פון צווייטן אינטערנאציאָנאל. דער וויכטיגסטער פארדינסט פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר איז א רעזאָלוציע, וואָס האָט אנטהאלטן איין־און־צוואנציג באדינגונגען פאר ארייַנטרעטן אין קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל. דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל האָט אזוי ארום אויפגעבויט איין־און־צוואנציג צאָמען פאר יענע, וואָס קאָנען מיטגעריסן ווערן מיט דער רעוואָלוציע אין דער צייט פון אויפשוואונג און זי דערנאָך פארראטן אין דער צייט פון נידערשוואונג.

די אָפענסיווע אויף ווארשע האָט זיך געענדיגט מיט א דורכפאל פאר דער רויטער ארמיי. דער ארבעטער־קלאס פון אייראָפּע, וואָס האָט מיט באגייסטערונג נאָכגעפאָלגט דעם זיגערישן מארש פון זיין ארמיי, האָט זיך באגרעניצט בלויז מיט סימפאטיזירן מיט דער רויטער ארמיי, בעת דער אלוועלטלעכער קאפיטאליזם האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כחות אויף צו ראטעווען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּוילן. די רויטע ארמיי האָט צוריקגעטראָטן פון ווארשע. דער טייוולשער פלאַן פון יענע, וואָס האָבן אָנגעדרייצט פוילן אויף דער סאָוועטן־רעפּובליק, האָט זיך ניט איינגעגעבן. פוילן האָט ניט געקאָנט ברעכן די סאָוועטישע מאכט. עס זיינען אָבער אויך נישט פארווירקלעכט געוואָרן די האָפנונגען, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין פארבינדונג מיט דעם מארש פון דער רויטער ארמיי אויף ווארשע.

דער צוריקטריט פון דער רויטער ארמיי איז געווען אזוי ווי א ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון דער נאָך־מלחמה׳דיגער רעוואָלוציאָנערער

באוועגונג. דער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט די גאַנצע צייט פּלינק מאַנעוור־ירט, געהאַלטן אין באַפעסטיקן זיינע מיליטערישע און פּאָליציייאישע אַפּאַראַטן און געקראָגן די אַקטיווע שטיצע פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, הויבט אָן צו ברייגען זיינע רייען אין אָרדנונג. די פּאַרלאַמענטעריזם וועלט פאַרביטן אויף דער פּריעדריגער בורזשואזער זעלבסט־זיכערקייט. פון פּאַרטיידיקונג גייט דער קאַפּיטאַליזם איבער אין אַטאַקע. עס וועלן מקוים לעניג'ס ווערטער, אַז די גרעסטע און דער אומגליק פאַר אייראָפּע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט זיינען ניטאָ קיין גוט־אָרגאַניזירטע און פאַראייניגטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע הויבט אָן פאַלן. אָבער מעכטיג בלייבט שטיין די ערשטע אַרבעטער־רעפּובליק. עס ווערן שטאַרקער און מער־פאַר־האַרטעוועט די ניי־אויפגעוואַקסענע רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געבראַכן געוואָרן אויף די באַריקאַדן פון בירגער־קריג, אין קאַמף געגן קאַפּיטאַל און זיינע לאַקייען. עס ווערן אויך שטאַרקער די רעוואָלוציאָנערע קעמערלאַך אין די יוניאָנס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ערב דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

נאָך דעם, ווי דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיגט, האָט די סאָוועטן־רעפּובליק אָנגעהויבן איבערקוקן איר עקאָנאָמישע פּאָליטיק. דער מיליטערישער פראָנט ווערט אָפּגערוקט אין הינטער־גרונט און זיין אָרט פאַרנעמט דער עקאָנאָמישער פראָנט, וואָס פאָדערט קודם־כל, אַז עס זאָל ליקווידירט ווערן דער מיליטערישער אָדער קריגס־קאָמוניזם.

די ערשטע פאַרבינדונג פאַר דעם ווירטשאַפטלעכן ווידערגעבורט פון סאָוועטן־רעפּובליק איז אַ פאַרשטאַרקטער בונד צווישן די אַרבעטער פון שטאָט און די פּויערים. כדי די פּויערים זאָלן זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט אויף זייערע פעלדער, איז געווען נויטיג, אַז יעדער פּויער זאָל פילן און פאַרשטיין, אַז אונטער דעם נייעם רעזשים קאָן ער פון זיין אַרבעט קריגן נוצן פאַר זיך אַליין. דער פּויער האָט געדאַרפט זען, אַז ער קאָן פריי פאַרקויפן די תבואה, וואָס אים בלייבט איבער, און פאַר'ן געלט זיך איינ־קויפן די פאַבריצירטע פּראָדוקטן, אין וועלכע ער נויטיגט זיך.

ס'זיינען אויך נויטיג געווען גרינדלעכע ענדערונגען אין די אינדוס־טריעלע איינאָרדנונגען. צו יענער צייט האָט די סאָוועט־רעגירונג נאָך ניט געקאָנט ספּראַווען זיך מיט דער גאַנצער אינדוסטריע, און ס'איז נויטיג געווען געוויסע צווייגן איבערצוגעבן אין אָרענדע צו פאַבריקאַנטן און אונ־טערנעמער, וואָס זאָלן אויף זייער אייגענער ריזיקע באַטרייבן די אונטער־נעמונגען. די וויכטיגסטע אינדוסטריען האָט די סאָוועטישע מלוכה גע־לאָזט אין אירע הענט, און דאָס האָט איר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קאָנ־טראָלירן דעם אַלגעמיינעם אינדוסטריעלן אַפּאַראַט און צוגרייטן אַ באָדן פאַר דער פולשטענדיגער סאָציאַליזאַציע פון אַלע פּראָדוקציאָנס־געביטן.

דער דריטער צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגעקומען שוין נאָך דעם, ווי ס'איז קלאָר געוואָרן דער נידערשוואונג

פֿון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. ניט געקוקט דאַרויף, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען מיט אַ מער לאַנגזאַמען טעמפּאָ, האָט דער דריטער צוזאַמענפֿאָר אָבער געקאָנט אָנווייזן אויף דעם וואוקס פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן עס זיינען געווען פֿאַרטראָטן 52 פּאַרטייען. די באַשטאַנד־טיילן פֿון קאָמינטערן זיינען שטאַרקער געוואָרן, און דער בונד צווישן זיי איז געוואָרן ענגער. עס איז צו יענער צייט געווען באַזונדער קלאָר, אַז די פּאַרטייען פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זיינען די הויפּט־שטיצע פֿון דעם קאַפּיטאַליזם אויף צו איינהאַמעווען דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג פֿון די מאַסן. די דאָזיגע פּאַרטייען האָבן פֿון איין זייט געדינט ווי אַ צונויפֿבונד צווישן דער בורזשואַזיע און די האָרעפּאַשנע מאַסן, און פֿון דער אַנדערער זייט האָבן זיי געשפּאָלטן די אַרבעטער־אַרמיי און אָפּגעצויגן אַ טייל פֿון פּראָלעטאַריער פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־פֿראָנט. דער דריטער צוזאַמענפֿאָר האָט דעריבער אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פֿון אַ פֿאַראייניגטן פֿראָנט.

דער לאָזונג פֿון אַ פֿאַראייניגטן פֿראָנט האָט צוערשט אַזוי ווי צעמישט געוויסע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געמיינט, אַז מ׳איז דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מוחל אַלע פֿאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען געגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דער דריטער צוזאַמענפֿאָר האָט אָבער קלאָר געמאַכט, אַז די פֿאַראייניגונג פֿון די מאַסן פֿאַר געמיינשאַפֿטלעכן קאַמף איז דער בעסטער מיטל צו דיסקרעדיטירן די סאָציאַל־פּאַטריאָטן און אָפּשפּאַלטן פֿון זיי יענע מאַסן, וואָס קוקן נאָך אויפֿ׳ן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווי אויף אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

די פֿירער פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דעם לאָזונג פֿון אַ פֿאַראייניטגן פֿראָנט און האָבן מיט אַלע כחות זיך געשטעלט געגן דער דאָזיגער באַוועגונג. דער פּרעסטיזש פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז דערמיט נאָך מער געפֿאַלן צווישן די מאַסן, בעת דער פּרעסטיזש פֿון קאָמינטערן איז געשטיגן.

מיט דעם פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דעם 7טן נאָוועמבער, 1922, פֿאַרענדיגט זיך די תקופה פֿון בירגער־קריג, די תקופה פֿון קריגס־קאָמוניזם. דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען צו דעם פֿינפֿטן יובילֿיי פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע—אַ פּאַסיגער מאָמענט אויף אונטערצוציען סך־הכל׳ען, אַ פּאַסיגער היסטאָרישער עטאַפּ אויף אָנצוצייכענען ווייטערדיגע פּערספּעקטיוון. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פֿון באַפֿעסטיגונג, קאָנסאָלידאַציע און אויסשפּרייטונג אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די געשעענישן זינט 1922 זיינען רייך אין רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט און פֿאָדערן אַ באַזונדערן שטודיום.